STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05060

MORAL, MUT UN GLOYBN

Ariel Koprov

•

*Permanent preservation of this book was made possible
by Bernard Guyer, Evelyn Gage, Marilyn Rice & their spouses
in honor of
their mother, Chana Guyer and late father, Sydney*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַריעל קאָפּראָוו

„מאָראַל, מוט און גלויבן“

ארויסגעגעבן דורך א קאמיטעט
טאראנטא, 1993

ARIEL KOPROV

"MORAL MUT ON GLOIBN"
"Moral, Courage and Faith"

Copyright
ARIEL KOPROV
Toronto, Canada
1993

Typeset and Printed by
ADLER GRAPHICS
Toronto 1993

אַריעל קאָפּראָוו

אַ ייד, וואָס וויל קיין ייד נישט זיין,
ווערט קיין מענטש אוודאי נישט זיין.
„נצח ישראל לא ישקר".

גערווידמעט מיט ליבשאַפט
מיינע טייערע אייניקלעך:
ליאַט, מייקל, העדיק, נירית.

פאָרוואָרט

דאָס בעסאַראַבער יידנטום איז געווען איינס פון די חשובסטע יידישע שבטים אין מזרח-אייראָפּע. בעסאַראַביע האָט עקסיסטירט שוין אין אָנהייב פון זיבצנטן יאָרהונדערט אונטער דער הערשאַפט פון מאָלדאַוואַ. עס איז דערנאָך אָקו-פּירט געוואָרן דורך די טערקן. פון זיי ווערט בעסאַראַביע אי-בערגענומען דורך די רוסן, וועלכע האַלטן בעסאַראַביע ווי אַ טייל פון זייער אימפּעריע קנאַפּע 100 יאָר. אין 1918, לויט אינ-טערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן, גייט בעסאַראַביע איבער צו רו-מעניע, וועלכע האַלט עס ביזן יאָר 1940 -- די ערשטע יאָרן פון דער צווייטער וועלט-מלחמה. עס ווערט דאַן ווידער אָקופּירט פון די רוסן, אָדער ווי זיי האָבן זיך דעמאָלט גערופן -- דער סאָוועטן-פאַרבאַנד.

במשך די איבערגאַנגס-תקופות פון איין לאַנד צום צווייטן, האָט דער יידישער באַפעלקערונג אין בעסאַראַביע נישט געפעלט קיין איבערלעבענישן און צרות. בעסאַראַביע איז זייער אַ פרוכטבאַר לאַנד. עס פאַרמאָגט נאַטירלעכע אוצרות, רייכע שוואַרצע ערד, גרינע פעלדער, גענוג וואַסער, פרוכטן-סעדער און ווייַנגערטנער, וואָס אַלץ צוזאַמען איז שווער צו גע-פינען אין אַנדערע טיילן פון דער וועלט. דאָך איז בעסאַראַ-ביע, אין די צייטן פון די צאַרס, געווען באַשטימט ווי אַ שטראָף-קאָלאָניע, וווּהין מען האָט פאַרשיקט פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. אַזוי איז, למשל, דער רוסישער באַרימטער שריי-בער פושקין פאַרשיקט געוואָרן אַהין אויף 10 יאָר.

פאַר יידן אָבער איז בעסאַראַביע געווען אַ מין מקום מקלט. רוסישע יידן, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון די אַנטיסע-מיטישע פאַרפאָלגונגען און פּאָגראָמען אין זייער לאַנד, האָבן זיך באַזעצט אין בעסאַראַביע און דאָרט געבויט אַ ניי לעבן פאַר זיך. זיי האָבן באַאַרבעט די פעלדער, איינגעשטעלט וויינ-גערטנער, אַנטוויקלט דעם האַנדל און קאָמערץ, זיך פאַרנומען מיט פאַרשיידענע פאַכן און בכלל געהויבן די עקאָנאָמיע פון דעם דאָזיקן לאַנד.

אין מיין פריערדיקן בוך **„צווישן צוויי וועלט מלחמות"**, האָב איך אָנגעוויזן אויף די פּראָבלעמען, אויף דער סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג אין זייער קאַמף

פאַר עקסיסטענץ, סײַ אױפֿן געביט פֿון פֿאַמיליע-לעבן, סײַ אױפֿן געביט פֿון דער עקאָנאָמיע. אין דעם איצטיקן בוך: „מאָראַל, מוט און גלױבן", װאָס איז כמעט װי אַ פֿאָרזעצונג פֿון מײַן ערשטן בוך, ברענג איך אַרױס די איבערלעבונגען פֿון אַ ייִדישער משפּחה אין פֿאַרשײדענע תּקופֿות און אין פֿאַרשײדענע טײלן פֿון יענער געגנט. דאָס זײַנען עפּיזאָדן פֿון לעבן, געבױט אױפֿן הינטערגרונט פֿון אמתע פּאַסירונגען און פּערזענלעכן װיסן.

דער לײענער װעט קענען כאַפּן אַ בליק, װי אַזױ די ייִדן אין יענע צײַטן, אין יענעם לאַנד, האָבן געלעבט, געליבט, געבױרן קינדער און אײניקלעך, אױסגעהאַקט אַ לעבן, זיך באַמיט צו געבן זײערע קינדער ליבעראַלן װיסן, געחלומט װעגן אַ בעסערער צוקונפֿט און געזוכט זײער פּלאַץ אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד -- ארץ-ישׂראל. אַ טײל האָט געהאַט דערפֿאָלג, אַ טײל האָט זיך שװער געמוטשעט, אָבער קײנער האָט זײערע האָפֿענונגען נישט פֿאַרלױרן. זײ האָבן זיך אױפֿגעפֿירט מאָראַליש אַנטקעגן די אַנדערע מיטגלידער פֿון דער ייִדישער און מענטשלעכער ראַסע; זײ האָבן מיט מוט דורכגעמאַכט זײערע איבערלעבענישן און קײנמאָל נישט אױפֿגעגעבן זײער גלױבן אין גאָט, אין מענטש און אין אַ בעסערער צוקונפֿט.

דאָס בוך אַנטהאַלט אַרום 250 זײַטן, גרױסע שריפֿט, אין אַ גוטן מאָדערנעם ייִדיש. עס נעמט אױך אַרײַן אַ צװײטע קלענערע דערצײלונג, געבױט אױף די זעלבע פּרינציפּן, װי אױך פּאָעמעס און עסײען. אַ טײל פֿון די זאַכן זײַנען שױן געװען געדרוקט אין דעם זשורנאַל „דער אָנהײב" און אין „פֿאָרװערטס".

מײַן ערשט בוך האָט באַקומען גוטע אָפּרופֿן פֿון דער פּרעסע און פֿון די לײענער. (אגב, װערט דאָס בוך איצט איבערגעזעצט אין דער ענגלישער שפּראַך). עס איז מײַן האָפֿענונג, אַז אױך דאָס בוך װעט געפֿעלן װערן דעם לײענער און די אָפּרופֿן װעלן זײַן צופֿרידנשטעלנדיקע.

אַריעל קאַפּראָװ

ABOUT THIS BOOK

The Jews of Bessarabia were one of the most respected Jewish tribes in Eastern Europe. Bessarabia was already in existence as early as the beginning of the seventeenth century under the rule of Moldavia. It was later occupied by the Turks. Russia took it away from the Turks and kept Bessarabia as part of her empire for around 100 years. In 1918, according to international agreements, Bessarabia was given over to Rumania. who ruled over it till 1940 - the first years of World War II. Again Bessarabia was occupied by Russia, or as they were known then - the Soviet Union.

During all those transition periods from one ruler to another, the Jews of Bessarabia suffered all kinds of troubles and persecutions. Bessarabia is a very fertile region. It contains national resources, rich black soil, green fields, plenty of water, fruit orchards and vineyards. Seldom can all this together be found in other parts of the world. However, in the times of the Czars, Bessarabia was designated as a penal colony for political prisoners. It is known that the famous Russian writer Pushkin was exiled there for 10 years.

On the other hand, Bessarabia served as a "Mokem-Miklet" - a sanctuary - for Russian Jews, who escaped antisemitic persecutions and pogroms in their country. They settled in Bessarabia and built a new life for themselves. They worked the fields, attended to the vineyards and fruit orchards, established businesses and commerce, and became craftsmen. In general they gave much of themselves into strengthening the economy of the land.

In my previous book "**Between The Two World Wars**" I pointed out the problems, the structure of the Bessarabian Jews in their struggle for existence in the area

of family life or in the area of the economy. In the current book: "MORAL, COURAGE AND FAITH", which is almost like a continuation of the first book, I write about the experiences of a Jewish family in different periods and in different parts of the region. These are real-life episodes, based on true to life facts and my personal knowledge.

The reader will have the opportunity to learn how Jews in those times and in this European country lived, loved, brought up children and grandchildren, eked out a living, tried to give their children a liberal education. At the same time they kept on hoping for a better future and dreaming of a place in the promised land of Israel. Some succeeded in their ventures, some worked hard and remained poor. But they never lost their hopes. They behaved *morally* toward other members of the Jewish and human race; they lived through their experiences with *courage* and never lost *faith* in God and in mankind for a better future.

The book has around 250 pages, in big type and in a modern Jewish language. Also included is a smaller story, which takes place in the same region, at the same time period. To round out the contents we added some poems and essays. Some of the works were already printed in the Jewish "Forward" and other Jewish publications.

My first book received a good response from the press and from the readers. (It is now being translated into English). It is my hope that this book will be accepted by you, the reader as well.

Thank you for your support.

ARIEL KOPROV

בּערל ביכער

בּערל בּירנבּוים איז געווען אַ פיין דערצויגענער ייד, דער זון פון רבי מנחם בּירנבּוים, דער רב פון ווייס-רוסלענדישן שטעטל זעמעטש, פּאָדאָליער גובערניע. ער איז געווען אין דער מיטל-וווּקסיקער הייך, אַ פלינקער; זעלטן אויסגעשלאָפן די נאַכט וויפל גאָט האָט אים צוגעטיילט. . . ער האָט געהאַט צוויי אָנשטענדיקע בּאַלעבּאַטישע אויגן, וואָס האָבּן גערעדט פון זיך אַליין. אויך אַ קורץ בּערדל מיט אַ קאָפּ בּאַשווערט פול מיט ביכער. מיט זיין בּאַשערטער האָט ער געפירט אַ לעבן כדת משה וישראל. זיי האָבּן אָפּגעהיטן יידישקייט לויט די געבּאָטן פון דער תורה, מיט אַלע רעליגיעזע מנהגים און יידישע טראַדיציעס, אפילו אויפן חשבון פון דער פרנסה.

ער האָט חתונה געהאַט מיט זיין פרוי עטי, פון זייער אַ פיינער משפחה, דורך אַ פלוצעמדיקער ליבע, וואָס ער קען דאָס נישט פאַרגעסן און דערמאָנט עס יעדעס מאָל ווען ער בלייבט זיצן מיט איר אַליין. אירע עלטערן האָבּן גלייך צוגעשטימט צום שידוך און טאַקע פיל מאָל זיי אַרויסגעהאָלפן. איר פאָטער האָט געהאַט אַ רעסטאָראַן און געהאַט פון וואַנען אויסצוהאַלטן אפילו נאָך צוויי פּאָרלעך.

פּאַר בּערלען איז געווען גענוג צו לערנען צוויי יאָר אין דער צאַצקאָווער ישיבה און אין דער רוסישער מלוכה-שולע. פון דער ישיבה האָט מען אים משלח געווען, ווייל ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט לייענען ביכער פון די רוסישע קלאַסיקער: לערמאָנטאָוו, פּושקין און אַ ריי אַנדערע. ער האָט אויך גערעדט אַ גוטן לשון קודש און יידיש און געלייענט זייער אַ סך, אפילו געלעגן און געלייענט שְעהן בּיינאַכט. דאָס אַלץ האָט אים געבּרענגט צו פאַרנעמען זיך מיט אַ זייער זעלטענער

פרנסה: קויפן און פאַרקויפן ביכער. דאָס הייסט, קויפן האָט ער געקויפט בזול הזולות -- כמעט ווי אומזיסט. ס'האָבן זיך אפילו געמאַכט פאַלן, ווען ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו קויפן, האָט מען דאָס איבערגעלאָזט ביי אים אָן געלט, בחינם. בערל האָט געהאַט זיין אויסרעכענונג. די מערהייט מיטלשטאַנד בירגער וווינען אין ענגע צימערן, איז אַז מ'לייענט איבער דאָס בוך לייגט מען עס איבער פון איין אָרט אויפן צווייטן, אַהער, אַהין, ביז דאָס ווערט אַ נכשל אינעם טאָג-טעגלעכן לעבן. פאַרקויפט מען עס צו בערלען. וויפל ער וועט געבן וועט זיין גוט.

אַזוי אַרום האָט זיך ביי בערלען געשאַפן אַ גאַנצע ביבליאָטעק ביכער, יידישע, רוסישע און אפילו אין אַנדערע שפּראַכן; ביכער, וועלכע האָבן געקאָסט קאָפּיקעס. ער פלעגט מישן, איבערקלייבן און זיך גרויסן מיט זיין פאַרמעגן. אין שטעטל האָט מען אים גערופן „בערל-ביכער". ס'האָט זיך ביי אים אויסגעאַרבעט אַ ספּעציפישער טאַלאַנט ביים פאַרקויפן די ביכער. ער האָט געקענט געבן אַזאַ רעצענזיע וועגן בוך, דאָס דער קונה האָט גלייך געקויפט. אין שול פלעגט מען אים רופן „בערל מוכר-ספרים", אים אָפּגעגעבן אַ באַזונדערן כבוד, ווייל דאָס יידישע פאָלק איז שטענדיק געווען אַן עם-הספר. מען האָט אים אָפט אויפגערופן צו דער תורה און אפילו געגעבן מפטיר. בערל האָט געקענט אַלע נוסחאות פונעם דאַווענען, אָבער נישט געוואָלט אויף אַזויפיל אַרויסווייזן אויס מורא מ'זאָל אים נישט פאַרלייגן צו ווערן אַ חזן.

אין דער פרייער צייט, אין אויסנאַם-פאַלן, פלעגט ער ליב האָבן צו דיסקוטירן איבער תורה-ענינים און וועגן שרייבערס. געוויינלעך האָט ביי אים פאַרנומען דעם אויבן-אָן דער רעאַליזם און פאָלקסטימלעכקייט פון די יידישע שרייבער. ער האָט ליב געהאַט זיך צו באַנוצן מיט אַ וויץ, דערציילן אַ יידישן אַנעקדאָט, ברענגען אַ צוגעגלעכן משל.

עטי, זיין פרוי, האָט אים אין גאַנצן באַהערשט מיט איר שיינקייט. ער האָט געשאַצט, אַז זי איז שענער פון אַלע פרויען. פרייטיק פאַרנאַכט, ווען זי בענטשט די ערב-שבתדיקע ליכט, וואַרט ער אומגעדולדיק ביז זי וועט אַוועקנעמען די הענט פון איר פנים, ער זאָל קענען אויף איר קוקן. און ווען מ'זיצט ביים טיש, שיקט ער תמיד זיינע בליקן אין איר ריכטונג. זי קען זיך אַזש נישט אָפּוווּנדערן -- איז דאָס אמתע

ליבע? ער פלעגט שטענדיק דאַנקען דעם רבונו של עולם פאַר צושיקן אים אַזאַ מתנה.

עטי פלעגט זיך זייער פיין און ליבלעך באַציען צו איר מאַן. זי האָט איינגעזען, אַז ער פאַרשטייט מער פון איר. זי פלעגט טענהן, אַז ער פאַרשטעקט זיינע חברים אין גאַרטל. פאַר זיין אַהיימקומען פלעגט זי אַ לענגערע צייט פאַרברענגען ביים שפיגל; זיך ריין און שיין אויסגעפוצט, און זיך געשטעלט פאַר אים, אַזוי ווי ער האָט ליב געהאַט. איר שטענדיקער שמייכל אויפן געזיכט, אַ געשניצט נעזל מיט צוויי ליכטיקע אויגן, וואָס רעדן, דריקן אויס חכמה און פאַרשטאַנד. אָפט-מאָל פלעגן זייביידע זיצן און דיסקוטירן אויף ליטעראַרישע טעמעס, ווייל זי פלעגט אויך לייענען פיל ביכער, דער עיקר ראָמאַנען. זי האָט זייער געהאַלטן פון פושקינען, אפילו געקענט זיינע פּאָעמעס אויף אויסנווייניק.

בערלס פאָטער, רבי מנחם בירנבוים, איז געווען זייער אַ פיינער מענטש, אַ בעל-תורה, אַן אָנגעזעענער אין דער גאַנ-צער גובערניע, אָבער שוין געווען גאָר אַלט און שוואַך. בערל פלעגט זיך צו אים צוכאַפּן מבקר חולה זיין. דעמאָלט האָט בערל זייער ליב געהאַט אויסצוהערן פון זיין פאָטער אַ ביסל תורה און מדרש. זיין מוטער פלעגט אים קושן, ווי מ'קושט אַ קליין קינד, אים גערופן „בערעלע" מיין טייערער, כאָטש ער איז שוין געווען אין די יאָרן.

ביי בערלען און עטין ווערט געבוירן אַ ייִנגעלע און מען גיט אים אַ נאָמען, ווי דער שטייגער איז ביי יידן, נאָך זיין זיידן יעקב, דעם רבס פאָטער. צום גליק האָט יאַנקעלע געהאַט דעם זעלבן אויסזען ווי זיין פאָטער בערל.

* * *

אין דעם גרעסטן מזרח-אייראָפּעיִשן לאַנד, רוסלאַנד, ביים סוף פון נייַנצנטן יאָרהונדערט, האָבן זיך אָנגעהויבן אומרועז אָן אויפהער אויפן עקאָנאָמישן און סאָציאַלן געביט. אין צאַרישן רוסלאַנד זיינען יידן געווען פּאָליטיש און סאָציאַל רעכטלאָז. דער רעזשים איז געווען טראַדיציאָנעל אַנטיסעמיטיש, און דער אַנטי-יידישער קורס האָט געהאַט אַן אָנהאַלט אין די רוסישע מאַסן. זיי האָבן פאַרבינדן זייער אָרעמקייט און עס געמאַכט אָפּהענגיק פון די יידן. די יידישע מאַסן האָבן

באַשלאָסן אויסצונוצן דאָס געזעץ געחתמעט פון צאַר ניקאָליי דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעוויזן, אַז בכדי צו קולטיווירן די בעסאַראַבער שוואַרצע ערד, איז דערלויבט פאַר יידן אַרויסצו-פאָרן אַהין, אָרגאַניזירן ישובים און זיך באַנוצן מיט די הנחות: נישט צאָלן קיין שטייערן, און זייערע זין וועלן נישט גענומען ווערן אויף 25 יאָר מיליטער דינסט. יידן קענען זיך אויך אָפּגעבן מיט אַלערליי מסחרים. האָבן זיך יידן אַ לאָז געטאָן אין דער „פעטער" בעסאַראַביע. עס האָבן זיך באַלד אָרגאַניזירט קאָלאָניעס פון אָנגעקומענע יידן פון פּאָדאָליע און ווייס-רוסלאַנד. אין די דאָזיקע טעג, ווען די ידיעות האָבן זיך געטראָגן איבערן יידישן ישוב, זיינען זיך יידן אָפּט צוזאַמענגע-קומען צו באַשליסן וועגן דער צוקונפט.

עטיס פאָטער, שלמה וויניק, מיט זיין פרוי זיינען איינ-מאָל געקומען צו גאַסט צו בערלען. מען זיצט און מען רעדט אַרום די לאַגע פון די יידן און מען קלערט וואָס צו טאָן. און אַזוי איז מען אָפּגעזעסן ביז אַרום האַלבע נאַכט און ענדלעך האָבן זיי זיך פאַרנומען אַהיים צו גיין. ווען זיי האָבן געעפנט די טיר האָבן זיך אַריינגעשטופּט צוויי „זשלאָבעס", שיכּור ווי לוט. איינער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו שלמהן. דער צווייטער אָבער האָט באַלד דערקענט שלמהן, ווייל זיי פלעגן ביי אים טרינקען. ער האָט אַ געשריי געטאָן צום אָנפאַלער: „אוכאַדי! יאַ פריקאַזעוואַיו, צע שלאָמע" (גיי שוין אַוועק, כ׳באַפעל דיר, דאָס איז שלמה). ער איז צוגעגאַנגען, געגעבן שלמהן די האַנט. שלמה זאָגט אים: „זאָלסט וויסן דאָ וווינט מיין טאָכטער. . . דו הערסט!" „דאַ, סלושאַיו" (יאָ, כ׳הער). אַזוי אַרום איז אַלץ אַדורך בשלום.

פריער ביים טיש איז שלמה געווען קעגן ערגעץ ווו איבערפאָרן. איצט האָט ער שוין אָנגעהויבן צווייפלען. טאַקע אמת, אַז ער איז רייך און די שיכורים טרינקען ביי אים, נאָר ער קען אַמאָל אָנווערן זיין לעבן. און צוריקהאַלטן זיין טאָכטער פון איבערפאָרן, איז נישט כּדאַי.

בערל מיט עטי האָבן שוין נישט צוגעמאַכט קיין אויג ביז אינדערפרי. זיי האָבן באַשלאָסן צו מאַכן פלענער וועגן איבערפאָרן קיין בעסאַראַביע, אם ירצה השם, אַזוי שנעל ווי מעגלעך. זיי וועלן מער נישט געטרויען זייערע לעבנס צו די רוסישע שיכורים-באַנדיטן.

יאַנקעלע איז אונטערגעוואַקסן. אין שטעטל איז אָנגע-

קומען אַ יידיש-העברעיִשער לערער, וועלכער איז אויך געווען אַ שרייבער פון יידישע ביכער. ער האָט געעפנט אַ פּריוואַטע שולע צו לערנען יידישע קינדער יידיש, לשון קודש און תנ"ך. עס זיינען צו אים געגאַנגען אַ צאָל קינדער פון מער פאַרמעג-לעכע משפחות. צווישן זיי איז אויך געווען יאַנקעלע. ער איז געווען אַ שטיל, זייער גראָטן יינגעלע און זיך גוט געלערנט. דער לערער האָט געלייגט גרויסע האָפענונגען, אַז ער וועט זיין אַ גוטער תלמיד. אָנגעהויבן האָט ער אַלט זייענדיק 4 יאָר און ביי 10 יאָר האָט ער שוין געקענט אַ גוטן לשון קודש, געלערנט חומש און רש"י און איז געווען אויך אַ גוטער שילער אין דער רוסישער מלוכה-שולע. אים האָט, ווי ביי זיין פאָטער, געצויגן צו ליטעראַטור. ער האָט פרי אָנגעהויבן לייענען ביכער פון די רוסישע קלאַסיקער, ווי זיינע עלטערן.

עטי האָט געקראָגן דעם אַדרעס פון אירס אַ שוועס-טער-קינד אין בעסאַראַביע. זיי האָבן זיך ביז איצט קיינמאָל נישט איבערגעשריבן, נאָר ווי זאָגט מען: „אַז מידאַרף דעם גנב נעמט מען אים אַראָפּ פון דער תליה". האָבן זיך ביידע, בערל און עטי, אָוועקגעזעצט און אויסגעשטעלט אַ פיינעם, וואַרעמען בריוו, מיט אַלע פּינקטלעכקייטן, בזה הלשון: „טייערע, גוט-האַרציקע קרובים, איר ווייסט מסתמא וועגן אונדזער לאַגע דאַ. אַפּעלירן מיר צו אייער געוויסן. ענטפערט אונדז צי ס'איז אַ געדאַנק פאַר אונדז אַריבערצופאָרן צו אייך? צי וועט איר אונדז קענען מיט עפּעס העלפן ביי אונדזער איינאָרדענען זיך?"

דער בריוו האָט זיך דערשלאָגן צו הערשל ביידער אין קישענעוו, בעסאַראַביע. זיי האָבן דאָס געלייענט און האָבן באַשלאָסן, אַז אַ ייד, אַ קרוב שטרעקט אויס אַ האַנט, דאַרף מען אים העלפן. זיי האָבן געענטפערט אַ זייער באַפרידיקטן בריוו, אַז אין די ראַמען פון זייערע מעגלעכקייטן, און מיט דער הילף פון דער יידישער קהילה, וועלן זיי אַלץ טאָן פאַר זיי. ווייטער באַדאַרף מען זיך פאַרלאָזן אויף דעם, וואָס לעבט אייביק, ער זאָל פירן אויפן וועג פון הצלחה.

נאָכן באַקומען דעם בריוו האָט זיך אָנגעהויבן אַ גערו-דער, אַ סדרה פון שלאָפלאָזע נעכט. בערל מיט עטין האָבן זיך איבערגעיאָגט מיט פאַנטאַזיעס וועגן לעבן אין דעם נייעם וווין-אָרט. עטי האָט אפילו ביי זיך באַשלאָסן, אַז זי וועט אַ ביסל צואַרבעטן, כדי עס זאָל בערלען זיין גרינגער אין דער פרנסה. יאַנקעלע האָט זיך אונטערגעהערט און אויך אַריינגע-

וואָרפֿן אַ וואָרט, אַז ער וועט אויך צוהעלפֿן, ער איז דאָך שוין באַלד אַ בר־מצוה.

מען האָט מיט שוועריקייטן צוגעגרייט די נויטיקע פּאַפּירן, מען האָט איינגעפּאַקט די זאַכן, וועלכע מען האָט געמוזט און געקענט מיט זיך נעמען. ענדלעך איז אָנגעקומען דער טאָג פֿון אָפּפֿאָרן. מיט געוויינען, האַלדזן און קושן האָט מען זיך געזעגנט מיט קרובים, שכנים און באַקאַנטע. יעדער האָט זיי געווּנטשן הצלחה און געבעטן זיי זאָלן שרייבן, ווי ס'זעט דאָרט אויס. אפֿשר וועלן אַנדערע נאָכטאָן זייער ביישפּיל. יאַנקעלע איז געווען אַ ביסל טרויעריק, ווייל ער האָט נישט געוואָלט איבערלאָזן דאָס שטעטל פֿון זיין געבורט, זיינע חברים און די שולע מיטן לערער. צו דער זעלבער צייט איז ער געווען אַ ביסל ציטערדיק און נייגעריק, וואָס עס דערוואַרט אים דאָרט אין דער נייער היים. געפֿאָרן איז מען אַ טאָג מיט דער באַן און דערנאָך מיט אַ „דיליזשאַנס", אַ ספּעציעלער וואָגן מיט פֿערד, וואָס פֿירט פּאַסאַזשירן פֿון איין שטאָט אין דער צווייטער.



פון פּאָדאָליע קיין קישענעוו

די שטאָט קישענעוו איז אַן אַלטע, נאָך עטאַבלירט געוואָרן אין דער צייט פון ראָמאַן דעם ערשטן (1391-1394). עס האָבן געלעבט דאָרט אַ סך יידן און געהאַט געוויסע פּריווי-לעגיעס. אונטער דער הערשאַפט פון צאַר סטעפאַן דעם גרויסן (1457-1504) זיינען יידן אפילו געווען מיניסטאָרן אין דער מלוכה.

די שטאָט קישענעוו האָט צו פאַרדאַנקען פיל פון אירע אַנטוויקלונגען דער יידישער באַפעלקערונג. אין 1816 האָבן די יידישע בירגער אויפגעבויט דעם ערשטן יידישן שפּיטאָל, די ערשטע שול, די ערשטע יידישע קהילה. דער ערשטער רב, וואָס איז שפּעטער אָפּגעפאָרן קיין פּאַלעסטינע, איז געווען ר' חיים טשערנאָוויצער.

שוין אין יענע יאָרן איז קישענעוו געווען אַן אימהדיק רוישנדיקע שטאָט. פוסגייער גייען נישט, ווי געוויינלעך, נאָר מ'לויפט מיט לאַנגע שפּאַנען, נישטאָ קיין צייט זיך אָפּצו-שטעלן. מען איילט זיך. און ווען איינער שטעלט אָפּ אַ צווייטן, וואַרפט אים יענער אַ בליק, ווי ער וואָלט געזאָגט: „זאָג וואָס דו דאַרפסט און לאָז מיך צורו". דאָ און דאָרט הערן זיך אויסגעשרייען פון די קלייטניקעס, וואָס לויבן אויס זייער סחורה.

לויפט אַ יינגל מיט אַ פּעקל צייטונגען, קוים וואָס ער קען עס טראָגן און שרייט אויס: „50 פאַרוווּנדעטע, 13 גע-הרגעטע!" אַז מען פרעגט אים וווּ? זאָגט ער: „קויפט די צייטונג וועט איר וויסן וווּ!" אַ יונג דינסטמיידל שטופּט אַ וועגעלע מיט אַ רייך יידיש יינגעלע. זי זינגט אים צו אַ לידע-לע און דערביי מאַכט זי מינעס מיט איר געזיכט און גלעט

אירע לאָקן, כדי צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון עפּעס אַ שפּאַצירנדיקן בחור, וואָס וואַרפט איר צו אַ זייטיקן בליק. דאָס קינד כאַפּט אַ דרימל, נישט געקוקט אויף די קולות פון אַרום.

ביים ווינקל פון גאַס זיצט אַ יונגער בחור מיט אַזאַ בענקעלע און אַ טאַבורעטקע, אויף וועלכער ס'ליגן עטלעכע פּושקעלעך מיט ווייסע, שוואַרצע און ברוינע שמירעכצן צו פּוצן די שיך, ווי אויך אַ פּאָר פּליושענע שמאַטעס צו געבן די שיך אַ גלאַנץ. דעם יינגלס אויגן זיינען געוואָנדן צו יעדן דורכגייערס שיך. ער שטעלט זיי אפילו אָפּ און ווייזט אָן מיט דער האַנט: „נו. . . כאַפּ אַ פּוץ". . . מענטשן לויפן, נאָר ס'יוערט אַ מאָל פּאַרבלאָנדזשעט אַ גאַסט, וואָס איז געקומען באַזוכן די שטאָט און וויל אויסזען שיין, באַפּוצט פון קאָפּ ביז די פיס. ער שטעלט אַוועק דעם פוס. . .

שטייט אַ ייד מיט אַ קויש בייגל און שרייט אויס אין רוסיש אָדער אין יידיש: „פרישע בייגל, נאָר וואָס אַרויס פונעם אויוון!" ער לויפט אַרום פון קאַיאַר, שפּאַרט זיך אָן אין אַ וואַנט און כאַפּט אָן דעם אָטעם. לעבן אים שטייט אַן אַלטער ייד מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט. ער וואַרט אויף אַ „ווייך הארץ", וואָס זאָל אים אַריינוואַרפן אַ נדבה. דער בייגל-פאַרקויפער האָט מיטלייד און שענקט אים אַ בייגל.

עס פאָרט אָן אַ בעל-עגלה מיט אַ „פייעטאָן". ער פירט אַ פּאָרל צום וואָקזאַל. ער יאָגט דאָס פערדל, וואָס לויפט שוין פון פאַרטאָג אָן, עס זאָל שנעלער לויפן, כדי צו דערפירן דאָס פּאָרל און קענען כאַפּן אַ צווייטס פונעם וואָקזאַל. דאָס פערדל קלאַפּט מיט די פּאָטקעוועס אויפן שטיינערנעם ברוק ווי אַן אויטאָמאַט אָן אויפהער. טראַכט מסתמא וועגן האָבער, וואָס וואַרט אויף אים, ווען ס'ועט טונקל ווערן אין דרויסן.

עס שטייט אַ פרוי, שיין פאַרקעמט מיט אַ ברייטן הוט איבער די אויגן, מ'זאָל זי נישט דערקענען. נישט יעדער דאַרף וויסן ווער זי איז. זי האַלט דריי פּעקעלעך מיט שוועבעלעך און אַ פּעקל קאָנווערטן. טייל דורכגייערס קויפן ביי איר אפילו ווען זיי דאַרפן נישט קיין שוועבעלעך אָדער קאָנווערטן, און וואַרפן איר אַריין עטלעכע קאָפּיקעס אין דער האַנט.

איר טרעפט אַ ייד מיט פאות, אַ שוואַרץ היטל אויפן קאָפּ, אָנגעטאָן אין עפּעס נישט קיין רעקל, נישט קיין קאַפּאָטע; עס הענגען אַרויס די ציצית. ער שטרעקט אויס אַ

ביכעלע -- דאָס איז אַ יידישער לוח. ער קען דאָס נאָר פּאָר-לייגן צו אַ ייד. דאַרף ער צו ערשט באַטראַכטן, צי דאָס איז טאַקע אַ ייד אָדער נישט. . . מען קויפט, ווייל אַ ייד דאַרף אַ יידישן לוח, און זאָל דער ייד פּאַרדינען.

יעדער איז אַ פּרנסה-זוכער. מ׳נעמט אָן אַלערליי מיט-לען, כדי אַרויסצובאַקומען אַ פּאָר רובל פון די קויפערס. עס זיינען צופרידן די פּאַרקויפערס, די קויפערס, ס׳איז צופרידן גאַנץ קהל. אויפדערנאַכט ציילט מען איבער די סומע, וואָס ס׳האָט זיך אָנגעזאַמלט.

ווייטער, אויסגייענדיק די לאַנגע אַלעקסאַנדער-גאַס, זעט מען אַ וועלט מיט מענטשן, יעדער מיט אַן אייגענער געשיכטע, מיט דער זעלבער פראַגע: וואָס טוט ער דאָ? וואָס זוכט ער?

ווען בערל איז אָנגעקומען קיין קישענעוו האָט ער באַלד אויפן צווייטן טאָג גענומען יאַנקעלען און אַרויס אין גאַס אויף אַ שפּאַציר, זיי זאָלן זיך באַקענען מיט דער שטאָט. ער האָט אים געפירט ביי דער האַנט און אים אַלץ אָנגעוויזן און געענטפערט אויף דעם קינדס שאלות. בערלען קומט אויפן געדאַנק, דאָס ס׳קען מעגלעך זיין, אַז אים וועט אויך אויס-קומען צו טאָן דאָס זעלבע. ער דערמאָנט זיך, ווי זיין קרוב האָט אים געשריבן: „קבצנים זיינען אין קישענעוו דאָ גענוג, וועסט קומען, וועט זיין נאָך איינער. אַלע לעבן, וועסטו אויך לעבן". . . ער שטעלט זיך פאָר, ווי ער שטייט אין גאַס און פאַרקויפט ביכער. ער האַלט אַ בוך אין דער האַנט, שטרעקט עס אויס צו אַ דורכגייער: „קויף אַ שיינע מעשה, וועסט לייענען וועסטו אַ הנאה האָבן". וועט זיך איינער אָפּשטעלן, אָנהייבן בלעטערן דאָס בוך. ביי בערלען שאַפּט זיך דער איינ-דרוק, אַז דער וועט זיין אַ קונה. אָבער ווען דער דורכגייער גיט אים צוריק דאָס בוך און זאָגט: ניין! ווערט זיין האַרץ שיעור נישט צעבראָכן. יאַנקעלע שלעפּט דעם פאָטערס האַנט: „טאַטע, וואָס טראַכסטו?" „גאָרנישט, גלאַט אַזוי", ענטפערט בערל.

בערל מעסט זיך אָן אַלערליי פּרנסות. צי וועט ער דאַרפן שטיין אויף די גאַסן, כדי אַהיים צו ברענגען די עטלעכע קאָפּיקעס? אפשר האָט ער געטאָן אַ שלעכטן שריט, וואָס ער איז אַהער געקומען? דאָרט איז ער געבוירן געוואָרן. אַלע האָבן אים געקענט. די יידן און נישט-יידן האָבן אים

געהאָלפֿן שלעפּן די פּרנסה. ער האָט קיינעם נישט גע-שטערט, קיינעם נישט קאַליע געמאַכט; נישט אָנגערירט קיין פֿליג אויף דער וואַנט.

מיט אַ מאָל, גייענדיק מיט יאַנקעלען ביי דער האַנט, גייט אַדורך אַ כאַם מיט געשלענגלטע טריט, דאָ רעכטס, דאָ לינקס, שאָקלט מיטן קאָפּ און פּלאַפּלט עפּעס אומפֿאַרשטענד-לעך. דורכגייערס טרעטן אים אָפּ דעם וועג, נישט צוליב כּבֿוד, חלילה, נאָר צוליב דעם, ווייל ס׳איז בעסער אָפּצוטרעטן דעם וועג פֿאַר אַ שיכּור. בערל באַטראַכט דעם פּרצוף פֿונעם שיכּור, אַ קאָפּיע פֿון די אין דעם טיפֿן רוסלאַנד. דער בראָנפֿן דרינגט אַריין אינעם רוסישן מענטשן, נאָך פֿון די פֿריע צייטן און גייט מיט אים אומעטום, ווו ער זאָל זיך נישט געפֿונען. שוין, ווייזט אויס, אַ ירושה פֿון דור-דורות.

פֿאַרן אַריינגאַנג פֿון די קלייטן שטייען די סוחרים און קוקן אַרויס אויף אַ קונה. דערווייל ווישט מען די וויטרינעס, די פֿענצטער; טייל קוקן גלאַט אַזוי אין גאַס; טייל כאַפּן אַ וואָרט מיטן שכן.

יאַנקעלע האָט נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פֿונעם אַרום. ער איז פֿול מיט פֿראַגעס, אויף וועלכע בערל פּרובירט צו געבן ענטפֿערס. ביי יאַנקעלען האָט זיין פֿאָטער אויסגעזען ווי אַ העלד, וואָס האָט געקענט דאָס אַלץ אָרגאַניזירן, זיי צו ברענגען אין אַזאַ גרויסער שטאָט, ווי קישענעוו, ווו אומעטום איז אַזוי ליכטיק. ער האָט אויך אָנגעהויבן אָנשטרענגען זיין קינדערישן מוח מיט זאָרגן -- טאַקע קליינע, אָבער דאָך. . . וואָס וועט זיין? וועט ער קענען לערנען? וועט ער האָבן חבֿרים? וועט אים זיין פֿאָטער פֿירן אין שולע? ער איז דאָך שוין כּמעט אַ בר-מצווה, שוין כּמעט אַ דערוואַקסענער. ער האָט נאָך מער אָנגעהויבן ליב האָבן זיין טאַטן און אוודאי אויך די מאַמע. ער דערמאָנט זיך, ווי איינמאָל ביינאַכט איז ער געלעגן אויפֿן בעט און נישט געקענט איינשלאָפֿן. ער ליגט אַזוי מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און הערט ווי זיינע עלטערן רעדן צווישן זיך וועגן אים, אַז ער איז גאָר אַנדערש ווי אַנדערע, ער פֿאַר-שטייט שוין כּמעט ווי אַ גרויסער; שטעלט אַזעלכע פֿראַגעס, וואָס זיינען פֿיל מאָל שווער צו ענטפֿערן. מיט גאָטס הילף וועט ער זיין אַ געראָטן קינד.

בערל אָרדנט זיך איין

הערשלביידער, עטיס אַ שוועסטער-קינד, איז געווען אַ תושב אין קישענעוו שוין איבער 20 יאָר. אין שטאָט האָט מען אים געקענט פאַר אַ פיינעם, שטילן ייד. ער האָט געטאָן זיין אַרבעט ווי אַ מעבל-סטאָליער. זיין פאַמיליע איז באַשטאַנען פון אַ פרוי און צוויי טעכטער, וועלכע האָבן געאַרבעט אין אַ פאַבריק פון זאָקן. דער גאַנצער עול פרנסה איז געלעגן אויף הערשלען. די פרוי סאָסיע האָט געפירט די ווירטשאַפט און דאָס דערציען די מיידלעך, זיי זאָלן זיין פיינע, לייטישע קינדער. הערשל האָט שטענדיק נאָר געטראַכט פון וואַנען וועט קומען דאָס גליק פאַר זיי? קיין חברים האָט ער נישט געהאַט. אַלע יאָרן האָט ער נאָר געוווסט פון גיין צו דער אַרבעט און צוריק. ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן דאָס צוויי-פּנימדיקייט פון אייניקע מענטשן; דאָס מקנא זיין איינער דעם צווייטן; זיך צעקושן און דערנאָך באַרעדן. ער איז געווען זייער אַן ערנסטער און האָט זיך נישט געקענט צוקלייבן דאָס, וואָס ער האָט געזוכט. האָט ער ביי זיך באַשלאָסן, אַז נאָר זיין משפחה איז אים צום האַרצן. אַ פיינע פרוי, פיינע קינדער צו גאָט און צו לייט. איצט, אַז גאָט האָט געהאָלפן, ס'זיינען גע-קומען זיינע קרובים, אייגן בלוט און פלייש, האָט ער זיך זייער משמח געווען און געדאַנקט דעם אויבערשטן, וואָס פאַר-לאָזט אים נישט.

* * *

מען האָט זיך געגרייט אויפצונעמען די קרובים. קודם כּל, האָט מען אומעטום ריין געמאַכט, אַז די געסט וועלן קומען זאָל מען קיין בושה נישט ליידן. מען האָט געוואַשן און

געריבן דעם דיל; זיך צונויפגערוקט אין 2 צימערן און אויסגעליידיקט אַ קליין צימערל פֿאַר די קרובים, ביז זיי וועלן געפֿונען ערגעץ צו דינגען אַ וווינונג. אין דעם טאָג וואָס זיי האָבן געדאַרפֿט אָנקומען, האָט הערשל נישט געאַרבעט. די מיידלעך האָבן זיך אָפּגעבעטן פֿון דער אַרבעט אויף פֿיר שעה פֿריער. מיהאָט צוגעגרייט אַ טיש, ווי מיזאָגט „כּיד המלך". אַ פֿלאַש וויין מיט פֿריש ברויט, געפֿילטע פֿיש, און נאָך אַנדערע גוטע זאַכן. מען האָט געבאָרגט צוויי בענקלעך ביים שכן. דאָס איז געווען דער איינציקער שכן, וועלכער האָט געוווּסט וועגן קומען פֿון די געסט. דאָס איז אויך געווען דער איינציקער שכן, מיט וועלכן הערשל פֿלעגט זיך האַלטן נאָענט, אַפֿילו געלייענט די בריוו וועגן זייער קומען. דער שכן איז געווען אַ גביר, דער בעל-הבית פֿון אַ דרוקעריי; אַן אמתער ייד מיט אַ יידיש האַרץ, אַ בעל-צדקהניק מיט דער ברייטער האַנט. צוליב דעם וואָס ער איז אַמאָל געווען אַ גאַליציאַנער, האָט ער מיטגעפֿילט מיט נויט-באַדערפֿטיקע.

דער בעל-עגלה איז צוגעפֿאָרן צו הערשלס שטוב און אַ געשריי געטאָן: „כיהאָב אייך געבראַכט געסט, זייט מוחל, נעמט זיי אויף". מאיר בעל-עגלה האָט מען אין קישענעוו גוט געקענט. ער איז געווען אַ הויכער ייד, אָנגעטאָן אין צוויי גרויסע שטיוול, אונטערגעבונדן דעם בויך מיט אַ רויטן גאַרטל, ווי ער וואָלט געווען אַ פּראָטאָטיפּ פֿון „בעני קריג", אַ העלד אין די „אָדעסער דערציילונגען" פֿון איסאַק באַבעל. דער דאַשיק פֿונעם היטל האָט זיך שטענדיק ביי אים פֿאַרוקט אויף אַ זייט. ער האָט געהאָלפֿן אַריינטראָגן די פּעקלעך, אַ צופֿרידענער פֿונעם פֿאַרדינסט, און אַ זאָג געטאָן צו די געסט: „נישקשה, דאָ קען מען אויך לעבן", און געגעבן יאַנקעלען אַ קניפּ אין בעקל.

די נאַכט איז געווען אַן אויסשעפּנדיקע. ביז די הינער האָבן געקרייעט איז מען געזעסן און אַלץ אַרומגערעדט; איבערגעגעבן גרוסן פֿון אַלע איבערגעבליבענע; אַפֿילו אַרומגערעדט די יידישע פּראָבלעמען און די נייעסן.

אויף שבת צו נאַכטס האָבן הערשל מיט סאָסיען באַשלאָסן צו פֿאַרבעטן דעם שכן מיט דער פֿרוי אויף אַ גלעזל טיי, און טאַקע זיי באַקענען מיט די געסט. גאָספּאָדין קאַרפּינסקי קומט זיך נישט צונויף מיט סתם מענטשן. נאָר אַזוי ווי הערשל און סאָסיע זיינען ביידע אַריינגעקומען און זיי

איינגעלאַדן, און חוץ דעם האָט ער געוואָלט האָבן אַ געוויעם גרוס וועגן די ייִדן פון רוסלאַנד, האָט ער געגעבן זיין הסכמה. דאָס איז געווען איינער פון די גליקלעכע מאָמענטן, וואָס הערשל ביידער מיט זיין משפחה האָבן געהאַט. מען האָט די שכנים זייער פיין אויפגענומען און געמאַכט אַ לחיים אויף אַ יידישן שטייגער -- דאָס הייסט נישט צופיל. „וואָס-זשע וועט איר טאָן איצט?" -- האָט דער בעל-הבית פון דער דרוקעריי געפרעגט. „כאַפּט זיך אַריין, אפשר וועלן מיר געפונען עפּעס אַן אַרבעט פאַר אייך". פאַר בערלען איז דאָס געווען אַ גליקלעכער מאָמענט אין זיין לעבן. ער האָט פאַרלוירן דאָס לשון און נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. ערשט דערנאָך, ווען ער האָט זיך באַרוּיִקט, האָט ער אים אָפּגעדאַנקט.

אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט בערל אָנגעהויבן אַר-בעטן אין דער דרוקעריי ביים איינבינדער-אָפּטיילונג. ביכער זיינען ביי בערלען געווען נישט קיין פרעמדע זאַך. האָט ער זייער אויסגענומען ביי זיין אַרבעט, געקראָגן זייער גוט באַ-צאָלט און די באַציִונגען זיינען געווען פריינדלעכע. די ערשטע צייט האָט דער קאָלעקטיוו אַרבעטער אין דער דרוקעריי גע-קוקט אויף בערלען, ווי אַ פרעמדער, ווי אַן אומבאַקאַנטער, נישט שטענדיק געענטפערט אויף זיין „גוט מאָרגן".

אַזוי איז עס שוין אין לעבן. ס'דערמאָנט זיך מיר אַן אינטערעסאַנטער פאַקט. יידן אין די קליינע שטעטלעך פלעגן קויפן הינער אין מאַרק זיי אויסצוהאָדעווען, אַז ס'זאָל זיין אַן עוף אויף שבת אָדער יום-טוב. אויב די יידענע האָט געקויפט אַ נייע הון, האָט זי נישט געקענט עס אַריינלאָזן אין דער שטייג בייטאָג, ווייל די אַנדערע הינער האָבן זי צעביסן ביז טויט. האָט מען געמוזט אַריינלאָזן די נייע הון נאָר ביינאַכט, ווען אַלע אַנדערע הינער זיינען געשלאָפן. אינדערפרי איז שוין געווען אַלץ אין אָרדענונג. די נייע הון איז געווען אין דער הינערשער געזעלשאַפט און מ'האָט זי נישט געטשעפּעט.

אַזוי ווי בערל האָט זייער גוט געאַרבעט און קיין טענות זיינען נישט געווען קעגן אים, האָבן די אַנדערע אים אָנגעהויבן מער רעספּעקטירן, און אפילו אים אַנטקעגנגעטראָגן דעם „גוט מאָרגן".

אַזוי שנעל, ווי עס איז געוואָרן מעגלעך האָבן בערל און עטי געדונגען אַ גרויס צימער מיט אַ גרויסער קיך. זיי האָבן געקויפט אַ ביסל מעבל, אויפגעפּאַקט זייערע אייגענע

זאַכן פון דער אַלטער היים און איינגעשטעלט אַווירטשאַפט. זייערע קרובים, הערשל ביידער און סאָסיע, האָבן זיי צוגעהאָלפן לויט זייערע מעגלעכקייטן. זייענדיק אַ סטאָליער האָט הערשל פאַר זיי געמאַכט אַ טיש מיט בענקלעך פאַר דער קיך. פאַר יאַנקעלען האָט מען אַרומגעצוימט אַ ווינקל אין גרויסן צימער, כדי ער זאָל האָבן זיין אייגן פּריוואַטן צימערל צום שלאָפן און צום שטודירן.

און אַזוי זיינען געלאָפן די יאָרן. בערל מיט עטי האָבן איינגעאָרדנט אַ שיינע היים אין קישענעוו. עטי האָט אַ ביסל צוגעאַרבעט אין אַ ביבליאָטעק, כדי עס זאָלן אַריינקומען אַ פּאָר רובל מער, וואָס האָט געהאָלפן צו דער פּרנסה. זיי האָבן זיך באַקענט מיט מענטשן; געגאַנגען אין שול; פּרנסה איז געווען און מען האָט זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צום נייעם אָרט. יאַנקל איז אונטערגעוואַקסן, סיי אין דער הויך, סיי אין פיינקייט. ער איז געווען אַ גוטער זון, געהאַלטן בכבוד זיינע טאַטע-מאַמע און אין שטאָט געהאַט אַ נאָמען ווי אַ וווילער בחור. ער האָט שוין אָנגעהויבן אַרומצוגיין מיט מיידלעך, אָבער נישט קיין ערנסטע פריינדשאַפט. ווען ס'איז געקומען די צייט פאַר אים צו גיין אין דער רוסישער אַרמיי האָט ער צוגעשטעלט די נויטיקע פּאַפּירן, אַז ער איז אַן איין-און-איינציקער זון ביי אַלטע טאַטע-מאַמע, איז ער באַפרייט געוואָרן.

בערלס געזונט ווערט מיטאַמאָל זייער פאַרערגערט. ער באַקומט שטאַרקע יסורים אין זיין האַרץ און ער ווערט שוואַכער און שוואַכער. ער קריגט איין האַרץ-אַטאַקע און דערנאָך אַ צווייטע. ער ווערט אַלץ מער אָפּגעשוואַכט און מוז זיך צוריקציען פון דער אַרבעט. ער קען כמעט ווי נישט אַרומגיין אויף זיינע פיס און ווערט „צוגעקאָוועט" צום בעט. צוליב דעם האָט יאַנקל אויפגעגעבן זיין לערנען און געמוזט אַרויסהעלפן זיין פאָטער אין דער פּרנסה. ער נעמט איבער זיין פאָטערס שטעלע אין דער דרוקעריי.

דער בעל-הבית פון דער דרוקעריי האָט מיט צופרידנקייט אויפגענומען יאַנקלען צו דער אַרבעט. דער נייער אַרבעטער האָט זיך אויך אויסגעצייכנט און איז געפעלן געוואָרן ביי אַלעמען.

זיין מוטער עטי האָט זיך שטאַרק פאַרעלטערט פאַר דער צייט און איז אויך אָפּגעשוואַכט געוואָרן. זי האָט שוין

מער נישט געקענט גיין אין ביבליאָטעק אַרבעטן און געמוזט זיין אין הויז אַכטונג צו געבן אויף איר מאַן, וועלכער איז מערסטנס געלעגן אין בעט. אין איין טרויעריקן טאָג האָט בערל אויסגעהויכט זיין נשמה. נישט געקוקט, וואָס עס איז געווען אַ רעגנדיקער קילער טאָג, איז געקומען אַ גרויסער עולם צו דער לוויה, אַריינגערעכנט די אַרבעטער פון דער דרוקעריי, ווען דער בעל-הבית האָט געגעבן עטלעכע שָעהן פריי.

דאָס צעשיידן זיך מיט איר ליבן מאַן, מיט וועלכן זי האָט אָפּגעלעבט אַזויפיל יאָרן אין קעגנזייטיקער ליבע, האָט אויף עטין זייער שטאַרק געווירקט און זי האָט זיך נישט גע-קענט באַרויִקן. די איינציקע נחמה איז איר פאַרבליבן יאַנקע-לע, ווען זי האָט זייער ליב געהאַט און געשטרעבט צו זען ביי אים אַ ביסל נחת. איר אויסבעטן ביי גאָט נאָך אַ ביסל יאָרן האָט נישט געהאָלפן. זי האָט זיך איינמאָל אויסגע-גליטשט אין גאַס און געפאַלן אויף אַ שטיין, צעקלאַפּנדיק דעם קאָפּ. זי איז אָפּגעלעגן אין שפיטאָל עטלעכע חדשים און פון דאָרט אַוועק אין דער אייביקייט.

יאַנקל איז געוואָרן אַ קיילעכדיקער יתום. די טאַטע-מאַמע האָבן אים זייער אויסגעפעלט. אַ שטיקל צייט איז אים געווען שווער אָנצוגיין אַליין אין הויז. ער איז געווען אומעטיק און דערשלאָגן. אָבער ער האָט די אַרבעט נישט געוואָלט און נישט געקענט אויפגעבן.

* * *

עס איז שוין אַריבער אַ יאָר זינט ער האָט געברענגט זיין מוטער צו קבר ישראל. יאַנקל האָט פאַרגעזעצט זיין אַר-בעט אין דער דרוקעריי. דאָ, צווישן מענטשן איז אים געווען אַ ביסל פרייליכער. אין דער דרוקעריי האָט אויך געאַרבעט אַ פרוי, אַ פריינדין פונעם בעל-הבית. זי האָט באַקענט יאַנקלען מיט אַ מיידל, אירס אַ קרובה, חנה האָט זי געהייסן. דאָ האָט אפילו דער בעל-הבית אויך צוגעשטימט, צוגעבנדיק אַז ס'איז אַ געפּאַסט פּאָרל. ביי יאַנקלען איז זי געווען די ערשטע מיט וועמען ער האָט זיך באַקענט, צו דערוועקן אין אים ערנ-סטע געדאַנקען וועגן אַ פאַמיליען-לעבן. זיי זיינען זיך געפעלן געוואָרן און פון דער פריינדשאַפט איז געוואָרן אַ שטאַרקע

ליבע. חנה איז געווען יונגער פון אים מיט איין יאָר, נאָר זי האָט מער פאַרשטאַנען פון יאַנקלען.

חנה האָט געאַרבעט ווי אַ צושניידערין. יאַנקל האָט אָבער באַשלאָסן, אַז נאָך דער חתונה זאָל זי אויפגעבן איר אַרבעט, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ סך שעהן אין טאָג. ער האָט פאָרגעלייגט, אַז ער וועט אָננעמען איינבינדעריי אין דער היים און זי וועט אים צוהעלפן. און אַזוי איז ביי זיי באַשלאָסן געוואָרן.

ווי שוין דערמאָנט האָבן חנה מיט יאַנקלען זיך שטאַרק ליב געהאַט און נישט געזען קיין סיבה, פאַרוואָס זיי זאָלן נישט חתונה האָבן. זיי האָבן לאַנג נישט געוואָלט וואַרטן, ווייל פאַר יאַנקלען איז געווען זייער אומעטיק צו זיין אַליין אין הויז. חנהס עלטערן האָבן פאַרשטאַנען די לאַגע און צוגעשטימט צו אַ שנעלער חתונה. ס'איז נישט געווען קיין הויכע חתונה, נאָר בלויז נאָענטע משפחה, דער בעל-הבית און די אַרבעטער פון דער דרוקעריי און חנהס נאָענטע פריינד. טאַטע-מאַמע האָבן געגעבן אַ מאָלצייט נאָך דער חופה און דאָס יונגע פאָרפאָלק האָט אָנגעהויבן פירן זייער צוזאַמענלעבן לויט דער אָנגענומענער יידישער טראַדיציע. יאַנקלס עלטערן, וועלכע האָבן אים אַזוי ליב געהאַט, האָבן נישט דערלעבט זיין חתונה. חנהס עלטערן, פיינע מענטשן, האָבן דאָס גענומען אין אַכט. זיי האָבן אים איינגעשלאָסן אין זייער משפחה און אים אָפּגעגעבן דעם גרעסטן כבוד.

דער דרוקעריי-בעל-הבית האָט זייער געהאַלטן פון יאַנקלען, וועמען ער האָט געדענקט ווי אַ קינד. ער אַליין איז שוין אַלט געוואָרן און די דרוקעריי איז איבערגעגאַנגען צו זיינע צוויי זין, וועלכע האָבן צוזאַמען געאַרבעט אין דער ירושה, וואָס זיי האָבן באַקומען פון זייער פאָטער. די נייע בעלי-בתים פון דער דרוקעריי האָבן אויך זייער געהאַלטן פון יאַנקלען און געווען צופרידן פון זיין אַרבעט. זיי האָבן אפילו געהעכערט זיין געהאַלט אויף 20 פּראָצענט, ווייל זיי שאַצן אָפּ זיין גוטע אַרבעט. יאַנקל איז געקומען אַהיים מיט דער נייעס און דאָס האָט זיי געגעבן מער האָפענונג אויף אַ בעסערער צוקונפט.



יאַנקל דער איינבינדער

יאַנקל בירנבוים, דער איינבינדער, איז געווען כמעט דער איינציקער אין דער שטאָט קישענעוו, טראָץ דעם וואָס ס׳זיינען געווען נאָך צוויי איינבינדערס. דער סוד איז, אַז יענע זיינען געווען גאָר אַנדערע, וואָס מ׳פלעגט זיי אינגאַנצן אַוועקמאַכן. אַז מען פלעגט ביי זיי אָפּנעמען אַ בוך, פלעגט מען מורא האָבן, אַז דער בוך זאָל זיך נישט צעפאַלן. אָבער ביי יאַנקל בירנבוים איז געווען גאָר אַנדערש.

יאַנקל איז געווען אַ שטילער בכבודיקער ייד, כאָטש ער איז נישט געווען קיין גרויסער בעל-דעת, נאָר ווי יעדער קי-שענעווער ייד האָט ער געקענט חומש מיט רש״י. אין שול איז ער קיינמאָל נישט אַריין אין טיפע געשפרעכן, ווי אַנדערע מתפללים, וועלכע פלעגן נאָכן דאַווענען ציען לאַנגע מעשיות וועגן אַנדערע שטאָטישע איינוווינער. מיט פּאָליטיק איז יאַנקל אינגאַנצן צעקריגט געווען. נאָר וואָס דען, אַז ס׳איז אים אַריינגעפאַלן אין די הענט צו לייענען אַ שיין אינטערעסאַנט בוך אין יידיש אָדער רוסיש, אויף דעם איז ער געווען אַ בעלן; זיך נישט געקענט אָפּרייסן דערפון ביז ער ענדיקט עס נישט. דערנאָך האָט ער געזוכט, ווער ס׳האָט דעם בוך געלייענט, כדי צו קענען דאָס אַרומרעדן.

געווען איז יאַנקל נישט גאָר קיין הויכער, נאָר אַ פלינק יידל. ערגעץ ווו צוצוגיין, צוברענגען, עפּעס געוואָיר צו ווערן, איז ביי אים נישט געווען שווער -- איינס און צוויי און אַלץ איז קלאָר. ער האָט נישט געררויכערט, נאָר אַ קאַפּיטש-קעלע בראָנפן אָדער אַ גלעזעלע וויין, ספּעציעל פונעם רומע-נישן, האָט ער קיינמאָל נישט געלאָזט שטיין פאַריתומט אין דער זייט. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן דאָס שענטסטע הי-

טעלע, פאַרבונדן אַ קאָלירטן קראַוואַט איבער אַ ליכטיק, ריין העמד. די דאָזיקע זאַכן זיינען געווען פון זיינע ערשטע מעלות, אין וועלכע זיין חנה האָט זיך פאַרליבט. זי פלעגט זאָגן, אַז אויב מען וויל האָבן ווױלע באַלעבאַטישע קינדער, דאַרף מען האָבן קודם כּל אַ ווױלן מאַן, אַ ריינעם, אַ שיינעם און טאַקע אַ באַלעבאַטישן. זי פלעגט אים אומעטום אַוועקלייבן אין טאָג אַריין.

שלאָפן פלעגט יאַנקל גאָר ווייניק. ער פלעגט ליגן אַזוי מיט אָפענע אויגן און טראַכטן. מיינט איר עפּעס וויכטיקס צו טראַכטן, ניין. בלויז וועגן טעגלעכע באַדערפענישן: ס׳זאָל זיין וואָס צו עסן; צו קענען זיך קליידן ווי ס׳געהער צו זיין; צו האָבן אַ פּנים, ווי אַ מענטש צווישן מענטשן, און אין הויז זאָל זיין וואָס מען דאַרף. וועגן געלט האָט ער זיך פאַרלאָזט אויף די רייכע -- זאָלן זיי טראַכטן, איינלייגן וועלטן. אין דער דרוקעריי, ווו ער האָט געאַרבעט, האָבן אַלע אים געקענט -- פון קליין ביז גרויס; שווער געווען צו געפינען אַ מענטש, וואָס זאָל אים נישט קענען. פאַר יעדן פלעגט ער זיך אַ נויג טאָן, אַנטקעגן טראָגן דעם „גוט מאָרגן". אפילו נישט-יידן פלעגן זאָגן, אַז ער איז זייער אַ פיינער.

אַ בוך, וואָס איז אַרויס פון זיינע הענט, אפילו בלויז געקלעפּט מיט אַ גוטן קליי און נישט גענייט, איז עס געווען אַן אייביקע זאַך. די פּינקטלעכקייט פלעגט ער אָפּהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ, ווייל אַ וואָרט איז ביי אים געווען אַ וואָרט. האָט ער זיך מיט עמעצן צונויפגערעדט אויף אַ געוויסער שעה, איז עס געווען אַ הייליקע זאַך. ער האָט געהאַט אַ קעשענע-זייגער, אַזוינס און אַזעלכעס, מיט אַ גאָלדן דעקל, געבליבן בירושה פון זיין פאָטער ע״ה, וועלכער האָט עס באַקומען פון זיין פאָטער, דעם רב פון שטעטל. יאַנקל האָט ליב געהאַט אַרויסצונעמען דעם זייגער פון קעשענע און אים נאָך אַמאָל אַ וויש געבן, ער זאָל שענער בלישטשען. זאָלן מענטשן זען, אַז ס׳בלישטשעט ביי אים אויך.

די שרייבערס, די פען-ליבהאָבערס פלעגן זיך צו אים באַציען מיט אָפּשיי און כּבוד. „יאַנקל -- טייערמאָל יאַנקעלע -- וואָס מאַכסטו?", כאָטש ער איז שוין געווען אין די יאָרן. אַ חוץ דער אַרבעט אין דער דרוקעריי, פלעגט ער אויך מאַכן פּריוואַטע אַרבעט, און טייערמאָל געמוזט דאָס אָפּטראָגן אַהיים

צום קונה. אין דעם פלעגט אים צוהעלפן זיין חנה. ליב האָט אים חנה געהאַט נאָך פון די ערשטע טעג, באַלד פון אונטער דער חופּה; נישט געמינערט אויף קיין האָר. זי פלעגט האָבן אַ טבע, אין דער פרייער צייט, פּשוט צוגיין צו אים, רייניקן דאָס רעקל, כאָטש ס׳איז געווען אַבסאָלוט ריין. זיך אַוועקגעשטעלט און געקוקט אויף אים, ווי זי וואָלט אים געזען צום ערשטן מאָל. צוגיין און אויסגלייכן די לאַצן, כאָטש זיי זיינען געווען פריש אויסגעפּרעסט. דערביי זיך אַליין אַ גלעט טאָן איבערן קאָפּ, אַז די לאָקן, וואָס האָבן פאַרנומען ביי איר אַזויפיל צייט, זאָלן ליגן ווי ס׳געהער צו זיין, אַזוי ווי זי האָט זיי געזען אין שפּיגל. ווען זי האָט דערזען, אַז יאַנקל הייבט אויף אַ שווערע זאַך, איז זי באַלד געשטאַנען לעבן אים גרייט צו העלפן.

יאַנקל פון זיין זייט האָט זי אויך שטאַרק ליב געהאַט און ביי יעדער געלעגנהייט איר דאָס געזאָגט. ער האָט זיך באַמיט, ווען נאָר ס׳איז געווען מעגלעך, איר אַרויסצוהעלפן ביי איר אַרבעט אין דער קיך אָדער אין הויז אין אַלגעמיין.

געוווינט האָבן זיי אין צוויי צימערן מיט אַ גרויסער קיך. איין צימער איז איינגעשטעלט געוואָרן ווי אַ שלאָף-צימער. דאָרט זיינען געשטאַנען צוויי בעטן, אַ שאַנק פאַר מלבושים, אַ לאַנגער שפּיגל ביזן דיל מיט צוויי זייטיקע קליינע שענקעלעך מיט שופלעדער אויף שיך און אַנדער אָנ-טועכץ. אויפן וואַנט איז געהאָנגען אַ גרויסער וואַנט-זייגער, וועלכן יאַנקל פלעגט אָנדרייען מיט אַ שליסל, כדי דער אומרו זאָל גיין הין און צוריק. די פענצטער זיינען געווען באַהאָנגען מיט שיינע פירהענגלעך.

דאָס צווייטע צימער האָט געהאַט אַ צווייפאַכיקע פונקציע. דאָרט איז געשטאַנען יאַנקלס ביבליאָטעק, וואָס ער האָט געירשנט פון זיין פאָטער. די פּאָליצעס זיינען געווען אָנ-געלייגט מיט ביכער אין וועלכע ער האָט ליב געהאַט אָפּט אַריינצוקוקן. דאָרטן האָט ער געלייענט, געדאַווענט, געאַרבעט, און ווען ס׳האָט זיך אים פאַרגלוסט, פאַרבראַנגט ביחידות. אין דעם צימער איז אויך געשטאַנען אַ קאַנאַפּע, צוויי פאָטעלן באַלייגט מיט קישעלעך, און אַ טישל באַדעקט מיט אַ ציצן-טישטוך. אויף דער וואַנט זיינען געהאָנגען עטלעכע משפּחה-בילדער. נישט ווייט פון דער טיר איז געשטאַנען אַ שענקל מיט גלעזערנע טירלעך. דאָ האָט מען געהאַלטן דאָס בעסערע

עסגעצייג, שיינע גלעזער און דאָס פּסחדיקע געפּעס. דאָ פּלעגט מען אויפנעמען געסט און משפּחה ביי אַ גלעזל טיי.

עסן פלעגן זיי אין קיך, ווו אַ חוץ די געוויינלעכע קיך-מכשירים, איז אויך געשטאַנען אַ טיש מיט פיר בענקלעך. דאָס האָט געמאַכט גרינגער פאַר חנהן צוצוגרייטן און סער-ווירן די מאָלצייטן. עס האָט טאַקע פאַרשמעקט דאָס גאַנצע הויז. שפּעטער צו, האָט מען אין דער קיך אויך אַריינגע-שטעלט אַ וויגל פאַרן קינד, כדי חנה זאָל קענען זיין נאָענט, ווען ס'איז געוועזן נויטיק. אין דער קיך האָבן אויך יאַנקל און חנה ליב געהאַט צו זיצן, נעמען אַ גלעזל טיי און שמועסן וועגן פּערזענלעכע אָדער אַלגעמיינע פּראָבלעמען.

אין אַ שטיקל צייט אַרום איז ביי זיי געבוירן גע-וואָרן אַ מיידעלע, אַ שיינס און אַ ווילס, אינגאַנצן געגראָטן אין יאַנקלען, ווי מ'שניידט איבער אַן עפּל. דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די ליבע צווישן דעם פּאָרל און זייער גליק. דאָס מיידעלע איז געבוירן געוואָרן אַ ליכטיקס, מיט צוויי רויטע בעקעלעך און צוויי חן-גריבעלעך. זי האָט באַשיינט דאָס הויז, האָט חנה תיכף אויסגעשריגן: „ליכטיק ווי די זון". האָט מען איר טאַקע גערופן זינאַ, כאָטש איר יידישער נאָמען איז געווען עטי, נאָך יאַנקלס מוטער. פון דאַן אָן האָבן ביידע צו-זאַמען געאַרבעט, ווי דאָס קינד וואָלט געהאַט צוויי מאַמעס. ביים באָדן, וויקלען, רייַן מאַכן דעם „כיבעט איבער אייער כבוד" -- אַלץ איז געטאָן געוואָרן אין איינעם.

דאָס קינד איז געוואַקסן, ווי מ'זאָגט, אין פרייד און אין כבוד. עס קומען זיידע-באָבע און ברענגען מתנות: קליידע-לעך, שיכעלעך, שפּילצייג. מען טיילט זיך מיטן פאַרגעניגן און מיט די דערגרייכונגען פונעם קינד. ביי דער אַרבעט האָט מען אויך געוווּסט, אַז ביי יאַנקלען איז געבוירן געוואָרן אַזוינס און אַזעלכעס, שיין ווי גאָלד, קלוג און געראָטן. ביז אין די שפּעטע יאָרן האָט דאָס קינד געטראָגן אַ רויט בענדעלע, וואָס חנה האָט איר צוגעבונדן, כדי חלילה נישט צו קריגן קיין עין-הרע. מען האָט דאָס קינד אָפּט געוווּיגן און געמאָסטן, גע-ציילט די חדשים, די יאָרן, ביז זי איז ענדלעך אַריין אין דער שולע. און אַזוי איז דאָס קינד געוואַקסן. די „טראַיקע" האָט פאַרבונדן דאָס לעבן, ווי ס'וואָלט געלעבט איין מענטש. די שכנים האָבן געהאַט מיט וואָס זיי מקנא צו זיין, דער עיקר

די, וועלכע האָבן קיין קינדער נישט געהאַט. יאַנקל האָט זיך מער איינגעשפּאַנט אינעם שווערן וואָגן פון פּרנסה, און געשלעפּט אים באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ. אַ צופרידענער גיסט ער אַריין נאָך אַ גלעזעלע און זינגט זיך אונטער אַ זמרל.

דער זייגער שטייט נישט, די ווייזערס דרייען זיך אַרום און אַרום, און די צייט רוקט זיך. יאָרן קומען און גייען אַוועק און ברענגען נחת. זינאַ, דאָס געליבטע קינד, וואַקסט אויס אַ שיין, ליכטיק מיידל. זי ענדיקט די שולע מיט אויס-צייכענונגען, דערנאָך די הויך-שולע און האָט זייער ליב צו שטודירן ליטעראַטור און קונסט. דורך דער שתדלנות פונעם פאָטער, וועלכער האָט געקענט אַ צאָל קאָרעספּאָנדענטן און שרייבערס איז זי אַריין אַרבעטן אין דער רעדאַקציע. אונטער איר קאָנטראָל האָבן געדאַרפט אַדורכגיין אַלע אַרטיקלען. נאָך איר באַאַרבעטן דאָס מאַטעריאַל, איז עס געדרוקט געוואָרן אין דער צייטונג. זי פלעגט אויך אַהיים נעמען פיל האַנטשריפטן און זיי באַאַרבעטן אין דער היים.

די עלטערן האָבן פון איר געהאַט גרויס כבוד און זיי פלעגן שעפּן נחת פון איר מיט אַ גרויסן לעפל. טאַטע-מאַמע הייבן אָן צו טראַכטן וועגן אַ תכלית, וועגן אַ שידוך. זי האָט געהאַט עטלעכע חברטעס, מיט וועלכע זי האָט פאַרברענגט זייער פריינדלעך. זינאַ איז אָבער געווען אַ פאַרמאַכטע ביי זיך; צו וויסן פון איר עפּעס פערזענלעכס, איז געווען שווער. זי פלעגט זיי דערציילן דאָס שיטערע; דאָס געדיכטע האָט זי גע-לאָזט פאַר זיך.

אַן אוצר אין דער בלאָטע

האָט זיך געטראָפן אין אַן אָוונט, אַז יאַנקל איז אַהיים געקומען מיד פון דער אַרבעט. זינאַ איז געזעסן און גע-לייענט אַ בוך. האָט זי געהערט, ווי דער פּאָטער זאָגט צו דער מוטער, אַז ער האָט פאַרענדיקט זעקס ביכער און ער האָט צוגעזאָגט זיי צוצוברענגען צו דעם קליענט, אָבער ער איז זייער מיד. זינאַ איז באַלד אין דער סעקונדע צוגעלאָפן צום פּאָטער און פאָרגעשלאָגן, אַז זי וועט די ביכער אָפּטראָגן אויף דעם נויטיקן אַדרעס. דער פאָרשלאַג איז געווען אויף אַזויפיל ערנסט, אַז סיי דער פּאָטער און סיי די מוטער האָבן גאָר-נישט געקענט זאָגן און זיינען מסכּים געווען. דער פּאָטער האָט איינגעפּאַקט די ביכער. זיי זיינען געווען נישט גרינג, נאָר זינאַ האָט זיי מיט פאַרגעניגן גענומען אָפּצוטראָגן, זייער צופרידן, וואָס זי קען מיט עפּעס העלפן איר ליבן פּאָטער.

דער הימל איז געווען אַ פאַרכמאַרעטער נאָכן רעגן, וואָס איז נישט לאַנג צוריק אַדורך. דאָס געסל, ווו זיי האָבן געוווינט, האָט געהאַט אַ שטיק וועג אָן אַספאַלט. זינאַ, אַ שיין פאַרקעמטע, אַן אויסגעפּוצטע, נעמט דאָס פּעקל און זאָגט דער מוטער, אַז זי וועט באַלד קומען אַהיים. זי וועט זיך אין ערגעץ נישט פאַרנעמען. אויך איז די באַלייכטונג אויף דער גאַס נישט געווען אַזוי שטאַרק. גייט זינאַ איבער אַ שטיקל וועג פונעם געסל, מאַכט אַ שלעכטן טריט און גליטשט זיך אויס. זי פאַלט אַריין אין אַ לויזער בלאָטע מיט אַ קליין וואַסערל. די ביכער פאַלן אַוועק אין דער זייט. זי ליגט אַ פאַרשמוצטע, אַ פאַרשעמטע, אַ געפאַלענע ביים איינציקן דורכ-גייערס פיס. דאָס איז געווען שמעון בערמאַן, אָדער שימעלע, ווי מ׳פלעגט אים רופן אין שטאָט. ער איז געגאַנגען פון דער

אַרבעט אַ מידער, אַ הונגעריקער, זיך געאײלט צו זײַן שנע-לער אין דער הײם. איז ער געבליבן שטײן אַן איבערראַשטער: בײַ זײַנע פּיס ליגט אַ מײדל פֿאַרשמוצט, פֿאַרשמירט. אַ דער-שראָקענער כאַפּט ער אָן זינאַן, שטעלט זי אויף די פֿיס און נעמט זי אַרומווישן מיט אַ טאַשן-טיכעלע. ער ווערט אָבער שטאַרק צעמישט פֿון איר שײנקײט, אַז ער װײסט נישט װאָס צו טאָן. ס'לויפֿן אים געדאַנקען אין קאָפּ, אַז ער האָט געפֿונען אַן אוצר אין דער בלאָטע. ער הײבט אויף די ביכער און באַ-רויִקט זי: נישט זאָרגן, ער וועט אַלץ טאָן פֿאַר איר. נישט ווײַט, לעבן אַ הויז, איז געשטאַנען אַן עמער מיט רעגן-וואַסער. זײַנען זײ צוגעגאַנגען, זינאַ האָט זיך אַרומגעוואַשן און שמעון האָט איר געהאָלפֿן. זינאַ האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט און געכאַפּט בגנבֿה אַ קוק אויף דעם בחור, וועמען זי זעט צום ערשטן מאָל. אַ יונגער, שײנער בחור, אַ פֿלינקער. ער האָט זיך איר אָפּגעגעבן און טוט פֿאַר איר אַלץ. זי האָט זיך אַ ביסל פֿאַרשעמט, וואָס דאָס קלײדל האָט זיך בײַ איר פֿאַרהויבן, נאָר, מילא, ס'מאַכט נישט אויס. זײ זײַנען שוין נישט קײן קינדער, טראַכט זי בײַ זיך.

זײ גײען בײדע צום אָנגעוויזענעם אַדרעס. דאָס אײַנ-געוויקלטע פּאַפּיר האָבן זײ אָפּגעריסן, ווײַל ס'איז געווען פֿאַר-שמירט, אָבער די ביכער, אינגאַנצן נײַע, זײַנען געבליבן רײן. שימעלע טראָגט די ביכער. ער כאַפּט יעדעס מאָל אַ קוק אויף זינאַן; זי כאַפּט אויך אַ בליק. זײ באַגעגענען זיך מיט די בליקן און שמײכלען. מען גײט אַרײַן אין אַ געשפּרעך. זײ שטעלן זיך פֿאָר אײנער פֿאַרן אַנדערן, און ס'ווײַזט זיך אַרויס, אַז זײ האָבן אפֿילו געמײנזאַמע באַקאַנטע.

זײ קומען צום אָנגעוויזענעם אַדרעס און זינאַ שעמט זיך אַרײַנצוגײן. שימעלע טראָגט אַרײַן די ביכער און דערצײלט די געשיכטע, וואָס ס'איז פֿאָרגעקומען. די מענטשן קענען גוט יאַנקל דעם אײַנבינדער און באַציִען זיך צו אים מיט גרויס כּבֿוד. גדליה ברויטמאַן זיצט מיט זײַן פֿרוי זיסל און זײ טרינקען טײ. מען לאַדנט אײַן שימעלע צו טרינקען טײ, אָבער ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט, אַז זינאַ וואַרט אין דרויסן. זײַנען די ברויטמאַנס אַרויס אין דרויסן און אַרײַנגעבעטן זינאַן אין הויז אַרײַן. מען נעמט זי אַרײַן אין אַ צווײטן צימער, זי זאָל זיך קענען מער ברענגען אין אָרדענונג. דערנאָך זעצט מען זײ אַוועק בײַם טיש. כאָטש שימעלע האָט

זיך געאײלט אַהײם, נאָך דעם װי ער האָט אַלץ אָפּגעטאָן פֿאַר זינאַן, האָט ער אָבער בשום אופן נישט געקענט אַװעקגײן. זינאַ איז שױן אַ טרוקענע, צוריק אױסגעפּוצט, װי ס'װאָלט גאָרנישט געשען. אַלע זיצן אין אײנעם, טרינקען טײ און בײסן צו אַ געבעקס. זיסל מיט גדליהן קוקן זיך איבער און טראַכטן דאָס זעלבע: בײדע שײן װי גאָלד; ס'װאָלט געװען אַ גוט פּאָרל.

שימעלע האָט שױן פֿאַרגעסן, אַז מ'װאַרט אין דער הײם אױף אים. אין קאָפּ בײ אים איז אַ גאַנצע מיל, עס מאָלט מיט געדאַנקען. ער פּלאַנירט, אַז אױפֿן װעג אַהײם, װעט ער אַרײַן אין טיפֿערע שמועסן. ער נעמט פֿון זינאַן נישט אַראָפּ די אױגן. אפֿילו אױב ס'איז נישט שײן צו קוקן אױף איר אַזױפֿיל, קען ער זיך נישט באַהערשן. אָבער זינאַ פֿאַרלירט אױך נישט קײן צײַט און באַטראַכט אים גוט, װי עמעצער װאָלט זײ ספּעציעל דאָ אַרײַנגעבראַכט, אַז זײ זאָלן זיך דאָ באַקענען. זינאַ קען נישט פֿאַרשטײן, װער איז ער? פֿון װאַנען האָט ער זיך גענומען?

שימעלע האָט געענדיקט דעם יאָר אַ בוכהאַלטעריע-שולע און געאַרבעט אַלס הױפּט בוכהאַלטער אין אַ שפּיטאָל, װוּ ער האָט געפֿירט מיט דער פֿינאַנץ-ביוראָ. שױן באַלד פֿון אָנפֿאַנג האָט ער ליב באַקומען די אַרבעט, אָבער טײלמאָל איז געװען נױטיק צו אַרבעטן אַ ביסל שפּעטער. אין דעם טאָג האָט ער זיך צוליב עפּעס פֿאַרהאַלטן אַ ביסל לענגער. גדליה און זיסל זײַנען זײער צופֿרידן פֿון די געסט און װילן זײ פֿאַרהאַלטן, זײ זאָלן נאָך לענגער זיצן. שימעלע האָט אָבער שױן געװאָלט זײן מיט זינאַן אַלײן, כדי זיך צו קענען דורכשמועסן.

זײ גײען אַרױס אױפֿן װעג אַהײם. עפּעס האָבן בײדע דערפֿילט אַ הײמישקײט צװישן זיך, װי זײ װאָלטן באמת געװען באַקאַנטע פֿאַר אַ לאַנגער צײַט. שימעלע נעמט זיך אָן מיט מוט און נעמט אָן זינאַן בײם אָרעם מיט אַ ציטערנדיקער האַנט, מיט מורא, זי זאָל זיך נישט אָפּזאָגן. זינאַ האָט זיך אָבער נישט אָפּגעזאָגט פֿון דער פֿלוצעמדיקער נאָענטקײט. זי האָט אַלײן נישט פֿאַרשטאַנען פֿאַרװאָס. פֿאַרקערט גאָר -- זי איז געװען צופֿרידן פֿון זײן מוטיקן שריט. ער לײגט איר אױס אַלץ: װער ער איז, װער זײנע עלטערן זײנען, זײנע

חברים, ווּ און ווען ער איז געבוירן געוואָרן. נאָר זיינע אמתע געפילן צו איר האַלט ער צוריק, כאָטש ס'איז נישט גרינג. זי באַמיט זיך וואָס ווייניקער אים צו דערציילן וועגן זיך. אפשר וועט דאָס אַלץ איבערלויפן, ס'קען נאָר אויסגיין צו אַ שלאָפלאָזער נאַכט. שימעלע טראַכט אָבער, אַז דאָס איז אַ צוגעשיקטער גליק איינגעוויקלט אין אַ שוואַרצער בלאָטע.

זינאַ שפּאַנט לעבן אים און הערט אויס מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט יעדעס וואָרט; באַמיט זיך גאָר נישט אַדורכלאָזן. זי שטעלט אים פראַגעס, בכדי די צייט זאָל אַוועקגיין און זי זאָל אים דערוויייל נישט דאַרפן דערציילן וועגן זיך. זינאַ האָט נאָך אין לעבן נישט געהאַט אַזאַ איבער־לעבונג. שפּאַצירן אַזוי מיט אַ יינגל איז דאָס געווען צום ערשטן מאָל.

* * *

ביי יאַנקלען אויפן באַלקאָן איז געשטאַנען אַ הילצער־נע באַנק. דאָס האָט ער עס אַוועקגעשטעלט, כדי זומערצייט ווען מען קומט פון דער אַרבעט און מען עסט אָפּ, קען מען זיך אַוועקזעצן אויף דער פרישער לופט און טרינקען אַ גלאָז טיי. מען זיצט און מען באַטראַכט די בריאת העולם, וואָס נאָר איין גאָט האָט עס געקענט באַשאַפן. . . באַקאַנטע דורכ־גייערס שענקען אים אַ באַגריסונג, אַ מאָל צוויי־דריי ווערטער; מענטשן איילן זיך אַהיים פון דער אַרבעט, טייל מיט אַ פּעקל אונטערן אָרעם, וואַרפט מען אויף דער שנעל צו „אַ גוטן אָוונט". טיילמאָל זיצן זיי טאָקע, יאַנקל מיט זיין חנהן און וואַרטן ביז זינאַ וועט אַהיים קומען.

די באַנק שטייט נישט ליידיק. פאַראַן פיל פּאָרלעך, וואָס קענען שוין גוט די באַנק. זיי „פאַרבלאָנדזשען" דאָ אַהער און ווייסן שוין וואָס מען דאַרף טאָן, כדי עס זאָל זיין אָנ־גענעם. טרעפט זיך, אַז יאַנקל נאָכן איבערשלאָפן דעם ערשטן שלאָף, דערהערט דאָס פּאָרל רעדן. קלאַפּט ער אין פענצטער: העי יונגעלייט, אָדער אַהין אָדער אַהער, ס'איז שוין שפּעט... דאָס פּאָרל צעלאַכט זיך און גיט אַ טראַכט, אַז ס'איז שוין בפירוש צייט צו פאַרענדיקן.

שימעלע מיט זינאַן האָבן דאָס מאָל פאַרנומען זייער אייגענע באַנק און דאָ פאַרגעזעצט זייער שמועס. חנה גיט אַ

קוק אויפֿן זייגער און ווענדט זיך צו יאַנקלען: „אפשר וואָלסטו מיר געזאָגט, ווו אונדזער זינאַ איז? שוין אַזוי שפּעט און זי איז נאָך נישטאָ. זי האָט דאָך צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר זי טראָגט אָפּ די ביכער קומט זי באַלד צוריק אַהיים. דער ווייזער ווייזט שוין עלף און זי איז נאָך נישטאָ." חנה גייט אינסטינקטיוו צו צום פֿענצטער, הייבט אויף דאָס פּירהענגל און זעט אַ פּאָרל זיצן אויף דער באַנק. זי רופֿט צו יאַנקלען: „גיב דו אַ קוק, ווער זיצט דאָרט?" יאַנקל קומט צו, קוקט אַרויס -- ס'איז זינאַ מיט אַ בחור. „דו דערקענסט שוין נישט דיין אייגענע טאָכטער?", זאָגט ער צו חנהן. זי גייט צו נאָכאַ-מאָל אַ קוק טאָן. ס'איז טאַקע זינאַ. ווער זאָל עס זיין דער בחור? דאַנקען גאָט, וואָס זינאַ באַגעגנט זיך שוין מיט אַ בחור. מען כאַפּט זיך צו אַלעמאָל צום פֿענצטער און דורך אַ שפּאַרינגע וויל מען זיך דערוויסן ווי דער בחור זעט אויס.

דאָס פּאָרל איז געזעסן; קיין רייד האָבן נישט געפֿעלט. שימעלע האָט נאָך נישט אויסגעשעפּט זיין גאַנצן קוואַל; זינאַ האָט אים אויסגעהערט. זייערע געפֿילן האָבן זיך ביסלעכווייז אַנטוויקלט, דער צוציענדיקער קראַפֿט האָט זיך געטאָן זיינס. ביי זינאַ איז דאָס געווען ס'ערשטע מאָל צו זיצן ביז אַזוי שפּעט מיט אַן אומבאַקאַנטן בחור. זי גיט אַ קוק אויפֿן זייגער און זאָגט: „איר ווייסט, ס'איז שוין צייט, מיר זאָלן זיך צעשיידן." שווער איז עס געווען, נאָר מען האָט אַזוי באַשלאָסן. שימעלע האָט וואָל-ייִנגעריש אַ פֿרעג געטאָן: „נו, און מאָרגן?". „זיבן אַזייגער נאָך דער אַרבעט", האָט זינאַ פּלוצעם אַ זאָג געטאָן, „דאָ אין דעם זייטיקן געסל."

צוויי פֿילנדיקע הערצער האָבן זיך פֿריינדלעך צע-שיידט, דערווייל אָן איבעריקע עמאָציעס, געפּאַסט פֿאַרן ערשטן באַגעגעניש. ווען זינאַ איז אַריין אין שטוב, זיינען די עלטערן שוין געלעגן אויף די געלעגערס. נישט כדאי זיך באַומרויִקן און בעסער איבערלאָזן אַלע דעטאַלן אויפֿן פֿרימאָרגן. חנה האָט געפּרוווט עפּעס זאָגן, אָבער יאַנקל האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: „לאָז שלאָפֿן, וועסט דאָס זאָגן מאָרגן אינדערפֿרי".

זינאַ האָט זיך געדרייט אויפֿן בעט, נישט געקענט איינ-שלאָפֿן. צי זאָל זי טראַכטן שוין טאַקע וועגן פֿאַרבינדן זיך מיט אים, נאָך בלויז איין אָוונט. צי זאָל זי גיין מאָרגן אים באַגעגענען, אָדער בעסער גיין זען אירע חברטעס? זי צינדט אָן דעם לאָמפּ און באַטראַכט זיך אין שפּיגל -- זי וועט דאָס

אַלץ צו אים איבערגעבן. זי וועט גיין אים באַגעגענען, אָבער אַ ביסל צוריקהאַלטן. ער זעט אויס אַ שיינער יונגערמאַן, אַ צוגעלאָזענער, אַ געלערנטער, ס'איז דאָ מיט וועמען צו רעדן. דערצו האָבןביידע דערפילט אַ נאָענטקייט צו זיך. אפשר איז דאָס איר זיווג? מען טאָר אים נישט אַוועקלאָזן. ווי לאַנג קען זי זיך אַרומדרייען ווי אַ מיידל? אויף וועמען וואַרטן? . . . נאָכן טרינקען אַ ביסל וואַסער איז זינאַ אַנטשלאָפן געוואָרן.

אין דער פרי האָט זינאַ דערציילט אירע עלטערן, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט איר לעצטע נאַכט. די מוטער האָט מיט נייגעריקייט אויסגעהערט אַלע דעטאַלן און דאָס האַרץ איז ביי איר צערינען פון פאַרגעניגן. אויך דער פאָטער איז שטאַרק פריילעך געוואָרן. ער קען שימעלעס עלטערן, זיי זיינען פיינע מענטשן. ער גיט צו, אַז אַלץ ווערט צוגעשיקט פון גאָט, מסתמא איז איר דאָס געווען באַשערט. זינאַ האָט באַשלאָסן צו גיין אויף דער „ראַנדקע" מיט שימעלען.

יאַנקעש בערמאַן דער דאַמען שניידער

יאַנקעש בערמאַן איז געווען אַ דאַמען-שניידער און זיך ספּעציאַליזירט אין דאַמען פּאַלטנס. ער איז געווען אַ שניידער שבשניידער, ווי מען זאָגט פון דור-דורות. זיין פאָטער, אויך אַ שניידער, האָט אים דערציילט, אַז אפילו זיין זיידע איז געווען אַ שניידער. אַ נאָמען געגעבן האָט מען אים אין יידיש -- יעקב, נאָר אים איז געפעלן יאַנקעש, ס'איז אַ ביסל אויסערגעוויינלעך, נישט פּראָסט. איז מען צוגעוווינט געוואָרן צו דעם אויף אַזויפיל, אַז זיין פרוי באַשע האָט אים שוין אויך אויפגעהערט רופן יאַנקל, נאָר יאַנקעש. די ערשטע צייטן איז איר געווען שווער זיך צוגעוויינען צו דעם, נאָר אַז זי האָט געזען, ווי ער האָט דערפון הנאה -- זאָל זיין יאַנקעש. . . יאַנקעש האָט זיך גענומען פון דעם, ווען תיכּף נאָך דער חתונה איז אַריינגעקומען צו אים דער פריץ אָקסיאַנאָוו מיט זיין פרוי און באַשטעלט פאַר איר אַ מאַנטל, וויביים בעסטן שניידער. האָט דער פריץ אים גערופן יאַנקעש, איז דאָס אַריין יאַנקלען אין קאָפּ און ס'איז געוואָרן יאַנקעש פון דעמאָלט אָן. אויב האָט מען אים אַ מאָל אַ פרעג געטאָן: „יאַנקל, וואָס איז דאָס פאַר אַ נאָמען?" האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: „פרעגט נישט אַזוי פיל קשיות".

ער איז געווען באַקאַנט ווי אַ גוטער דאַמען שניידער אין דער אַרומיקער סביבה. פאַרשטענדלעך, אַז ס'פלעגן קומען צו אים אַלערליי פרויען -- הויכע, נידעריקע, מיט גלייכע פיגורן און אַ ביסל צעקראָכענע, האַלב האָרבאַטע. ער האָט געדאַרפט אַלץ מאַכן, כּדי דער פאַלטן זאָל נישט נאָר הענגען שיין, נאָר זיין געפּאַסט.

געווען איז יאַנקעש אַ הויכער, שיינער מאַן, שטענדיק גרייט מיטן שמייכל. אויף זיין נאָז זיינען געזעסן „פענסנע" ברילן (אַזוי פלעגט מען זיי רופן), אָן האַלאַבליעס, מיט אַ גאָלדן רעמעלע. אין די ברילן האָט ער אויסגעזען ווי אַ פּראָפעסאָר. און אויב איר ווילט מער, האָט ער זיך געדרייט אין וואַרשטאַט ווי אַ דאָקטאָר אין אַ ווייסן כאַלאַט. דאָס איז ער געווען -- יאַנקעש. אַלץ איז ביי אים געווען אַנדערש, ווי ביי אַן איינפאַכן שניידער. ביים מעסטן פלעגט ער אונטערברומען אַ ניגון אָדער אפילו דערציילן אַן אַנעקדאָט, כּדי דער קליענטקע זאָל נישט ווערן לאַנגווייליק. געהאַלטן האָט יאַנקעש פון זיך אַ סך, אַז ער איז דער בעסטער שניידער אין גאַנצן ראַיאָן און פאַרשטייט דאָס שניידעריי אַ ביסל מער פון די אַנדערע. צו אים זיינען געקומען באַשטעלן מאַנטלען פרויען פון גדולי הדור -- יידישע און קריסטלעכע. קבצנים געוויינלעך האָבן צו אים נישט געהאַט קיין צוטריט. כּמעט די גאַנצע שטאָט האָט אים געקענט און אפילו די פּריצים אין ראַיאָן.

זיין פאָטער ע״ה האָט געבראַנגט די משפּחה פון וואַרשע. יאַנקעש איז דעמאָלט אַלט געווען דריי יאָר. דאָס זיינען געווען די צייטן, ווען ס'האָט אָנגעהויבן ברענען שטאַרקער די שנאה צו יידן.

יאַנקעש האָט געהאַט דריי קינדער -- צוויי טעכטער און אַ זון. ער האָט די מיידלעך אַוועקגעזעצט ביי די נייַמאַשינען תּיכּף ווי זיי האָבן געענדיקט די עלעמענטאַרע שולע, און זיי געלערנט נייען. שימעלע, זיין זון, האָט פון קליינערהייט אָן געצויגן צו מאַטעמאַטיק. ביי 3 יאָר האָט ער שוין געציילט און געחשבונט אין די הונדערטער און אפילו טויזנטער. ער איז דערנאָך געווען דער בעסטער תּלמיד אין שולע, ספּעציעל אין חשבונות. די לערער פלעגן ראָטן יאַנקעשן, ער זאָל אים ווייטער לאָזן לערנען, ווייל ער איז דער בעסטער אין מאַטעמאַטיקס.

מען פלעגט אים רופן אין שטאָט שימעלע „קאָכיקער", ווייל ער איז געווען אַ „קאָכלעפל" אומעטום. אַלץ האָט אים אינטערעסירט; אַלץ האָט ער געוואָלט וויסן און אומעטום האָט ער זיך אַריינגעמישט. אַן אמתער „אַריינקריכער", צי איז עס געווען אין דער היים; צי ביי דער אַרבעט; צווישן פריינד; און אפילו נאָך אין זיינע יינגערע יאָרן. אין שולע איז ער

געווען אַ פּירער, דער „סטאַראָסטע". האָט מען עפּעס געדאַרפט אָרגאַניזירן, צוזאַמענשטעלן אָדער דערליידיקן, איז שימעלע געווען פון די ערשטע. דאָס זעלבע אין דער הויך-שולע.

יאַנקעש האָט אים זייער ליב געהאַט אַלס קינד און ער פלעגט זיך מיט אים גרויסן. זיין מוטער באַשע האָט צע-טראָגן צווישן אַלע ווייבער, אַז זיי האָבן אַ קינד אַזוינס און אַזעלכעס, מיט אַ גאָלדענעם קאָפּ. זיי האָבן אַליין נישט געוווסט אין וועמען ער איז געראָטן. ווי פריער געזאָגט, האָט ער מיט אויסצייכענונגען געענדיקט דאָס שטודירן און איז אַריין אַרבעטן אין אַ גרויסן שפּיטאָל, וווּ ער פלעגט פירן די חשבונות. ער האָט געהאַט הינטער זיך צוויי בוכהאַלטערס. מיט מיידלעך פלעגט זיך שימעלע באַגעגענען, אָבער בלויז דורכגייענדיק. ער האָט אַפילו נישט געהאַט דעם עזות איינצו-לאַדן איינע אויף אַ שפּאַציר. צו די צוויי מיידלעך, וואָס האָבן געאַרבעט מיט אים, האָט ער זיך אויפגעפירט זייער ערנסט. ער האָט נאָר געפאָדערט פון זיי, אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג, מען זאָל קענען אָפּגעבן די חשבונות צום באַשטימטן טערמין.

יאַנקעש און באַשע פלעגן אָפט שמועסן וועגן שימעלען: הלוואי געפינט ער עפּעס אַ לייטיש מיידל. יינגלעך דאַרף מען אויך נישט לאָזן אין דער לאַנגער באַנק אַריין. די מוטער האָט אים אַ מאָל געוואָלט פרעגן, אָבער זי האָט זיך באַרעכנט. אַזוי פלעגט זי זיך באַציען צו אים, שטענדיק אַ טראַכט טאָן פריער. אפילו נישט געפרעגט פאַרוואָס ער קומט טיילמאָל אַהיים שפּעטער. ער פלעגט זיך פאַרענטפערן מיט דעם, וואָס ער מוז זיך אַ מאָל פאַרהאַלטן, בכדי אַרויסצוגעבן די חשבונות צום טערמין. לעצטנס פלעגט ער אָפטער קומען שפּע-טער ווי אַלעמאָל. האָט באַשע געזאָגט צו יאַנקעשן, אַז דאָס איז נישט שימעלעס טבע. יאַנקעש ווידער האָט געהאַלטן, אַז אַ יינגל איז נישט קיין מיידל, ער קען זיין שטעלט זיך אַליין באַשטיין.

אין אַ געוויסן טאָג איז געקומען צו יאַנקעשן אַ קליענטקע צו מעסטן איר פּאַלטן. צווישן אַנדערן האָט זי אַ פרעג געטאָן: „וואָס טוט אייער שימעלע?" זאָגט יאַנקעש: „זייער גוט, ער אַרבעט". זאָגט זי ווייטער: „כ'האָב אים געזען שפּאַצירן מיט אַ מיידל". „מיט איינער? זייער גוט", זאָגט יאַנקעש. „איך אין זיינע יאָרן פלעג שוין שפּאַצירן מיט עטלעכע. ער האָט אין

ווענען אַריינצוגראָטן". זאָגט די פרוי: „ער איז געגאַנגען מיט זייער אַ פיין מיידל, זינאַ הייסט זי". דאָ איז שוין צוגעלאָפן באַשע: „זאָגט זשע טאַקע, אַ ווילע? אַ שיינע?" האָקט איר איבער יאַנקעש: „איב דו ווערסט וועלן נאָכפרעגן אויף יעדן מיידל, מיט וועמען ער וועט שפּאַצירן, וועט דיר די צייט נישט טראָגן". „כ'ווייס נישט גענוי", זאָגט די קליענטקע, „כ'ווייס נאָר, אַז זי איז אַ טאַטנס אַ קינד." מער קיין דעטאַלן האָט זי נישט געגעבן און נישט געוווּסט. איז דאָס ווי כמעט פאַרגעסן געוואָרן.

שימעלעס עלטערן זיינען אויך געוואָרן באַומרוּיִקט אין יענעם אָוונט, ווען די יונגע מענטשן האָבן זיך געטראָפן „אין דער בלאָטע" צום ערשטן מאָל. שימעלע איז נישט אַהיים גע-קומען באַלד נאָך דער אַרבעט -- עס איז נישט געווען זיין טבע. ווען דער זייגער האָט זיך גערוקט און זייער זון איז נאָך אַלץ נישט געווען אין דער היים, האָבן זיי זיך שוין אָנגע-הויבן פאַרשטעלן ווער ווייסט, וואָס עס האָט, חלילה, מיט אים פּאַסירט. מען האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, געשטאַנען ביי דער אָפענער טיר און געוואַרט. . . ענדלעך האָבן זיי אים דערזען און אַ נייע נשמה איז אין זיי אַריין. די מוטער האָט אים גענומען קושן, דער פאָטער איז געשטאַנען אומגעדולדיק לעבן זיי --ביידע האָבן געוואַרט, אַז דער זון זאָל זיי קלאָר מאַכן, וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט. שימעלע האָט זיי באַרוּיִקט, געוויזן אַז ס'איז שוין שפּעט און מען דאַרף גיין שלאָפן. צומאָרגנס וועט ער זיי אַלץ גענוי איבערגעבן. אָבער די מאַמע לאָזט נישט צורו, הייבט אָן וואַרפן פראַגן און וויל שוין אַלץ וויסן. שימעלע האָט געזען, אַז ער וועט זיך נישט קענען אַרויסדרייען אָן אַ דערקלערונג, האָט ער זיי אַלץ דערציילט -- פון אַלף ביז תּוו. ווען דער נאָמען פון זינאַס פאָטער, יאַנקל דער איינבינדער, איז אַרויס-געקומען אין געשפּרעך, זיינען זיינע עלטערן געווען זייער צו-פרידן. דאָס זיינען היימישע, באַקאַנטע, פיינע מענטשן. שימעלעס פאָטער האָט שוין אפילו אַ טראַכט געטאָן -- זאָל זיין אין אַ מזלדיקער שעה.

שימעלע איז אַ צופרידענער אַוועקגעפאַלן אויפן בעט, זיך אויסגעצויגן אַ דערהויבענער, אַ טראַכט געטאָן, אַז דעם אָוונט האָט ער איבערגעלעבט עפּעס נייעס. ער האָט אַלץ אַנאַ-ליזירט און מיט זיכערקייט באַשלאָסן, אַז אַלץ וועט זיך

ענדיקן אין בעסטן אָרדענונג. ער האָט נישט אויפגעהערט טראַכטן דאָס סאַמע גוטע וועגן איר -- זי איז שיין, קלוג, באַלעבאַטיש, און ווייזט אויס, אַז ער האָט זי טאַקע ליב באַקומען. עס זאָל כאָטש פון איר זייט נישט זיין קיין שטערונג. אַזוי איז ער אַ מידער אַנטשלאָפן געוואָרן, ביז די מוטער האָט אים געמוזט אויפוועקן, כדי ער זאָל נישט פאַרשפעטיקן צו דער אַרבעט.

זינאַ האָט דאָס ערשטע מאָל זיך געפונען אין אַזעלכע אומשטענדן -- זיצן מיט אַ פרעמדן בחור אויף אַ באַנק, זיך באַוויזן מיט אים צוזאַמען ביי פרעמדע מענטשן. ווו האָט זיך ביי איר גענומען אַזאַ העלדישקייט? זי האָט אָנגעהויבן איבערטראַכטן די געשעענישן פון לעצטן אָוונט.

* * *

די ערשטע באַגעגעניש איז פאָרגעקומען ביים אַריינגאַנג אין דער אַלעע,ביידע מיט זיסע שמייכלען אויפן פנים. ביידע זיינען זיי געגאַנגען צו דער באַנק אין דער אַלעע שווייגנדיקע, נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס. ער רייסט אָפּ אַ בלעטעלע פונעם נאָענטן בוים, דרייט עס אין די הענט, שמעקט צו דעם, און לאָזט עס פליען אין דער לופטן. זינאַ רייסט איבער דאָס שווייגן און פרעגט אים, צי ער איז שוין לאַנג נאָך דער אַרבעט? „ניין", זאָגט ער, „אַז כ'האָב זיך מיט דיר געדאַרפט באַגעגענען, האָב איך פריער ווי שטענדיק פאַרלאָזט די אַרבעט". די דאָזיקע באַגעגעניש איז געווען זייער אַ צופרידנשטעלנדיקע. ביז עלף אַזייגער זיינען זיי געזעסן אויף דער באַנק, ווי זיי וואָלטן דאָס געווען אָפּגעדונגען.

נאָך דער ערשטער באַגעגעניש זיינען פאָרגעקומען נאָך אַ צאָל באַגעגענישן. כמעט יעדן טאָג איז עס פאָרגעקומען אין אַ באַשטימטער צייט. קיינער פון זיי האָט זיך נישט פאַרשפעטיקט, ווי זיי וואָלטן זיך נישט געקענט דערוואַרטן, אַז דער זייגער זאָל שוין אויסקלינגען די באַשטימטע שעה. אין אמתן איז עס טאַקע אַזוי געווען. מיט קלאַפּנדיקע הערצער זיינען זיי געלאָפן צום אָפּגערעדטן פּלאַץ און זיך שמייכלענדיקע אַרומגענומען. טיילמאָל זיינען זיי געזעסן אויף דער באַנק אין שטאָט-גאָרטן; טיילמאָל שפּאַצירט לאַנגע שָעהן.

די עלטערן, איבערהויפּט די מאַמעס, זיינען געווען פאַר-

אינטערעסירט אינעם גאַנג פון די באַגעגענישן און זיך נישט געקענט דערוואַרטן וועגן די רעזולטאַטן פון די „ראַנדקעס". אָבער ווי קלוגע מאַמעס האָבן זיי זיך צוריקגעהאַלטן פון פרעגן.

ביי דער לעצטער באַגעגעניש מיט זינאַן האָט שימעלע איר דערציילט, אַז זיינע עלטערן ווייסן שוין פון זייערע באַגע-גענישן. זיינע עלטערן האָבן אים דערציילט וועגן דער קליענטקע, וואָס האָט זיי געזען שפּאַצירן, און ווי זי האָט אויסגעלויבט זינאַן פאַר זיינע עלטערן. זיי האָבן באַשלאָסן צו עפענען די קאָרטן פאַר די עלטערן, אַז זיי האָבן זיך ליב און האָבן באַשלאָסן חתונה צו האָבן. זיי ווילן, אַז די טאַטע-מאַמעס זאָלן געבן זייערע ברכות. פאַרשטענדלעך, אַז די עלטערן האָבן מיט פאַרגעניגן צוגעשטימט.

ביי יאַנקעשן איז געווען איין מיכשול. שמעונס צוויי שוועסטער, אַ צווילינג, זיינען געווען עלטער פון אים. און ווי עס איז דעמאָלט געווען די טראַדיציע, האָט מען צומערשט חתונה געמאַכט די עלטערע קינדער. האָט מען זיך מיט זיי דורכגערעדט און זיי האָבן ביידע געגעבן די הסכמה און גע-ווונטשן אים מזל-טוב. ווען ער איז געקומען מיט זינאַן און זי פאַרגעשטעלט פאַר זיי, איז זי זיי געפעלן געוואָרן און זיי האָבן זיך מיט איר באַפריינדעט.

ביידע טאַטע-מאַמעס האָבן זיך באַגעגנט ביי יאַנקעשן אין הויז, ביי אַ שיין געדעקטן טיש, צוגעגרייט מיט אַלעם גוטן און מיט אַ לחיים. זיי האָבן זיך נאָענטער באַקענט און אַרומגערעדט אַלע פראַגן בנוגע דער חתונה. צום סוף איז באַשטימט געוואָרן די צייט פון חתונה-טאָג אין אַ האַלב יאָר אַרום. וואָס שייך די חתונה הוצאות זאָל יעדער צד ביי-שטייערן העלפט. מען האָט אויך אַרומגערעדט וועגן אַ וווינונג פאַרן יונגן פּאָרפאָלק; וועגן מוזיק, וועגן דער חתונה-סעודה און אַנדערע דעטאַלן.

אין דער באַשטימטער דאַטע איז מיט מזל פאָרגעקומען די חתונה. עס זיינען אָנוועזנד געווען עטלעכע הויכע לייט, קריסטן און צוויי פריצים, פון וועמען יאַנקעש האָט באַקומען די בעסטע ווינען. ס'איז געווען אַ פריילעכע און געשמאַקע חתונה מיט פיל געסט פון ביידע צדדים, סטודענטן, שרייבערס און זשורנאַליסטן פון זינאַס אַרבעט-פּלאַץ. דאָס פּאָרל האָט געשיינט פון אונטער דער חופּה.

נאָך דער חתונה זיינען זיי באַלד געגאַנגען אין זייער אייגענער וווינונג. זינאַ מיט שימעלע האָבן איינגעשטעלט אַ שיין פאַמיליע-לעבן מיט ליבע, אָפּשיי און פריינדשאַפט. זיי האָבן פאַרגעזעצט זייער אַרבעט ווי פריער. די אָוונטן האָבן זיי פאַרברענגט צוזאַמען אָדער מיט פריינד, און זיי פלעגן פון צייט צו צייט באַזוכן ביידע עלטערן. דער איינציקער נעגאַטי- ווער פאַל אין זייער צוזאַמענלעבן איז געווען דאָס, וואָס קיין קינד איז נישט געבוירן געוואָרן, טראָץ דעם, וואָס עס זיינען שוין אַדורך פינף יאָר.

זינאַ איז מיט דער מוטער געגאַנגען צו דאָקטוירים און זיך אָנגעהויבן קורירן, אָבער דערווייל אָן דערפאָלג. וואָס מער צייט ס׳איז פאַרגאַנגען, אַלץ מער האָט זיך ביי זיי פאַר- שטאַרקט דער באַגער צו האָבן אַ קינד. ווען זיי האָבן ביי עמעצן דערזען אַ קינד האָבן זיי עס גלייך ליב באַקומען. עס שאַפט זיך אפילו ביי זיי אַ קנאה געפיל צו די, וואָס האָבן קינדער, איבערהויפט די, וואָס האָבן תיכף נאָך דער חתונה געבוירן.

ס׳האָט זיך ביי זיי געשאַפן דער געדאַנק, אַז אויב ס׳וועט אין אַ צייט אַרום גאָרנישט געשען, זאָלן זיי אפשר אַדאָפּטירן אַ קינד פון אַ קינדער-היים. זינאַ פלעגט זייער אַ סך איבערלעבן, כאָטש מען האָט נישט געוווסט די סיבה, ווער ס׳איז אין דעם שולדיק. זינאַ איז אפילו געגאַנגען, אָן שמעונס וויסן, צו אַ קאָרטן-וואַרפערין, אָן אָפּשפּרעכערין, אָבער אַלץ אָן דערפאָלג. די פראַגע פון האָבן אַ קינד איז געווען אָן אַל- געמיינע זאָרג. מען האָט נישט פאַרלוירן די האָפענונג, אַז אפשר וועט גאָט רחמנות האָבן אויף זיי און צושיקן אַ דערלייזונג.

דאָס האָט גאָרנישט פאַרמינערט די באַציִונגען צווישן דעם פּאָרל. ביידע האָבן זיך געליבט נישט ווייניקער ווי פאַר דער חתונה. אומעטום צוזאַמען געגאַנגען, צוזאַמען פאַרברענגט. געווען פאָרלעך, וואָס האָבן זיי זייער געליבט און געזוכט זייער פריינדשאַפט.

* * *

ווי פריער דערמאָנט, האָט שמעון געאַרבעט אין אַ שפּיטאָל, ווי דער הויפּט פון בוכהאַלטעריע ביוראָ. קיין שום

הוצאות קענען נישט געמאַכט ווערן אָן זיין חתימה, און אַלע איינקונפטן האָבן געמוזט דורכגיין זיין האַנט. ער האָט דערי־בער, פון צייט צו צייט, געמוזט שטיין אַ ביסל לענגער אין דער ביוראָ, כּדי אויסצוגלייכן די חשבונות. אין זעלבן שפּיטאָל האָט אויך געאַרבעט אַ ראַמעריו, אַ פרוי, וואָס האָט ריין געמאַכט די צימערן פונעם שפּיטאָל. זי איז נישט געווען קיין יידישע און איר נאָמען איז געווען שוראַ. זי האָט נאָר געקענט צוראַמען אין די אָוונט שְעהן נאָך דער אַרבעט. ווען שמעון האָט געאַרבעט אַ ביסל שפּעטער, זיינען אין דעם טייל פון שפּיטאָל, ווו עס האָט זיך געפונען די אַדמיניסטראַציע, געווען נאָר זיי ביידע -- שוראַ און שמעון. יעדעס מאָל פלעגט זי אים פרעגן, צי ער האָט נאָך אַ סך אַרבעט, ווייל זי וויל אויפראַ־מען זיין צימער.

שוראַ איז געווען נישט קיין מיאוסע און פלעגט זיך דרייען אַרום אים מיט אַ שמייכל. קיין מאַן האָט זי נישט געהאַט, נאָר ווען ס׳פלעגט זיך אַ מאָל מאַכן. . . האָט זי נישט אַוועקגעלאָזט. פון אַ גלעזל משקה האָט זי זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט. זי פלעגט טענהן: „איין מאָל לעבט דער מענטש, דאַרף ער פון אַלעמען געניסן". . . שמעון האָט אויף איר קיין ספּעציעלן אַכט נישט געלייגט, זי איז אים ווייניק אָנגעגאַנגען. ער איז אַ פאַרנומענער מענטש און מיט אַ ריין־מאַכערין איז נישטאָ אפילו וואָס צו שמועסן.

אָבער אין מענטשלעכן לעבן קומען אַ מאָל פאַר געשעענישן, וואָס קומען פון זיך אַליין, אומבאַטראַכט, אויטאָ־מאַטיש. און פון זיי קומען אָן צרות. אַזוי איז געשען אין דעם פאַל.

אין אַ געווויסן אָוונט, ווען שמעון האָט געאַרבעט אַ ביסל שפּעטער, איז שוראַ אַריין געקומען פרעגן, צי זי קען דאָ ריין מאַכן, און דעמאָלט איז עס געשען. ביידע האָבן פּלוצעם דערפילט, אַז זיי ווערן צוגעצויגן איינער צום אַנדערן. איין זאַך האָט געפירט צו אַ צווייטער און עס האָט פּאַסירט, וואָס עס פּאַסירט געוויינלעך צווישן צוויי יונגע מענטשן, וועלכע געפינען זיך אַליין אין אַ צימער. שוראַ האָט גענומען אַ טרונק פון איר פלעשל און אים מכבד געווען מיט אַ גלעזל. כאָטש שמעון איז נישט געווען קיין טרינקער, האָט ער דאָס גלעזל גענומען, ווייל ער איז געווען אַ ביסל נערוועיש צוליב אַ טעות אין די

חשבונות. נאָכן ערשטן האָט מען געגומען אַ צווייטן; מען האָט אָנגעהויבן זיך ווינצלען און לאַכן צוזאַמען. שמעון האָט אַרויפּ־געלייגט אַ האַנט אויף שוראַ, איר אַרומגענומען, זי צוגעדריקט צו זיך. שוראַ האָט זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט. פאַרקערט, זי האָט אים צוגעהאָלפן אַראָפּנעמען איר קליידל, אים אויסגע־טאָן דאָס רעקל און. . . ס׳האָט נישט לאַנג גענומען און זיי זיינען געווען אַריינגעפלאָכטן איין קערפּער אין צווייטן. . .

* * *

אין אַ געוויסן פאַרנאַכט, שוין אַ שטיקל צייט שפּעטער האָט שוראַ דערזען שמעונען ביי דער גאַרדעראָב פון די קליי־דער אין שפּיטאָל. ער האָט אָנגעטאָן דעם מאַנטל און זיך גע־גרייט אַהיים צו גיין. זי האָט אים שטילערהייט אַרויסגערופן אויף דער גאַס און אים בסוד געזאָגט: „איך בין שוואַנגער". אים איז שווער געווען אויף אַ מינוט צו פאַרשטיין, וואָס דאָס זאָל באַדייטן, צי וואָס אַזעלכע רייד. „מען דאַרף וועגן דעם איבעררעדן", האָט זי זיך געווענדעט צו שמעונען. „קום, מיר וועלן זיך דורכשפּאַצירן צו מיין היים". שמעון, אין גאַנצן אַ פאַרלוירענער, אַ צעמישטער, האָט זיך געלאָזט נעמען פון איר ביי דער האַנט. אַזוי זיינען זיי דערגאַנגען צו שוראַס היים.

שוראַ האָט געוווינט אין אַ צווייטן הויף, אין אַ קליין צימערל. ווי אַ געפאַנגען וועלפּל אין דעם צימערל, האָט שמעון אין גאַנצן נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס ער געפינט זיך דאָ. „זיץ, ביטע", רוקט אים שוראַ אונטער אַ בענקל. שמעון הערט זיך צו און זעצט זיך אַוועק; דאָס בענקל איז געשטאַנען ביי דער סאַמע טיר. ביידע האָבן עטלעכע מינוטן געשוויגן. „יאָ, כ׳בין פאַרפלאָנטערט געוואָרן מיט דיר. דו פאַרשטייסט?" „יאָ, יאָ", זאָגט שמעון. „וואָס זשע טוט מען איצט?" פרעגט זי. שמעון האָט צעשפּרייט זיינע הענט און געהויבן מיט די אַקס־לען. דער זשעסט האָט פאַרדראָסן שוראַן, האָט זי אַ זאָג געטאָן: „איך ווייס אַליין וואָס כ׳האָב צו טאָן אָן דיין עצה. נאָר דו פאַרשטייסט, צו דעם דאַרף מען האָבן געלט". . . „דו דאַרפסט געלט?" האָט זיך שמעון דערפרייט, וועלכער האָט שוין עפּעס מער פאַרשטאַנען. „ס׳איז נישט קיין געלט פאַר מיר", האָט שוראַ געזאָגט. „אָן קיין געלט וועט מען פאַר מיר אין

שפיטאָל גאָרנישט מאַכן. עס זיינען פאַראַן שווערקייטן".

שמעון האָט באַלד געמאַכט אַ באַשלוס: „אָט האָסטו, כ'האָב היינט באַקומען מיין געהאַלט". און ער האָט אַוועקגעלייגט אויפן טיש דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. שורה האָט שנעל צוגעדעקט דאָס געלט איבערקערנ-דיק אַ טעלער פון אויבן. שמעונען איז געוואָרן גרינגער אָפּצו-דעכען; ער איז מיטאַמאָל אויפגעשטאַנען פונעם בענקל. שורה האָט גוט באַמערקט דעם זיפץ, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט. „נאַר", זאָגט זי, „איך האָב נאָך נישט באַשטימט אויף זיכער. קען זיין, אַז כ'וועל נאָך געבוירן דאָס קינד". שמעון האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויפן בענקל. „גיי שוין, גיי!" -- האָט שורה זיך צעשריגן. „דו האָסט דאָ מער נישט וואָס צו טאָן. ס'קען זיין, אַז מיר וועלן זיך נאָך באַגעגענען אין געריכט". זי האָט זיך צעלאַכט אויפן קול, אים פּשוט אַרויסגעשטופּט און מיט אַ שטאַרקן זעץ פאַרמאַכט די טיר נאָך אים. שמעון איז אַרויס, זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און זיך געלאָזט אַ היים.

* * *

זינאַ האָט צומערשט גאָרנישט באַמערקט. „וואָש זיך די הענט", האָט זי באַפוילן. „כ'וועל באַלד ברענגען דאָס עסן". ווען זינאַ האָט געטראָגן די טעלער מיטן עסן האָט זי זיך צע-שמייכלט, נאָר זעענדיק שמעונס פּנים, האָט זי זיך אָפּגע-שטעלט אין מיטן גאַנג און געפרעגט: „וואָס איז מיט דיר?". „פאַרשטייסט" -- הייבט אָן שמעון און פאַרהיקעוועט זיך -- „אויפן וועג אַהיים, פאַרנדיק אין אויטאָבוס, האָט מען ביי מיר אַרויסגענומען דאָס גאַנצע געלט, דעם באַקומענעם גע-האַלט, וואָס כ'האָב היינט געקראָגן". . . „וואָס הייסט? ווי אַזוי?" -- האָט זינאַ געפרעגט. „כ'ווייס אַליין נישט ווי אַזוי ס'איז פאָרגעקומען", ענטפערט שמעון. „וואָס-זשע ביסטו אַזוי פאַרצערט? ס'איז אוודאי אַ צרה, נאָר פון קיין הונגער וועלן מיר נישט שטאַרבן". שמעונען איז געוואָרן גרינגער, אָבער ס'האָט אים אַרומגעכאַפּט אַן אומבאַגרענעצטע בושה, צוליב דעם גראָבן ליגן, וואָס ער האָט צונויפגעשטעלט. ער איז צו אַזעלכע זאַכן נישט געווען גרייט. ער האָט אַן איידעלן כאַ-

ראַקטער. זינאַ האָט זיך באַמיט צו פאַרגעסן וואָס שנעלער דעם דאָזיקן פאַל.

זינאַ איז געווען אַ פרוי, וואָס האָט ליב געהאַט, אַז מענטשן מיט פריינדלעכע באַציִונגען זאָלן קומען צו איר צו גאַסט. אין זייער צימער איז שטענדיק געווען ריין און שיין, באַפּוצט מיט אַלערליי בילדער, בלומען און קאָלירטע זאַכן. דאָס צימער אין וועלכן זיי האָבן געוווינט, איז געווען איינס פון אַ זעקס-צימערדיקן קאָמפּלעקס, אָפּגעטיילט מיט אַ לאַנגן קאָרידאָר. דאָרט האָבן אויך געוווינט אַנדערע לאָקאַטאָרן. אַלע שכנים האָבן צוזאַמען פאָרמירט אַ מין קאָלעקטיוו הויז. מענטשן האָבן געזוכט צו באַשיינען זייערע וווין-פּלעצער, אפילו אין אָרעמע אומשטענדן. מען האָט געקאַרגט אויפן עסן, נאָר אין צימער זאָל זיין ריין און שיין. מענטשן האָבן געלעבט אויף גרויפּן, קאַשע, פּאָווידלע מיט טונקל ברויט, זופּן, קאַר-טאָפל, אָבער ביים אויפנעמען געסט האָט מען אַלץ געטאָן, אַז קיינער זאָל נישט באַמערקן די אָרעמקייט. זינאַ, די ניי-אַריינ-געצויגענע שכנה אין דעם הויז, האָט זייער אויסגענומען ביי די אַנדערע מיט איר פּירונג און אויסקליידונג. זי האָט ליב געהאַט צו טראָגן זייער בלישטשנדיקע זאַכן, מעג זיין אָפּגע-גילדעטע קייטעלעך, בראַנדזעלעטן, פינגערלעך, אָפּצונאַרן די וועלט מיט איר בליאַסק. די שכנים האָבן געהאַלטן פון זינאַן. די קיך איז געווען אַן אַלגעמיינע, פלעגן די שכנים אפילו איר העלפן אין דער קיך, ווען זי איז געווען פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש. אויב ס'איז אַ מאָל געווען אַ מיספאַרשטענדעניש צווישן די שכנים, איז עס דערליידיקט געוואָרן אויפן טיש ביי זינאַן. מען איז זיך געוויינלעך צעגאַנגען איבערגעבעטענע און צופרידענע.

* * *

שמעון האָט אַ לאַנגע צייט באַמיט זיך אויסצומיידן די מעדיצינישע אָפּטיילונג, כדי נישט אָנצוטרעפן שוראַן. די צייט איז אַוועק, אַלץ איז מכלומרשט פאַרגעסן געוואָרן. שוראַן האָט ער וויניק געזען און ער האָט זי אפילו נישט דערמאָנט. איין מאָל איז אים אויסגעקומען צו גיין דורכן שטאָט-גאָרטן אויפן וועג אַהיים. אין דער אַלעע האָט זיך אַ פרוי אויפגע-הויבן פון דער באַנק און אים פאַרשטעלט דעם וועג. שמעון

האָט זיך גערוקט אין דער זייט אַדורכצולאָזן די פרוי, גע-טראַכט, אַז זי איז אוודאי שיכּור. „וואָס, דו דערקענסט מיך נישט?", האָט די פרוי זיך צעשריגן אויפן קול. דאָס איז געווען שוראַ. זי האָט אים אָנגעכאַפּט ביים אַרבל. „קום, זאָלן מיר דאָ זיצן, ס'איז דאָ וועגן וואָס צו שמועסן. יאָ, פּאַפּאַשי". . . שמעון איז איר נאָכגעגאַנגען, טראַכטנדיק, אַז זי זאָל אים נישט אָפּשפּילן עפּעס אַ שפּיצל.

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און שוראַ איז אָנגעגאַנגען מיטן געשפּרעך: „דו ביסט אַ טאַטע פון אַ טעכטערל. דיין געלט האָב איך אויסגעגעבן אויף אַנדערע זאַכן און כ'האָב געבוירן דאָס קינד. איר נאָמען איז קסעניאַ. ס'איז שווער פאַר מיר אויסצוהאַלטן דאָס קינד. איך קען זיך נישט באַווייזן צווישן מענטשן מיט איר, מען וועט מיך פּשוט פאַר-שטיינערן. איך האָב אויך געמוזט אויפגעבן די אַרבעט אין שפּיטאָל און געזוכט אַרבעט ערגעץ אַנדערשוווּ. האָב איך באַ-שלאָסן צו געבן דאָס קינד צו דיר, איר פאָטער, ווו זי וועט האָבן אַ פיל בעסער לעבן. זי איז אפילו זייער ענלעך צו דיר מיט איר שפּיציק נעזל. אויב נישט וועל איך זי אַוועקגעבן אין דער קינדערהיים. אויף אַלע דאָקומענטן בין איך גרייט אַריינ-צושרייבן, אַז כ'זאָג זיך אָפּ פון קינד אויף אייביק. אַזוי ווי ביי דיר איז נישטאָ קיין קינדער און כ'האָב געהערט, אַז איר רעדט וועגן אַדאָפּטירן, נו. . . איז דאָך דאָס דיין בלוט און פלייש. דיין פרוי וועט מיט דער צייט דיר מוחל זיין און דער-ציען דאָס מיידעלע ווי איר אייגן קינד".

שמעון איז געבליבן זיצן אַ פאַרפּלעפטער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט איר געפּרוווט אויפקלערן, אַז ער דאַרף האָבן כאָטש אַ וואָך צייט צו קענען איבעררעדן מיט זינאַן און מאַכן פּלענער. אָבער שוראַ האָט דערפון נישט גע-וואָלט הערן. זי קען נישט וואַרטן קיין וואָך צייט. ס'מוז געשען שוין איצט. זיי זיינען אַריין אין שוראַס הויז און זי האָט אים דערלאַנגט אַ בינטל איינגעוויקלט אין אַ גרויען טיכל – זיין טעכטערל. „אָט, נעם עס, גיי אַ היים צו דיין פרוי און איר וועט ביידע דערציען דאָס קינד". שמעון האָט איינגעזען, אַז ער האָט נישט קיין אַנדערע ברירה, האָט ער גענומען דאָס קינד און מיט אַ שווער האַרץ זיך געלאָזט אַהיים.

שימעלעס סורפּריז

זינאַ איז געשטאַנען אין קיך, אין דעם אָוונט, און זיך געוווּנדערט, וואָס שימעלע איז נאָך נישטאָ פון דער אַרבעט. געוויינלעך קומט ער אַהיים האַלב נאָך זעקס, העכסטנס זיבן אַזייגער. טאָמער דאַרף ער שטיין גאַר, גאָר שפּעט, באַמיט ער זיך איר צו לאָזן וויסן דורך אַנדערע שפּיטאָל-אַרבעטער, וועלכע גייען אַדורך זייער הויז אויפן וועג אַהיים. ער לאָזט דערביי וויסן די סיבה פון זיין פאַרשפּעטיקונג. זי קוקט אויפן זייגער -- ס'איז שוין נאָך אַכט. זי האָט שוין דריי מאָל צוגעוואַרעמט די וועטשערע. זי קוקט דורכן פענצטער -- מ'זעט אים נישט. ס'איז נישט זיין טבע. זי איז אפילו אַריבערגעלאָפן צו זיין פריינד יורי, וועלכער וווינט אויף דער שכנהשער גאַס, לעבן ראָג. יענער האָט זיך אויך געוווּנדערט און איר געזאָגט, אַז זיי זיינען ביידע אַרויס צוזאַמען, נאָר שימעלע האָט זיך פאַרקירעוועט אויף אַן אַנדערן וועג.

שימעלע איז בכלל געווען אַ מענטש, וואָס האָט אין ערגעץ נישט פאַרשפּעטיקט. זינאַן פלעגט פיל מאָל רייצן זיין איבעריקע פּינקטלעכקייט. צופיל פּינקטלעך, פלעגט זי טענהן... איצט ווייס זי שוין נישט וואָס צו טראַכטן. אפשר אַ פאַרזאַמלונג? נאָר ניין. . . ער וואָלט עס איר געזאָגט פריער פאַר דער אַרבעט. וואָס קען דאָס זיין? זינאַ קוקט ווידער אַרויס דורכן פענצטער, אפשר קומט ער שוין?. . . און אפשר פון דער אַנדערער זייט? נישטאָ! אין דרויסן ווערט שוין פינצטער. די בוימער הוידען די צווייגן. זייער ווייניק מענטשן אין גאַס, בלויז איינצלנע, יחידים. זי דרייט זיך אומגעדולדיק אַהין און צוריק. אין קאָפּ קומען אַלערליי געדאַנקען, וואָס קען עס זיין? זי ווייסט שוין נישט וואָס צו טראַכטן. ס'איז נאָך דאָס קיינ-

מאָל נישט געשען.

פּלוצעם דערהערט זיך אַ קלאַפּ ביי דער טיר. ס'קען זיין שמעון, אָבער פאַרוואָס קלאַפּט ער? ער האָט דאָך דעם שליסל פון דער טיר, קען ער דאָך אַליין עפענען. אַן אומרויִק געפיל באַפאַלט איר. זי גייט צו און עפנט די טיר. „שמעון, וואָס איז געשען? פאַרוואָס אַזוי שפּעט?" זי רוקט זיך אַ ביסל אויף צוריק, אַז שמעון זאָל קענען אַדורכגיין. אָבער ער שטייט אויפן אָרט און רירט זיך נישט ווייטער. ער שווייגט און זאָגט נישט קיין וואָרט. ערשט איצט האָט זי באַמערקט, ווי אין זיינע הענט טראָגט ער עפּעס אַ פּעקל. „וואָס איז דאָס?" פרעגט זינאַ, „וואָס האָסטו געברענגט?" „אַ קינד", ענטפערט שמעון ערנסט. „אַ קינד", חזרט ער איבער. „וואָס הייסט אַ קינד?", גלאָצט זינאַ מיט די אויגן. „וואָס פאַרשטייסטו נישט? פּראָסט און פשוט אַ מיידעלע, פאַרשטייסט?" „איך פאַרשטיי גאָרנישט. . . וואָס הייסט אַ קינד, אַ מיידעלע. . . וואָס איז עס פאַר אַ קינד?. . . וועמענס?" -- „מיינס", האָט שמעון זיך אָנגענומען מיט מוט און הויך אַ זאָג געטאָן, ווי ס'וואָלט זיך ביי אים אַרויסגעכאַפּט נישט טראַכטנדיק. זי גיט נאָכאַמאָל אַ קוק, איינגעוויקלט אין אַ גרויען טיכל ליגט אַ קינד. „וואָס, וואָס האָסטו געזאָגט?", האָט זינאַ זיך צעשריגן. „הער מיך אויס" -- האָט שמעון אָנגעהויבן ווייכער רעדן, „הער מיך אויס זינעטשקע. כ'וועל דיר אַלץ דערציילן, וועט עס דיר ווערן קלאָר". „כ'וויל גאָרנישט הערן. גיי שוין אַרויס פון דאַנען, דו אויסוואָרף", האָט זינאַ צוגעגעבן שטילערהייט, כדי מ'זאָל, חלילה, נישט הערן אין דרויסן. זי האָט פאַרקלאַפּט די טיר און ער איז געבליבן אין דרויסן אויף יענער זייט, מיטן בינטל אויף די הענט.

זינאַ איז געבליבן שטיין אין קאָרידאָר, ווי זי וואָלט מורא געהאַט צו מאַכן אַ שריט. די לופט קוועלן זיינען ביי איר ווי פאַרשטאָפּט געוואָרן און ס'איז איר געווען שווער צו אָטעמען; דאָס האַרץ האָט ביי איר געטראַסקעט ווי מיט האַ-מערס. זי האָט נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען, נישט באַנומען, וואָס דאָ איז געשען. עפּעס שטייט דאָ פאַר אַן אומגליק. ס'האָט זי אָנגעכאַפּט אַ ציטער, וואָס האָט נישט אָפּגעלאָזט פאַר אַ לענגערער צייט. זי גיט אַ קריץ מיט די ציין, מורמלט עפּעס, וואָס זי אַליין האָט נישט פאַרשטאַנען און לויפט אַריין אין צימער. אין דרויסן איז געגאַנגען אַ רעגן. איינציקוויז איז

זינאַ געקומען צו זיך. זי האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן בעט, דער ציטער איז פאַרשוווּנדן, זי האָט זיך אַליין באַמיט צו שטאַרקן, זיך אַליין בעסער מאַכן.

דער רעגן אין דרויסן האָט זיך געשטאַרקט. די שווערע טראָפּנס האָבן זיך געהערט קלאַפּן אויפן טראָטואַר און אויפן בלעכענעם דעכל פונעם שכנותדיקן הויז. זינאַ איז מיטאַמאָל אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום פענצטער, אַרויסגעקוקט אין דער פינצטערניש. שמעון איז געשטאַנען אונטער אַ דעכל, צוגע־טוליעט צו זיך דאָס בינטל מיטן קליינעם באַשעפעניש אינעם גרויען טיכל. „קום אַהיים!" -- האָט זינאַ געעפנט די טיר און אַ געשריי געטאָן. שמעון איז אַריין אין שטוב אַ נאַסער. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אפשר גייט צום בעסערן. זינאַ האָט עפּעס געמורמלט, געוואָרטשעט צו זיך אַליין אומפאַרשטענד־לעכס. שמעון האָט יעדע ווײַלע אַרויסגעלאָזט אַ שווערן זיפץ פון טיפן האַרצן. ער האָט איר געוואָלט געבן צו פאַרשטיין, איר דערציילן, וואָס עס האָט פּאַסירט. זינאַ האָט זיך פאַר־שטאָפּט די אויערן און נישט געוואָלט הערן זײַנע רייד. זי האָט זיך פאַרשטעקט אין אַ ווינקל פון צימער, אויסשרייענדיק פאַרשיידענע זידל-ווערטער אויף שמעונס אַדרעס.

שמעון איז אַרויס אין קאָרידאָר און שנעל פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך, כדי נישט צו הערן אירע זידל-ווערטער. ער איז געבליבן שטיין, זיך אָנגעשפּאַרט אין אַ וואַנט און גע־טראַכט, וואָס ער קען טאָן. זינאַ האָט פּלוצעם עפּעס באַ־שלאָסן און אָנגעהויבן אַריינוואַרפן אַ טייל פון אירע זאַכן אין אַ טשעמאָדאַן.

די גאַנצע צייט איז דאָס קינד, אײַנגעוויקלט אינעם גרויען טיכל, געלעגן אויפן דיוואַן. אַ ביסל איז עס געשלאָפן, אַ ביסל עפּעס געמורמלט, ווי ס'וואָלט געקרעכצט. פּלוצעם האָט עס זיך צעוויינט אויף אַ הויכן קול, געזויגן דעם סמאָ־טשעק פאַר אַ ווײַלע, דערנאָך ווידער זיך צעוויינט אויפן קול, ווי זי וואָלט עפּעס געפאָדערט. שמעון איז אַרײַנגעלאָפן אין שטוב אַ צעמישטער. „אויסוואָרף" -- האָט זינאַ אַ געשריי געטאָן צו שמעונען -- „זי איז אוודאי הונגעריק. מיט וואָס קען מען זי אָנהאָדעווען?" „מסתמא מיט מילך", האָט שמעון אַ פאַרחידושטער געענטפערט. „מסתמא", האָט זינאַ אויך נאָכגע־רעדט, רייצנדיק זיך מיט אים. זינאַן האָט אַ טאָרע געטאָן דאָס מאַמע-האַרץ פון אַ פרוי. זי איז צוגעגאַנגען צום דיוואַן,

מיט אַ שווידער אויסגעהערט דעם איר נישט-באַקאַנטן געוויין. דאָס ביטערע קינדערישע געוויין האָט אויף איר שטאַרק גע-ווירקט, אויף אַזוי פיל, אַז זי האָט זיך אויך צעוויינט אויפן קול. גאָט, האָט זי געטראַכט, גאָט. . . דאָס קינד איז דאָך אומשולדיק, וואָס איר פאָטער איז אַ פאַסקודניאַק, אַ צוויל-דעוועטער יונג. . . „וויפל איז זי אַלט?", האָט זי אַ פרעג גע-טאָן. „דאַכט זיך פיר מאָנאַטן", האָט שמעון געזאָגט, אַליין נישט וויסנדיק איר עלטער.

זינאַ נעמט מיט אומקלאָרע געפילן אויפוויקלען דאָס פיצעלע און אַרויסנעמען זי פונעם טיכל. דאָס קינד איז אויף אַ מינוט שטיל געבליבן, פאַרפעסטיקט אירע אייגעלעך אויף זינאַן. דאָס האָט באַשטימט איר גורל. „גרויע אייגעלעך האָט זי" — האָט זינאַ אַ זאָג געטאָן — „נאָר אין גאַנצן נאַס". . .

ווען זינאַ האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט, האָט זי ווידער געפרעגט שמעונען פון וואַנען קומט דאָס קינד? ער האָט פאַר-שטאַנען, אַז ער קען איר איצט נאָך אַלץ נישט דערציילן דעם גאַנצן אמת, ווייל דאָס וואָלט געווען אַ צו שטאַרקער קלאַפּ פאַר זינאַ. האָט ער אויף דער שנעל אויסגעטראַכט אַ מעשה, אַז ער האָט זיך פאַרפלאָנטערט מיט אַ קראַנקען-שוועסטער אין שפּיטאָל. זי האָט אים נישט צורו געלאָזן און אין אַ שוואַכן מאָמענט זיינען זיי ביידע געשלאָפן צוזאַמען. פון דעם איז געבוירן געוואָרן דאָס מיידעלע. די אמתע מאַמע וויל נישט און קען נישט האָלטן דאָס קינד, ווייל מען האָט זי איבערגע-שיקט אין אַן אַנדערן ראַיאָן, ווו די אומשטענדן צו האָדעווען קינדער זיינען זייער שווערע. ער האָט נישט געהאַט קיין אַנ-דערע ברירה ווי נאָר צו ברענגען דאָס קינד צו זיך אַהיים, אַנשטאָט מען זאָל עס געבן אין אַ קינדער-היים. ער ווייס די דאָזיקע קראַנקען-שוועסטער מער אין לעבן נישט זען. ער האָט זי קיינמאָל נישט ליב געהאַט אַזוי ווי ער האָט ליב זינאַן.

* * *

דער פרימאָרגן ביי שמעון און זינאַ אין שטוב האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ קינדעריש קוויטשנדיק געוויין. אין קאָ-רידאָר האָבן זיך צונויפגעזאַמלט די שכנים, נישט קענענדיק פאַרשטיין פון וואַנעט קומט דער קול פון אַ וויינענדיק פּיצל

קינד. אַלע זיינען געווען נייגעריק צו וויסן, ווי קומט דאָ אַהער אַ פּיצעלע קינד? אין מיטן דער נאַכט ברענגען אַ קינד? ווי ערגעץ צוגעגנבעט. זינאַ האָט צוגעטראַכט אַ לעגנערן ליגן, וועלכן מען האָט אויך געזאָגט די עלטערן. אין שפּיטאָל איז פּלוצעם געשטאָרבן אירס אַ ווייטע קרובה, וועמענס מאַן איז אַוועקגעפאָרן אין אַ ווייט לאַנד. האָט זי, זינאַ, געמוזט נעמען דאָס מיידעלע צו זיך אויף אַ צייט. . . די פרויען האָבן מיט-געפילט, געשאָקלט מיט די קעפּ, אַ קרעכץ געטאָן, און דאָס צוגענומען ווי ריינעם אמת. זיי האָבן פאַרגעלייגט זייער הילף אויף פאַרשיידענע אופנים. איין שכנה האָט אַריינגעברענגט שמאַטקעלעך צו וויקלען דאָס קינד; איינע האָט געהאַט אַן אַלט קינדער שפּאַציר-וועגעלע, אַ ביסל צעבראָכן, איין רעדעלע האָט זיך נישט געדרייט, נאָר מען קען עס נאָך נוצן. ביי אַ צווייטער שכנה האָט זיך געפונען אַ יאַפּאַניש צולייג-ווענטל, האָט שמעון עס געקויפט, אָפּגערייניקט און פאַרצוימט אַ טייל פון צימער צו שאַפן אַ ווינקל פאַרן קינד, מיט שמאַטקעלעך, פלעשעלעך, קליידעלעך און שפּילצייגן. דאָס גאַנצע הויז איז געגאַנגען כאָדאָראָם מיט דעם קליינעם נפשל.

זינאַ האָט זיך אין גאַנצן פאַרלוירן פון דער לאַגע אין וועלכער זי האָט זיך פּלוצעם געפונען. . . געוואָרן אַ מאַמע אָן קאָפּ-ווייטיק, אָן שוואַנגערשאַפט, אָן געבורט-ווייען -- אַ פאַרטיקע מוטער און דאָס אַלץ. זי איז געוואָרן שטאַרק פאַר-נומען. ביי איר האָט זיך פאַרענדיקט די פרייע צייט, ווען זי פלעגט זיך אַריינכאַפּן צו אַ חברטע, אָדער צו די שכנים אויף אַ שמועס, אָדער אַ גלעזל טיי. געסט פלעגן נאָך קומען, אָבער נישט אַזוי אָפט. צו די עלטערן פלעגט מען זיך אַריינכאַפּן בלויז אויף אַ קורצן וויזיט. דאָסגלייכן די עלטערן פלעגן נאָר קומען אויף אַ פּאָר מינוט. די געשפּרעכן זיינען געוויינלעך גע-גאַנגען אַרום דעם קינד: ווי זי עסט, שלאָפט, ווי זי אַנט-וויקלט זיך. אויף קסעניאַ איז געלייגט געוואָרן די גאַנצע אויפ-מערקזאַמקייט: אָט שמייכלט זי, עסט, טרינקט, לאַכט, וויינט א.אַ.וו.

אַזאַ קליין קינד פאָדערט אַ סך אויפמערקזאַמקייט. ספּעציעל נאָך, וואָס זינאַ האָט נישט געהאַט קיין פריערדיקע פּראַקטיק און נישט געווען צוגעגרייט מיט די נויטיקע זאַכן פאַר דעם פּלוצעמדיקן צוגאָב צו דער משפּחה. מען האָט גע-

דאַרפֿט באַזאָרגן ספּעציעלע עסנוואַרגן פֿאַרן קינד; געמוזט מער זיך אָנגעבן מיט איר, וואַשן, איבערוויקלען, קאָכן פֿאַר איר עפּעס קינדערישעס. אויב נישט האָט זי אַרויסגעלאָזט יענעם געוויין, אַז דאָס גאַנצע הויז איז זיך צוזאַמענגעלאָפֿן. ווען דאָס קינד איז געשלאָפֿן, איז מען אַרומגעגאַנגען אויף די שפּיץ פֿינגער, מען זאָל, חלילה, זי נישט אויפֿוועקן. און אין מיטן נאַכט, ווען סיהאָט זיך אויפֿגעוועקט, האָט מען עס געמוזט אויף דער שנעל באַדינען, כדי איר געוויין זאָל נישט אויפֿוועקן אַלע שכנים.

איר אַרבעט האָט זינאַ נישט געוואָלט איבערלאָזן, פֿלעגט זי עס אַהיים נעמען, זיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט און אַרבעטן. בייטאָג איז זי געגאַנגען מיטן קינד אויף דער פֿרישער לופֿט אין שטאָט-גאָרטן. שמעון פֿלעגט איר מיט אַלע-מען אַרויסהעלפֿן. גערופֿן האָבן זיי דאָס קינד „קיסאַ", סיהאָט געקלינגען ליבלעכער. שמעון האָט אין געהיים דערליידיקט אַלע דאָקומענטן מיט שוראַס אונטערשריפֿט, אַז זי זאָגט זיך אָפּ פֿון איר קינד אויף אייביק; האָט נישט קיין שום טענות אויף ווייטער.

אַזוי איז קיסאַ געוואַקסן אין אַן איבערגעגעבענער און האַרציקער אַטמאָספֿער, באַגלייט מיט ציטערנדיקע עלטערן-געפֿילן. דאָס קינד האָט געהאַט אַלץ, נאָר סיהאָט איר געפֿעלט די נאַטירלעכע אינטימע פֿאַרבינדונג פֿון אַ קינד צו דער מוטער, וועלכע האָט זי אויסגעטראָגן און געבוירן. זי פֿלעגט אינסטינקטיוו ווייניק שמייכלען, נישט טוליען זיך צו זינאַן, ווי קליינע קינדער טוען דאָס. סיהאָט זיך ביי איר געשאַפֿן אַ מין עקשנות-געפֿיל אויף יעדן שריט; זעלטן געקושט, זעלטן אַרומ-גענומען און צוגעדריקט. צו די באַקומענע מתנות, וועלכע מען פֿלעגט איר קויפֿן, האָט זי זיך באַצויגן גלייכגילטיק, קאַלט אָפּגעדאַנקט, קורץ, מיט אַ פֿאַרהיקעטן קול, אָן אַ שמייכל.

קיסאַ איז געוואַקסן ווי אַלע אַנדערע מיידלעך אין איר סביבה. צו דער באַשטימטער צייט האָט זי אָנגעהויבן גיין אין דער רעגירונג-שולע. זי איז געווען פֿון די געוויינלעכע שי-לערינס, אָן שום ספּעציעלע אויסצייכענונגען. זי האָט געהאַט עטלעכע חברטעס מיט וועמען זי האָט פֿאַרברענגט. זי האָט זיך אויפֿגעפֿירט ווי אַלע אַנדערע יידישע מיידלעך אין יענער צייט. אָפּגעגעבן כבוד צו אירע זיידעס און באָבעס און אוודאי צו אירע טאַטע-מאַמע, אָבער אַ ביסל קאַלט. אינעווייניק

אָבער, אין איר האַרצן, האָט זי געפילט, אַז ס'פעלט איר עפּעס. זי האָט אַליין נישט געוווּסט, וואָס דאָס איז, און זי האָט זיך מיט קיינעם נישט געטיילט וועגן אירע געפילן.

זינאַ האָט בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין, פאַר-וואָס קיסאַ איז שטענדיק פאַטראַכט און וועגן וואָס טראַכט זי. דאַכט זיך, אַז זי האָט אַלצדינג. וואָס פעלט איר?

קיסאַ טרעפט זיך מיט איר מוטער

קיסאַ איז איבערגעגאַנגען אין נײַנטן קלאַס. אין חודש מאַרץ האָט מען זיך געגרייט צו פייערן איר זעכצן-יאָריקן גע-בורטס-טאָג. זינאַ איז אויפגעשטאַנען זייער פרי צוצוגרייטן אַלץ פאַר דער שמחה. זיי האָבן איר געקויפט אַ גאָלדן זייגערל מיט אַ גאָלדענעם בראַסליעט, באַשטעלט פאַר איר אַ שיינעם סוועטער, אַן ענגלישן פאַלטן מיט אַ צוגעפּאַסט היטעלע. זינאַ האָט געקלערט, וואָס נאָך קען מען קויפן פאַרן קינד צום גע-בורטס-טאָג, אַז ס׳זאָל איר געפעלן. זינאַ איז געווען אַזוי פאַר-נומען מיט די צוגרייטונגען, אַז זי האָט גאָרנישט באַמערקט, אַז עפּעס איז נישט אין גאַנצן גוט מיט איר קינד. קיסאַ איז אויפגעשטאַנען צעווילדערט, נישט פּינקטלעך געענטפערט אויף געשטעלטע פראַגן. דעם פריערדיקן אָוונט האָט זי אַוועקגע-דרייט איר פּנים פון כאַפּן אַ קוש פאַרן שלאָפן און נישט שטענדיק געזאָגט אַ גוטע נאַכט. קיסאַ האָט אויך אָנגעהויבן זיך אומקערן פון דער שולע שפּעטער מיט אַ שעה און אפילו אַנדערטהאַלבן. . . זיך פאַרענטפערט, אַז ס׳איז צוליבן זיין פאַרנומען אינעם ליטעראַרישן קרייז, אָדער אינעם כאָר, וועלכער גרייט זיך אַרויסצוטרעטן אויף דעם שולע-אָוונט.

אין אַ טאָג ווען זינאַ האָט געוואַרט ביז פינף אַזייגער נאָכמיטאָג, אַז קיסאַ זאָל קומען אַהיים, האָט זי באַשלאָסן צו גיין אין דער שולע אַריין צו נעמען קיסאַן אין אַ געשעפט, ווייל זי האָט געהערט, אַז מ׳האָט אַרויסגעלייגט צום פאַרקויפן אימפּאָרטירטע שיך. זי האָט געוואָלט קויפן פאַר איר אַ פּאָר דאַמען שיך (טופליעס) מיט הויכע קלעצלעך, ווי זי האָט עס איר צוגעזאָגט. אין שולע איז שוין קיינער נישט געווען. די ריין-מאַכערין האָט געזאָגט, אַז אַלע זיינען אַוועק פונקט ווי שטענדיק — פיר אַזייגער. זינאַ, קעמפנדיק מיט דער אויפ-טרייסלונג און אויפרעגונג, איז שנעל אַהיים געלאָפן.

קיסאַ האָט זיך געיאָוועט אין דער היים מיט אַ פופצן מינוט שפּעטער. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף זינאַן און פאַר-שטאַנען, אַז קיין איינפאַכער געשפּרעך וועט דאָ נישט פאַרקו-מען. „מיר זיינען געווען אין דעם מוזעום“, האָט זי געלאָזט

וויסן דער מוטער, מיט אַ געוויינלעכן טאָן, כדי נישט צו דער-לאָזן צו קיין פּאַרהיצטן געשפּרעך און פאַרזיכערן איר מוטער, אַז ס'איז אמת, וואָס זי האָט געזאָגט. עפּעס אַן אומבאַוווּסט-זיניק געפיל האָט צוריקגעהאַלטן זינאַן פון רעאַגירן אויף קיסאַס אויסרייד, נישט געפרעגט קיין איינצלהייטן. זי האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי אַלץ איז איר קלאָר און זי גלייבט עס. „כ'בין געגאַנגען דיך נעמען אין געשעפט אַריין צו קויפן פּאָר דיר אימפּאָרטירטע טופליעס מיט הויכע קנאָפלען", האָט זינאַ געזאָגט שטיל. זי האָט באַמערקט, ווי אויפן מיידל האָט זיך צעשפּרייט אַ פאַרוווּנדערונג אויפן געזיכט. צי קען עס מעג-לעך זיין, אַז קיסאַ האָט זיך שוין באַקענט מיט אַ יינגל, וועמען זי באַגעגנט נאָך דער שולע, האָט זינאַ געטראַכט. זי האָט גאָרנישט חושד געווען, אַז דאָס וואָלט פיל בעסער געווען, ווי דער אומגליק, וואָס רוקט זיך אָן אויף איר אינעם ווייטערדיקן לעבן.

* * *

ווען קיסאַ איז אַרויסגעקומען פון דער שולע האָט זי באַמערקט, אַז די פרוי שטייט ווידער לעבן דעם געשעפטל פון געטראַנקען. דאָס איז געווען שוראַ. אויפן וועג אַ היים פלעגט קיסאַ זיך פאַרגינען אויסצוטרינקען אַ גלאָז גאַז-וואַסער מיט אַ טאָפּלטער פּאָרציע מאַלינען-סאָק. אויף דער פרוי האָט זי נישט געלייגט דעם מינדסטן אַכט. אָבער שוראַ האָט דווקא יאָ געלייגט גרויס אויפמערקזאַמקייט אויף קיסאַן. אין אַ געוויסן נאָמיטאָג האָט קיסאַ באַמערקט, נאָכדעם ווי זי האָט באַ-שטעלט אַ גלאָז גאַז-וואַסער, אַז עס פעלט איר אויס צוויי קאָפּיקעס. „אַנטשולדיקט מיר" -- האָט קיסאַ צוריקגערוקט דאָס גלאָז -- „נאָר מיר פעלן צוויי קאָפּיקעס". . . די פרוי האָט געשווינד אַרויסגענומען צוויי קאָפּיקעס און געגעבן דער פאַרקויפערין. „טרינק, טרינק, מיידעלע", האָט זי געזאָגט מיט אַ שטילן קול. „טרינק צום געזונט". „אַ דאַנק. . . כ'וועל אייך מאָרגן. . ." „נשקשה, מיר וועלן זיך אָפּרעכענען". . . האָט די פרוי געענטפערט מיט אַ שמייכל.

אויפן צווייטן טאָג האָט קיסאַ, מיט צוויי קאָפּיקעס אין האַנט, געזוכט די פרוי איר אומצוקערן דעם חוב. די פרוי איז דאָרט נישט געווען. מיט די קאָפּיקעס אין דער האַנט האָט קיסאַ זיך אומגעקערט אויפן וועג אַהיים. אָבער אין ווינקל פון דער אַלעע האָט די זעלבע פרוי זי פאַרהאַלטן. „אַ

גוטן מאָרגן, מיידעלע" -- האָט שורהַ געזאָגט. „ווי רופט מען דיך? נישט קסעניאַ?" „פון וואַנעט ווייסט איר?" האָט זיך קיסאַ געוווּנדערט. „אַזוי האָב איך געטראָפן", האָט די פרוי זיך צע־שמייכלט. נאָר באַמערקנדיק די פאַרוווּנדערונג און דעם קוק פונעם מיידל, האָט זי שנעל צוגעגעבן: „כ'האָב געשפּאַסט, פּשוט געהערט ווי דיינע קאָלעגן רופן דיך". קיסאַ האָט זיך באַרויִקט.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, ביי אַן ענלעכער באַגעגע־ניש, האָט די פרוי אַרויסגענומען אַ שאָקאָלאַד פון איר טאַש: „נאַ, דאָס האָט מיר אַ שכנה געבראַכט און איך עס נישט קיין שאָקאָלאַד. נעם עס דו, טייערינקע, נעם". קיסאַ האָט איר אָפּגעדאַנקט און אַריינגעלייגט דעם שאָקאָלאַד אין איר טעקע. זי האָט אין דעם נישט געזען קיין שום אויסערגעוויינלעכעס. זי האָט אויך נישט באַמערקט, אַז די זעלטענע באַגעגענישן האָבן זיך לאַנגזאַם פאַרוואַנדלט אין אַ געוווינהייט, און דער־נאָך אין אַ פריינדשאַפט. אַ פּאָר מאָל האָט שורהַ איר פאַר־געלייגט אייז-קרעם. זי האָט זיך אויסגעפרעגט וועגן דער שולע און צו ביסלעך איבערגעגאַנגען וועגן אַנדערע, מער פּערזענלעכע זאַכן. קיסאַן האָט אפילו נישט אינטערעסירט ווי די פרוי הייסט. אַ מאָל האָט די פרוי פאָרגעלייגט קיסאַן צו גיין מיט איר אין קינאָ. „כ'דאַרף פרעגן מיין מוטער", האָט קיסאַ גע־ענטפערט. שורהַ האָט פאַרביסן מיט די ליפּן און האָט אויף דעם גאָרנישט געענטפערט. פאַרוואָס האָט זיך די פרוי אָנגע־ברוגזט? האָט קיסאַ געטראַכט. זי האָט שוין פריער עטלעכע מאָל געפרעגט דער מוטער אַ דערלויבעניש צו גיין אין קינאָ. אָבער דאָס מאָל האָט זי זיך עפּעס איינגעהאַלטן פון פרעגן. קיסאַ האָט זיך אַליין געוווּנדערט, פאַרוואָס זי קען נישט פרעגן די מוטער. די באַגעגענישן זעען אויס עפּעס צו זיין אונ־טערערדיש. די מוטער קען איר שטערן דערצו.

אויפן צווייטן טאָג האָט די פרוי ווי שטענדיק געוואַרט אין געוועלבל אויף קיסאַן. „נו, אין קינאָ גייען מיר?" „יאָ", האָט קיסאַ אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַראָפּלאָזנדיק די אויגן צו דער ערד. מיט קיין וואָרט נישט דערקלערט, צי מ'האָט איר דערלויבט, צי נישט. אין משך פון דעם צוזאַמענטרעף האָט די פרוי געהאַלטן קיסאַס האַנט, זי גע־גלעט. קיסאַן איז דאָס נישט געווען אַזוי אָנגענעם, נאָר זי האָט זיך געשעמט אַוועקצונעמען די האַנט. ווען זיי זיינען אַרויס פון קינאָ, איז שוין אין דרויסן געוואָרן טונקל. קיסאַ,

אַ דערשראָקענע, האָט אַ זאָג געטאָן: „אוי. . . ס'איז שוין שפּעט. כ'וועל זאָגן אין דער היים, אַז כ'בין געווען פּאַרנומען אין נאָך דער שולע אַקטיוויטעטן". די פרוי האָט צוגעשאָקלט מיט באַשטעטיקונג, מיט אַ לייכטן שמייכל אויף אירע ליפּן.

ענדלעך איז אָנגעקומען קיסאַס זעכצן-יאָריקע גע-בורטסטאָג פּייערונג. מ'האָט פאַר איר אויפגענייט אַ זייער שיין קליידל פון געלן קאָליר; געקויפט שיך מיט קלעצלעך, ווי זי האָט געהאָפט. זינאַ האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ צעטל פון געסט, וועמען מען דאַרף פאַרבעטן. אַ באַזונדער צעטל פאַר די יינגערע, און סתם אַזוי באַקאַנטע, קיינעם נישט צו פאַרגעסן. דאָס גאַנצע קאָלעקטיווע הויז איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין יום-טובדיקן „אַזיאַטאַזש" (אויסערגעוויינלעכע פרייִלעכקייט). די פּאַרקויפערין פונעם געשעפטל האָט צוגעזאָגט צו קריגן אַ פּושקעלע רויטן קאַוויאַר. דער גאָלדשמיד האָט צוגעזאָגט אויס-צוגראַווירן אַ שיינע שפּילקע אין נאָמען פון אַלע שכנים. אין דעם גרויסן געטומל האָט קיינער נישט באַמערקט, אַז די העלדין, דאָס געבורטסטאָג מיידל, איז גאָר נישטאָ. „צי זעט נישט ביי דיר אויס, אַז קיסאַ איז נישט די זעלבע, וואָס געווען?" -- האָט זינאַ געפרעגט שמעונען. „נו. . . ס'איז אַן איבערגאַנג פּעריאָד", האָט שמעון געענטפערט, נישט געקוקט דערויף וואָס אַליין האָט ער אויך עפּעס באַמערקט.

אין דעם טאָג איז די פרוי נישט געשטאַנען אין גע-שעפטל, נאָר גלייך ביים אַריינגאַנג אין שולע און געוואַרט. ווי נאָר קיסאַ איז אַרויסגעקומען האָט זי איר אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און מיט אַן איינגעהאַלטענעם קול איר געבעטן מיטגיין מיט איר. „וואַהין", פרעגט קיסאַ אַ ביסל איבעראַשט פון דער פּלוצעמדיקער איינלאַדונג. „אין דעם שטאָט-גאָרטן", האָט שוראַ געענטפערט. זיי זיינען געגאַנגען גענוג ווייט און ביידע האָבן געשוויגן. קיסאַ האָט עפּעס פּאָראויסגעזען, אָבער גאָרנישט גע-פרעגט.

אין שטאָט-גאָרטן איז געווען פייכט, לעצטן אָוונט האָט גערעגנט. אַרום האָט מען נישט געזען קיין לעבעדיקן מענטש. קיסאַ האָט זיך אַ ביסל דערשראָקן. זיי זיינען ביידע געגאַנגען צום מיטל-פּלאַץ, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, וואָס שוראַ האָט אָפּגעווישט מיט אַ שמאַטע. ס'איז געווען אַרום שטיל, רויִק.

„הער זיך איין, קסעניע", האָט שוראַ געזאָגט נאָך אַ לאַנגן שווייגן. „ס'איז שוין צייט, אַז דו זאָלסט וויסן דעם גאַנצן אמת". פון דעם לאַנגן שווייגן, פונעם גיין אַזוי ווייט, האָט ביי קיסאַן אויפגעברויזט אינעווייניק אַ שטורעם און זי האָט אויסגעשריגן: „וואָס פאַר אַן אמת?. . . וואָס?". די פרוי האָט געגעבן אַ טיפן זיפץ און פאַרגעזעצט: „מיין נאָמען איז שוראַ. מיהאָט דיך אָפּגענאַרט! די גאַנצע צייט נאַרט מען דיך אָפּ!". „ווער?" -- האָט קיסאַ אַ געשריי געטאָן. „ווער?... ווער?"... „דייניקע. . . דייניקע. . . דו ביזט דאָך נישט זייערס, נישט זייער אייגענע", האָט שוראַ ווייטער פאַרגעזעצט און געוואָרפן אַן אויסשפיר בליק, ווי אַזוי דאָס אַלץ האָט געווירקט אויפן יונגן מיידל. קיסאַ איז געזעסן אַ „פאַרפרוירענע". זי האָט גאָר-נישט פאַרשטאַנען, וואָס די פרוי מיינט. „דו ביזט אַן אונטער-געוואָרפענע, פאַרשטייסט? און די זינאַ איז בכלל נישט דיין מוטער. איך בין דיין מוטער! איך, שוראַ, יאָ, איך!", האָט זי אויסגעשריגן היסטעריש. „ס'איז נישט גענוג, וואָס ער איז דיין פאָטער. . . כאַ כאַ. . . דאָס איז אַ פאָטער?. . . איבערגע-שלאָפן איין נאַכט, פאַרויכערט אַ ציגאַרעט, און אַוועקגעגאַנגען. נאָר די מוטער. . . זי איז וואָס זי איז". . . „מיין פאָטער רויכערט נישט", האָט קיסאַ איר איבערגעהאַקט. „דו פאַר-שטייסט גאָרנישט, וואָס איך גיב דיר צו פאַרשטיין! דו ביסט ביי פרעמדע מענטשן, דו וווינסט ביי זיי, דערצו נאָך ביי יידן, „זשידעס", און דו ביסט דאָך אַ רוסישע, ווייל דיין מוטער, איך, בין אַ רוסישע. איך!" -- האָט זי זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן. „איך בין עס, נישט זינאַ. דו ביסט נאָר שמעונס טאָכ-טער. . . איך בין דיין אמתע מאַמע, דיין אייגענע. און דו דאַרפסט זיין נאָר מיט מיר!" „נישט אמת!" -- האָט זיך קיסאַ צעשריגן מיט אַ האַלב געוויין. „איר זאָגט נישט אמת. . . איך וויל נישט זיין מיט אייך. . . איך וויל גיין אַ היים, יאָ, אַ היים וויל איך". זי איז אַוועקגעלאָפן פון איר. „טעכטערל" -- איז שוראַ צוגעגאַנגען צו איר -- „גיי נישט אַוועק. . . זיץ אָ דאָ מיט מיר. דו דאַרפסט מיך פאַרשטיין".

קיסאַ איז מיטאַמאָל ערנסטער געוואָרן: „מיך אַוועק-געגנבעט פון אייך? צוליב וואָס?" די פרוי האָט מיטביידע הענט פאַרשטעלט איר פנים פאַר חרפּה: „ניין, נישט געגנבעט, כ'האָב דיך אַליין מיט מיינע הענט אַוועקגעגעבן. כ'בין געווען זייער יונג, נישט פאַרשטאַנען, אַ נאַרישע". . . זי האָט זיך צע-

וויינט אויפן קול. „און איצט. . . בענק איך אַזוי נאָך דיר. האָב אויף מיר רחמנות. . . מיין טעכטערל". זי האָט געוואָלט קושן קיסאַן, אָבער יענע האָט זיך פון איר אַוועקגעדרייט. „באַטראַכט זיך, דו וועסט אין גיכן באַקומען דעם פּאַס, דע־מאָלט וועסטו זיין פריי זיך אַליין די באַלעבאָסטע, קיינער קען דיך נישט מיט גוואַלד פאַרהאַלטן". זי האָט געכאַפּט אַ קוק אויף קסעניען, אַפּשאַצנדיק ווי ס'האָט אויף איר געווירקט דער געשפּרעך. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב זי וועט זיך צופיל אָנשטרענגען אויף קסעניען, קען זי דערמיט פון אַלץ מאַכן אַ תּל. „נאָר דו, טעכטערל, דערוויל רעד גאָרנישט". קסעניע האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, נישט געבנדיק קיין שום הסכּמה. זיי זיינען ביידע צוריק געגאַנגען שווייגנדיקע. . . קסעניע, נישט געזעגנדיק זיך, האָט זיך אויסגעדרייט און איז אַנטלאָפן אַהיים.

אויפן וועג אַהיים האָבן זיך ביי קיסאַן געמישט אין קאָפּ די געדאַנקען. „ביי די יידן". . . פאַרוואָס „ביי"? זי וויינט אין דער היים און נישט „ביי". יידן -- איז וואָס איז עס? אויסזען, זעט זי אויס ווי אַנדערע אין דער געזעלשאַפט. טאָ וואָס איז דער אונטערשייד? אָבער איצט האָבן זיך איר דער־מאָנט עטלעכע עפּיזאָדן, אויף וועלכע זי האָט צו דער צייט נישט געלייגט קיין אויפמערקזאַמקייט.

עס דערמאָנט זיך איר אַ געשפּרעך אין קלאַס, ערשט נישט לאַנג צוריק. ביים רעדן וועגן די צוקונפטיקע פּלענער האָט לובאַ גורעוויטש דערקלערט, אַז זי וואָלט געוואָלט שטו־דירן אין „אינסטיטוט פאַר אויסלענדישע באַציִונגען". האָט אַ קלאַס-פריינדין, גוסעוו, זי אויסגעלאַכט: „דאָרט נעמט מען נישט אָן סטודענטן מיטן פינפטן פונקט". „און אויב מען האָט אַ גאָלדענעם מעדאַל?", האָט געפרעגט גרישע זעלדין. „עס העלפט גאָרנישט, מיטן פינפטן פונקט נעמט מען נישט", האָט גוסעוו צוגעגעבן. קסעניע האָט וועגן דעם פינפטן פונקט אפילו קיינמאָל נישט געטראַכט. דאָס איז נאָר געווען אין די פּאַסן פון די יידן -- דער פינפטער פונקט אין פּאַס -- רעליגיע -- האָט מען איינגעשריבן „ייד". אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן האָבן דאָס נישט געהאַט אין זייערע פּעסער. אַזוי ווי ס'איז נישט גע־ווען אָנגענעם צו רעדן וועגן „ייד", האָט מען גערעדט וועגן פינפטן פונקט.

נאָך האָט קיסאַ זיך דערמאָנט, ווי איינמאָל אין

געוועלב האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קסעניע דאַרף צוצאָלן 68 קאָפּיקעס. ווען זי איז צוגעגאַנגען צו דער קאַסע, האָט מען איר געגעבן אַ שטופּ און אויסגעשריגן: „דו, זשידאָווקאַ, שטיי אין דער ריי!" קיסאַן האָט עס געריירט ביז טרערן. זי וועט דאָך נישט נעמען דערקלערן פאַר אַלעמען, אַז זי איז געטריי אָפּגעשטאַנען אין דער ריי און האָט נאָר געדאַרפט צוצאָלן 68 קאָפּיקעס. איז זי אַרויסגעלאָפן פונעם געוועלב, איבערלאָזנדיק אַלץ, וואָס זי האָט געקויפט.

נאָך האָט זי זיך דערמאָנט אַן עפּיזאָד אין דער שולע. איינמאָל ווען זי איז געשטאַנען און זיך אָנגעטאָן דעם מאַנטל, האָט זי געזען זינאַן, וועלכע איז געקומען אויף אַ פאַרזאַמלונג פון די עלטערן פון די שולע-קינדער. די לערערין, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר, האָט זינאַן געפרעגט: „וועמענס מוטער זענט איר? ס'זיינען ביי אונדז פאַראַן אַזעלכע פיר". זינאַ איז צוגעגאַנגען נעענטער צו דער לערערין מיט דער פראַגע: „אַנטשולדיקט מיר, וואָס הייסט אַזעלכע?". . . קיסאַ האָט זיך דערשראָקן, ווייל דער מוטערס געזיכט איז אין דער רגע געוואָרן נישט צום דערקענען. געמיינט האָט די לערערין -- פיר יידישע שילערינס.

פאַרטיפט אין אירע געדאַנקען, איז קיסאַ פאַרביי געגאַנגען איר הויז. זינאַ, וועלכע איז געשטאַנען ביים פענצטער, צוגעטוליעט איר שטערן צום גלאָז, כדי בעסער צו זען דעם דרויסן, האָט זיך זייער געוווּנדערט, ווען זי האָט געזען ווי קיסאַ גייט פאַרביי איר הויז און גייט ווייטער. זי איז אַרויסגעלאָפן און גערופן קיסאַן: „וואָס איז מיט דיר? וואָס איז געשען? פאַרוואָס אַזוי שפּעט?" „סיטוט מיר וויי אין האַלדז", האָט קיסאַ געזאָגט. זי האָט געמיינט, אַז דער תּירוץ וועט פאַרענטפערן איר פאַרשפּעטיקונג און מיט דעם וועט זי פריי ווערן פון אַנדערע ליגנס. זי האָט אפילו געשווענקט דעם האַלדז און אויסגעטרונקען אַ גלאָז מילך מיט האָניק, אַבי דער שקר זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אמת.

* * *

אינעם טאָג, וואָס קיסאַ האָט געדאַרפט באַקומען איר פּאַס, האָט זיך זינאַ צוגעגרייט צו גיין מיט איר. נאָר קיסאַ האָט זיך עקשנותדיק אָפּגעזאָגט פון דעם. אין פּאָליציי גייט זי

אַליין. דאָס, האָט זי געזאָגט, איז איר ערשטער זעלבסשטענדי־קער שריט. דער פּאָליציי־קאַפּיטאַן האָט געהאַלטן דאָס גרויע ביכעלע אין האַנט און געפרעגט: „דיין נאַציאָנאַליטעט? דער פינפטער פונקט איז דאָ נישט אויסגעפילט". קיסאַ האָט גע־שוויגן. „ס'איז ביי אייך עפּעס דאָ אַ צווייפל אין דעם זינען?" קיסאַ האָט אַלץ געשוויגן. „איר דאַרפט וויסן, אַז די נאַציאָ־נאַליטעט ווענדט זיך דער עיקר אין דער נאַציאָנאַליטעט פון דער מוטער". קיסאַ האָט געגעבן אַ שווערן זיפץ: „כ'וועל קומען מאָרגן". „ווען איר ווילט, אפילו אין אַ וואָך אַרום", האָט גלייכגילטיק געענטפערט דער קאַפּיטאַן, אַוועקלייגנדיק דעם נישט־אויסגעפילטן פּאַס אין קעסטל.

אין דער היים האָט געוואַרט אויף קיסאַן אַ צוגע־גרייטער טיש מיט 16 ראָזעווע שיינע גלעזעלעך און זעכצן בלי־מעלעך, „גוואזדיקעס". „נו, באַקומען?" האָט איר זינאַ אַ לויף געטאָן אַקעגן. „כ'באַגריס דיך!" „ס'איז נאָך נישט פאַרטיק", האָט קיסאַ געלייקנט. „מ'האָט געהייסן קומען אין אַ וואָך אַרום". „נו, נשקשה. דו ערגער זיך נישט טייערע", זאָגט זינאַ. „מיר וועלן קויפן אַ צווייטן טאָרט". זינאַ האָט אַרומגענומען קיסאַן, אַ קוש געטאָן, מיט אַ לייכטן קלאַפּ אין דער פּלייצע. קיסאַ האָט זיך גרינג אַ קורטש געטאָן, אָבער קיינער, אפילו זינאַ, האָט דאָס נישט באַמערקט. „גיי לייג זיך אַוועק אַ ביסל אָפּרוען", האָט זינאַ געזאָגט. „כ'וועל דיר צוברענגען טאָרט מיט אַ גלאָז טיי".

די נאַכט איז קיסאַ נישט געשלאָפן. זי האָט צום ערשטן מאָל געהאַט אַ שלאָפלאָזע נאַכט און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. זי האָט נישט געקענט אָנצינדן קיין ליכט, נאָר ליגן אַזוי אין דער שטיל און טראַכטן, כדי קיינעם נישט אויפ־צוּוועקן. קסעניע איז נאָך געווען צו יונג און נישט פאַרמאָגט די געהעריקע אַנטוויקלונג, דעם פּראַקטישן מוח, וואָס זאָלן איר געבן די געהעריקע לייזונגען אויף אירע פּראָבלעמען. איר איז נאָך ביז איצט נישט אויסגעקומען צו דאַרפן אויסקלייבן צווישן פאַרשיידענע אונטערשיידן, צווישן גוטס און שלעכטס, צופּאַסן דאָס לעבן צום בעסערן. זי איז געלעגן מיט אָפענע אויגן, געפירט אַ וויכּוח מיט זיך אַליין. ווער איז שולדיק אין דער לאַגע אין וועלכער זי געפינט זיך? גאָלע ליגנס, נישט־ערלעכע מענטשן, שקר! זינאַ איז גאָרנישט מיין מאַמע. נישט זי האָט מיך געטראָגן, נישט זי האָט מיך געבוירן, נישט געליטן

קיין ווייטיקן. זי האָט מיך באַקומען אַ פּאַרטיקע, ווי מיקויפּט אַ „קוקלע" אין געוועלב. וואָס פאַר אַ מוטערלעכע ליבע קען זי צו מיר פילן? זי זאָל פּשוט האָבן מיט וואָס זיך צו פאַר־נעמען אין דער פרייער צייט. . . דעריבער טאַקע רופט זי מיך נישט אויף מיין געבורטס־נאָמען, קסעניע, נאָר עפּעס קיסאַ. . . אָפּגענאַרט מיך און נאָך מיר אָנגעהאָנגען דעם פינפטן פּונקט. איך בין גאָר קיין יידישקע נישט, אַ ריין רוסישע, ווי מיין אמתע מוטער. אַזוי האָט מען דאָך מיר געזאָגט אין דער פּאָליציי. דער פּאָטער — דאָס רעכנט זיך נישט. . . פאַרויכערט אַ ציגאַרעט. . . און געוואָרן דער טאַטע. ביי זיך אין הויז רויכערט ער אפילו נישט. ער האָט דאָס קינד גענומען צו זיך, נאָר די אמתע מוטער איז געבליבן אַליין אין איר צימער. . . דאָס איז נישט קיין גערעכטיקייט. . . זי האָט זיך דערמאָנט, ווי שוראַ פלעגט שטיין ביים געוועלבל. זי האָט זיך אָבער גע־וווּנדערט, אפילו געהאַט פאַרדרוס, פאַרוואָס האָט זי, קסעניע, נישט געהאַט קיין מער וואַרעמע געפילן צו איר. זי האָט זיך אַליין פאַרענטפערט, אַז די סיבה איז, וואָס זי איז נאָך נישט צוגעוווינט צו איר. דערמיט האָט זי זיך אַ ביסל באַרויִקט. נאָר פון דאַנעט וועל איך סיי־ווי־סיי אַוועקגיין, מיט זייער „זשידאָווסקע" פינפטן פּונקט. כ'דאַרף דאָס נישט. כ'וועל אַוועק און אַן עק דערצו!

קיסאַ האָט זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער. די ספּרוזשינעס האָבן געסקריפּעט אונטער איר. זי האָט יעדעס מאָל געגעבן אַ טיפן קרעכץ פונעם האַרצן.

זינאַ האָט זיך צוגעהערט צו דעם אַלעם. זי האָט פאַר־שטאַנען, אַז עפּעס איז נישט אין אָרדענונג, אָבער נישט געקענט פאַרשטיין וואָס. זי האָט מער נישט געקענט אויס־האַלטן און צוגעגאַנגען צו איר טאָכטער: „פאַרוואָס שלאָפסטו נישט?" און האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף קיסאַס שטערן. „מיוואָלט דיר געדאַרפט אָפּמעסטן די טעמפּעראַטור". קסעניע האָט זיך פלוצעם אָפּגעריסן אויף איר: „לאָז מיך צורו מיט דיין היץ, ס'איז מיר שוין נימאס!" זינאַ איז אַוועק, ווי פון אַ בייזער שלאַנג. זי האָט אַזש נישט געקענט גיין גלייך. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל, נישט צוגייענדיק אפילו צום בעט. זי איז קראַנק — טראַכט זינאַ — אוודאי קראַנק, חס וחלילה, ווער ווייסט אויף וואָס. און אפשר בין איך איר באמת נימאס געוואָרן מיט מיין געטריישאַפט צו איר. דערביי

שטרענגט זי זיך אָן, אַז אירע הערצלעכע געפילן צו קיסאַן זאָלן זיך נישט מינערן.

אין שולע איז קיסאַ נישט געגאַנגען אין דעם טאָג. זינאַ האָט זי נישט געלאָזט גיין, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער טערמאָמעטער האָט געוויזן אין גאַנצן נאָרמאַל. נאָכן האַלבן טאָג איז קסעניע אַוועק צו די שילעריס פּרעגן, וואָס מיהאָט זיי געגעבן אין די לעקציעס אויף מאָרגן. אויפן וועג אַ היים האָט זי באַמערקט, אַז ביי דעם געוועלבל שטייט די פּרוי, וועלכע איז שטענדיק געשטאַנען, נאָר מיט דער פּלייצע צו איר, געקוקט מיט אָנשטרענגונג צו דער טיר פון דער שולע. קסעניע האָט געוואָלט איר רופן, נאָר נישט געקענט באַשטימען צי זי זאָל דאָס טאָן. אין דער רגע האָט די פּרוי זיך אומגעקוקט און זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר: „טעכטערל, האָסטו סוף-כל-סוף באַקומען דעם פּאַס? נאָכנישט באַקומען? נו, גוט, מיר וועלן צוזאַמען גיין אין דער פּאָליציי, וועלן מיר באַקומען. און איצט קום", האָט זי אָנגענומען קסעניען אונטערן אָרעם. „גאָט, כ'וועל משוגע פאַר פרייד. אָבער ווו זיינען דיינע זאַכן, דיינע קליידער, דיינע ביכער?" „כ'וועל מאָרגן קומען" -- ענטפערט קסעניע. „ניין, ניין, פאַרוואָס מאָרגן? איך האָב היינט אַלץ צוגעגרייט, אויפגעראַמט, אָנגעגרייט אַ צו-בייסן. מיר וועלן צוזאַמען יום-טובען. . . דו גיב אַ לויף, נעם דיר אַלץ נויטיקס, דאָס איבעריקע וועסטו נעמען אַ צווייטן מאָל. איך וועל דאָ וואַרטן אויף דיר אין אַ שעה אַרום, נישט ווייט פון דער אַלעע". זי האָט אַרומגענומען קסעניען, אַ גלעט געטאָן און איר אַ לייכטן קוש געגעבן אין דער באַק.

זינאַ איז געזעסן ביים טיש און עפּעס איבערגעשריבן, ווען קסעניע איז אָנגעקומען און איז אַריין צו זיך הינטערן ווענטל. „קעצעלע" -- זאָגט זינאַ -- „אפשר וואָלסטו מיר גע-האָלפן מאַכן וועטשערע? דער טאַטע וועט אוודאי באַלד אַ היים קומען און ער וועט זיין הונגעריק". קסעניע ענטפערט נישט קיין וואָרט. „קיסאַ, דו האָסט געהערט וואָס כ'האָב גע-זאָגט?". ס'איז שטיל, מען הערט קיין וואָרט נישט. זי מאַכט מסתמא די לעקציעס, טראַכט זינאַ, איך וועל איר נישט שטערן.

קסעניע האָט אַרויסגענומען אַ רוקזאַק פון דער שאַפע. זי האָט אָנגעהויבן אַריינפּאַקן, וואָס עס איז איר געקומען

אונטער די הענט: אַ ביסל קליידונג, ביכער, שפּילצייגן און עט-לעכע מתּנות, וואָס זי האָט לעצטנס באַקומען. זי האָט גע-ווּסט, אַז זי וועט בשום אופן נישט קענען נעמען אַלצדינג, האָט זי נאָר גענומען די זאַכן, וואָס האָבן געהאַט פאַר איר אַ באַזונדערע באַדייטונג. זי האָט געהערט, ווי זיינאַ פאָרעט זיך מיט די טעלער און גאָפּלען -- זי גרייט צום טיש. זי האָט אויך דערהערט, אַז שמעון איז געקומען און זיינאַ זאָגט אים דאָס זעלבע ווי שטענדיק: „וואַש דיר די הענט, כ׳טראָג שוין דאָס עסן". צום סוף האָט זי געהערט דעם רוף: „קיסענקאַ, עסן!"

קסעניע האָט גענומען דעם רוקזאַק, אַריין אין אַל-געמיינעם צימער און זיך אַוועקגעשטעלט לעבן טיש. „וואָס זאָל דאָס באַדייטן?", האָט זיינאַ געפרעגט. „כ׳גיי אַוועק", האָט קסעניע געענטפערט. „וואָס, וואַהין? די זופּ איז שוין אויפן טיש. וועסט גיין נאָכן עסן", האָט זיינאַ איר געפרוּווט אויס-רעדן. „כ׳גיי שוין איצט. . . אַוועק", האָט קסעניע עקשנותדיק אויסגעשריגן. „קסעניע, וואַהין?. . . מיט אַלעמען? כ׳פאַרשטיי נישט", האָט זיינאַ געזאָגט. שמעון איז פּלוצעם ווייס געוואָרן ווי די וואַנט: „וואָס מיינט דאָס?". „איר האָט מיך אָפּגענאַרט", האָט קסעניע אויסגעשריגן מיט אַ שאַרפן קול. „איר זענט יידן, איך בין אַ רוסישע, אַזוי ווי מיין מוטער. אַזוי האָט מען מיר געזאָגט אין דער פּאָליציי, ווען כ׳בין געגאַנגען אָפּנעמען מיין פּאַס". אַראָפּלאָזנדיק די אויגן, האָט קסעניע פאָרגעזעצט: „איך גיי צו מיין מאַמען, מיין אמתער מאַמען. איר זענט נישט מיינע עלטערן, דער פאָטער ווערט נישט גערעכנט". אירע ליפּן האָבן געציטערט, נאָר זי איז געווען אויסגעהאַלטן: „כ׳גיי אַוועק". . . ביי שמעון אין מוח האָט אַ בליץ געטאָן איין וואָרט: שוראַ און ער האָט אַ געשריי געטאָן צו זיין טאָכטער: „צי ביסטו אַראָפּ פון זינען?". . . „יאָ, יאָ, יאָ", האָט קסעניע זיך פאַרכלינעט און איבערגעחזרט דאָס זעלבע: „איר האָט מיך אָפּגענאַרט. . . אָפּגענאַרט. . . איר זענט יידן, זשידעס. . . אָפּגענאַרט". . . זי האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם רוקזאַק און אַרויסגעלאָפן פון צימער. „וואַרט!. . . וואַרט!". . . האָט שמעון אַ געשריי געטאָן און איר נאָכגעלאָפן. אָבער ס׳איז שוין געווען צו שפּעט. קסעניע איז אַוועק. ביים צוריקקומען האָט שמעון זיך פאַרטשעפּעט אין זיינאַס פיס. זי איז געלעגן אונטערן טיש, אַ פאַרחלשטע.

זינאַ ווערט קראַנק

ס׳זיינען אַריבער צוויי טעג. שמעונען איז נישט אָנגעגאַנגען קסעניע. ער האָט בייטאָג און ביינאַכט געדאַרפט האַלטן זינאַן ביי די הענט, געפּרווּוט אַרויסצונעמען פון אירע פאַרשטייפטע הענט די קאָלדרע, מיט וועלכער זי האָט זיך פאַרדעקט. ער האָט זי געפּרוּווט טרייסטן אין דער טראַגישער צרה. אַזאַ זאַך קען מען נישט באַהאַלטן, דאָס גאַנצע הויז האָט זיך באַלד דערוווּסט, אַז קיסאַ איז אַוועק. זיי האָבן נאָר נישט געוווּסט ווו. דאָס הויז האָט נאָך פון פריער געוווּסט, אַז דאָס קינד איז נישט זייערס, נאָר אַ קוזינעס, גענומען אויפן תּנאי צו דערציִען און איצט אָפּגעגעבן.

אויפן דריטן טאָג, נאָכדעם ווי זינאַ האָט גענומען אַ גרויסע צאָל שלאָף-טאַבלעטן, איז זי ענדלעך אַנטשלאָפן געוואָרן. די שכנה סעראַפימאַ איז געזעסן לעבן איר און זי אָפּגעהיטן; שמעון איז אַוועק צו שוראַן.

אין צימער ביי שוראַן איז געווען אַ גרויסע אומאָרדענונג. מען האָט נאָך געהאַלטן אין מיטן יום-טובן לכבוד דער נאָרוואָס דערשינענער טאָכטער. עס זיינען געווען אָנגעוואָרפן איבערן צימער נישט-דערעסענע שטיקלעך הערינג, ציבעלעס, פליישן, געבעקסן, פּיראָזשקעס און נאָך אַנדערע חזרייען. עס האָבן זיך געוואַלגערט שטיקלעך נישט-אויסגערויכערטע ציגאַרעטן, און אונטערן טיש אַ גרויסע צאָל ליידיקע פלעשער פון משקה. די געסט זיינען זיך שוין צעגאַנגען. די „מחותנים" אין דער פייערונג -- קסעניע, שוראַ און דער מאָלער וואַסילי, מיט וועמען שוראַ האָט פאַרבונדן איר לעבן -- די דריי זיינען געזעסן אויף די טאַבורעטקעס מידע, אומגליקלעכע, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ אויף די קני, ווי להבדיל שבעה ביי יידן.

צוויי מעת-לעתן פייערן ביי געדעקטע טישן, מיט געזאַנג און מוזיק, מיט פרעסן און זויפן, זייער ווייניק שלאָף, האָט ביי זיי אַוועקגענומען דעם כוח און דעם גלייכגעוויכט פון נאָרמאַלע מענטשן. שוין באַלד פון אָנהייב האָט וואַסילי גע-קראָגן חשק צו קסעניע, אָבער זי האָט זיך פון אים אַרויס-געדרייט. דאָס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן, אַז די „זשידאָוו-קע" האַלט זיך אַזוי אין גרויסן. ער איז אויך געווען אייפער-זיכטיק, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז קסעניע איז אַ רעזולטאַט פון שוראַס „זינדיקן" אין אירע יינגערע יאָרן.

שמעונס וויזיט איז געווען אַ קורצער. ווען ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן ביי דער טיר, האָט שוראַ געעפנט און אים אַריינגעלאָזט. באַלד פון דער טיר האָט זי אָנגעהויבן: „כ'ווייס ביסט געקומען רעדן. כ'ווייס אַלץ, וואָס צו זאָגן. . . וועגן די פאַרפליכטונגען, וואָס כ'האָב אויף זיך גענומען; די חתימה, וואָס כ'האָב געגעבן, אַז איך זאָג זיך אָפּ פון אַלע רעכטן". . . זי איז געווען אין אַ בגילופינדיקער שטימונג, וואָס האָט איר נאָך מער צוגעגעבן מוט. „אַליין האָב איך אויסגעטראָגן, אַליין האָב איך געבוירן. . . איך בין די מוטער און דאָס איז אַלץ". פונעם בענקל איז אויפגעשטאַנען וואַסילי, זיך דערנענטערט צו שמעונען, אַז דער ריח פון בראָנפן האָט אַזש שמעונען פאַר-כאַפּט דעם אָטעם. ער האָט געזשיפּעט מיט סם און געזאָגט: „קיינער האָט נישט קיין רעכט אַוועקצונעמען אַן אייגענע טאָכטער פון איר מוטער. אפילו איך, וואָס האָב נישט קיין בילדונג, ווייס אַלע געזעצן זייער גוט".

שמעון האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער און ס'איז אים פּשוט געקומען צום ברעכן. ער האָט זיך געוואָנדן צו זיין טעכטערל: „נו, וואָס, קסעניע? וועסט גיין אַהיים מיט דיין פּאָ-טער, אָדער בלייבסט דאָ מיט זיי, ביים שטיף-פאָטער?". קסעניע האָט זיך אויפגעשטעלט פון דער טאַבורעטקע און אַ שווייגנ-דיקע צוגעטוליעט איר קאָפּ צו שמעונס האַרץ. „דו גייסט אַוועק?" האָט שוראַ אַ געשריי געטאָן. „נו, גיי שוין, גיי! געלעבט אָן דיר זעכצן יאָר, וועל איך ווייטער לעבן. . . כ'וועל נישט פּגרן. . . דו ביסט אין גאַנצן, ווייזט אויס, פאַריידישט געוואָרן, פאַרזשידעט. נו, אַוועק פון דאַנעט צו דיינע זשידעס". און זי האָט פאַרקלאַפּט די טיר נאָך זיי.

דעם גאַנצן וועג זיינען פאָטער און טאָכטער געגאַנגען שווייגנדיקע. שמעון אַ ביסל פאָראויס, קסעניע אַ ביסל הינ-

טערשטעליק הינטער אים. נאָר איין מאָל האָט זי אַ פרעג געטאָן: „נו, די מאַמע?". . . שמעון האָט געהערט דאָס שוואַכע קול, אָבער האָט זיך נישט אומגעקוקט, נישט געענטפערט, נאָר שנעלער געמאַכט דעם שפּאַן. זינאַ איז שוין מער נישט געשלאָפן, ווען שמעון האָט געעפנט די טיר. ער איז אַריינגעגאַנגען אין צימער. קסעניע איז שטיין געבליבן ביי דער שוועל. „טאַטע, כ'קען נישט". . . האָט זי געזאָגט שטילערהייט. שמעון האָט דערזען איר פאַרשטיינערטע צורה. „וואַרט דאָ", האָט ער אַ ברום געטאָן, אַריינגייענדיק ווייטער אין צימער. מיט עטלעכע מינוט שפּעטער איז ער געקומען מיט סעראַפימאַן, וועלכע איז געזעסן ביי זינאַס בעט. „גיי מיט סעראַפימאַן, וועסט דערווייל זיין ביי איר אין צימער".

ביי סעראַפימאַן איז, ווי שטענדיק, געווען ריין; ס'האָט געשמעקט עפּעס אַ פרישער ריח פון געוויקסן. אַ גאַנצע פּיראַמידע מיט פריש אויסגעפּרעסטע ציכן פאַר די קישנס, זיינען געלעגן אויפן פלושענעם דיוואַן, איבערגעדעקט מיט אַ ליילעך פון אַלערליי קאָלירן; אַ גרינע וואַזע מיט אויסגעטרוקנטע בלומען. אַלץ איז געווען אויף זיין פּלאַץ. סעראַפימאַ האָט גענומען קיסאַן גאַנץ גלייכגילטיק, נישט געפרייט זיך, גאָרנישט אויסגעפרעגט. איר זון, סערגעי, פלעגט זייער אָפּט באַזוכן זיין מוטער, זיך אינטערעסירן מיט איר געזונט צושטאַנד. ער איז אויך אָפּט אַריינגעקומען צו שמעון און זינאַ אין שטוב טוישן איבערגעלייענטע ביכער, אַ ביסל שמועסן און אַמאָל טרינקען אַ גלאָז טיי.



זינאַ שטאַרבט אַוועק

ווען זינאַ איז ווידער אַנטשלאָפן געוואָרן זיינען משונה-דיקע חלומות אַריין אין איר מוח. זי האָט זיך אַן איבערגע-שראָקענע אויפגעכאַפּט פונעם שלאָף, נאָר די דאָזיקע חלומות זיינען איר נישט אַרויס פון קאָפּ. זי האָט אַ קוק געטאָן אין צימער, געזען ווי שמעון זיצט ביים טיש, האָט זי אַ שמייכל געטאָן צו אים. שמעון האָט געעפנט ברייט די אויגן און האָט געגעבן אַ טיפן זיפץ. זי האָט זיך נאָכאַמאָל דערמאָנט, וואָס ס'איז געשען ביי זיי, זיך גענומען ערגערן. אין איר מוח האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אויפוויקלען די לעצטע איבערלעבענישן -- אַ פרעמדע. . . אַ פרעמדע. . . שמעון האָט דערזען ווי זינאַ ענדערט זיך, איז ער צוגעגאַנגען און זיך געזעצט אויפן בעט ביי איר. „שימעלע" -- האָט זינאַ אַ קרעכץ געטאָן -- „כ'קען מיט דעם געדאַנק נישט לעבן". שמעון האָט פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף זי איינשטילן, איר אויסרעדן דאָס האַרץ, מען מוז איבערגיין אויף אַן אַנדער געשפּרעך מיט אַ מער לעבעדיקן טאָן. „זינאַ, דו ביסט אַ קלוגע, אַ שטאַרקע, דו קענסט אין יעדן נויט-פאַל געפינען עפּעס פריילעכס". „איך האָב געפונען עפּעס מער", האָט זינאַ געענטפערט. „אָט, למשל, האָט זיך ביי אונדז אויסגעלאָזט, אַז מיר זיינען פון גאָר געוואָרן גאָרנישט. נישט קיין פאָטער און נישט קיין מוטער, נאָר ביידע יזשידעס'. אמת?. . . ס'איז צום לאַכן", האָט זי אויסגעלאַכט. שמעון האָט זי אַ כאַפּ געטאָן ביי די הענט: „ס'איז נישט ריכטיק, דאָס איז נישט אמת. דו פאַרשטייסט נישט. דאָס מיידל איז געווען אונטער אַ היפּנאָז, אַן איינרעדעניש. איינרעדן אַ מענטשן קען מען שטענדיק און אַלץ."

שמעון שווייגט אויף אַ מינוט: „דו זיי איר מוחל, נאַ-

רעלע. זי איז נישט אויף אַזוי פיל שולדיק, ווי דו טראַכסט".
זינאַ האָט צוגעמאַכט די אויגן: „מוחל זיין קען מען", האָט זי שטיל געזאָגט, „אָבער דאָס לעבן ווי פריער, מיט אַן איין-און-איינציקער, ליבינקער. . ." זי האָט אָפּגעהאַקט אין מיטן און זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט. אָבער פּלוצעם האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן: „ווו איז זי?" „ביי סעראַפימאַן", האָט שמעון שטיל געזאָגט. „זי האָט זיך אומגעקערט, הייסט עס", האָט זינאַ אַזש פאַרביסן די ליפּן. „נאָך וואָס? זאָל זי גיין. אפשר איז דאָס מער ריכטיק, עס וועט בעסער אויסזען". זינאַ האָט זיך פּלוצעם צעוויינט אויפן קול, געכליפּעט ווי אַ קינד. נו, דאַנקען גאָט, האָט שמעון געטראַכט. אַז מען וויינט איז גוט. אַלץ וועט זיך מיט גאָטס הילף איינאָרדענען.

נאָר ס'איז נאָך געווען צו פרי צו דאַנקען גאָט. זינאַ האָט זיך איינגעשטילט, נישט געקרעכצט, נישט געוואָרפן זיך מער. נאָר מיט יעדן טאָג איז זי געוואָרן וויניקער רירעוודיק. זי האָט נישט געקאָכט. שמעון האָט געגעסן ביי דער אַרבעט, געברענגט אַהיים האַלב-פאַרטיקע מאכלים. זי האָט נישט ריין געמאַכט דאָס צימער. אין קורצן -- גאָרנישט געטאָן. שמעון האָט צונויפגעלייגט דאָס געלעגער, אויסגעלופטערט די שטוב און געמאַכט ריין, לויט זיינע מעגלעכקייטן. זינאַ האָט אויפגעהערט לייענען ביכער אָדער טאָן איר אַרבעט, נישט קוקן אין פענצטער אפילו. קיסאַן האָט זי נישט געזען, נישט גע-וואָלט זי זען.

קסעניע האָט כמעט די גאַנצע צייט פאַרברענגט ביי סעראַפימאַן אין צימער. זי איז געגאַנגען פון דאָרט אין דער שולע און פון דער שולע זיך גלייך אומגעקערט אין איר וווין-צימער. דאָרט האָט זי געמאַכט אירע לעקציעס, דאָרט געגעסן און אָפט איבערגעשלאָפן אויפן דיוואַן, צודעקנדיק זיך מיט דער קאָלירטער קאָלדרע. זי האָט עטלעכע מאָל געמאַכט אַ פרווו צוצוגיין צו זינאַן, נאָר ווען זי האָט זיך באַגעגנט מיט זינאַס אומבאַוועגלעכן בליק, מיט די פאַרגלאָצטע אויגן אָן שום מיין, איז זי אַריין הינטערל וועגטל, אַריינגעוואָרפן איר געזיכט אינעם קושן און זיך היסטעריש צעוויינט. שמעון פלעגט טיילמאָל פירן זיין טעכטערל אינעם שטאָט-גאָרטן, זיצן מיט איר אויף אַ באַנק אין דער אַלעע און לאַנג שווייגן. ס'איז נישט געווען פון וואָס צו רעדן. אַלץ איז שוין געווען אָפּגע-רעדט. „מיט דער צייט וועט זיך אַלץ איינשטעלן", פלעגט ער

איר טרייסטן. „די צייט אַרבעט פאַר אונדז".

נאָר ער האָט געמאַכט אַ גרויסן טעות. די צייט האָט געאַרבעט קעגן זיי. זינאַ פלעגט גאַנצע נעכט ליגן מיט אָפענע אויגן, אפילו זיך נישט איבערגעדרייט, נישט געקרעכצט. וואָס מיט איר איז געשען האָט מען נישט געקענט אָנרופן אַ קראַנקייט. זינאַן האָט גאָרנישט ווי געטאָן. פון איר איז פשוט אַוועק דער חשק צום לעבן. סיהאָט זיך ביי איר אַלץ פאַרשטייפט, ווי פאַרגיבסעוועט.

שמעון האָט גערופן דעם דאָקטאָר, וועלכער האָט זי אונטערזוכט און געגעבן דעם דיאַגנאָז, אַז אַלץ איז ביי איר גוט. ער האָט איר פאַרשריבן טאַבלעטן. זי דאַרף עסן אַ ביסל מער, טרינקען קאַווע, אַ ביסל קאָניאַק; זי זאָל מער שפּאַצירן, איינאָטעמען פרישע לופט. שמעון האָט איבערגעגעבן זינאַן, וואָס דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז זי איז אין גאַנצן געזונט. זינאַ האָט צוגעזאָגט צו נעמען די טאַבלעטן, נאָר אַרויסגיין פון דעם צימער וועט זי נישט. מיזאָל זי צורו לאָזן.

דאָס זעקס-צימערדיקע הויז איז ווי פּוסט געוואָרן. מען האָט נישט געהערט אין קאָרידאָר מער די קלינגענדיקע שטימע פון זינאַן מיט איר געלעכטער. ווייניק מענטשן זיינען אַריינגעקומען. ביים באַגעגענען זינאַן אין קאָרידאָר האָבן די שכנים זי פיין באַגריסט און שנעל פאַרדרייט די קעפּ. זינאַס ווערטער-אוצר האָט זיך שטאַרק פאַרקירצט. זי האָט זיך בלויז באַגרענעצט מיט די ווערטער: יאָ, ניין, אַ דאַנק, ביטע. . . בכדי זי זאָל וואָס ווייניקער קומען אין קאָנטאַקט מיט מענטשן. זי האָט מיט קיינעם נישט געפירט קיין געשפּרעכן. אַ סך טעג האָט זי אין מויל גאָרנישט אַריינגענומען. דער דאָקטאָר איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געטענהט, אַז זינאַ איז פולקאָם געזונט. אַלץ איז ביי איר נאָרמאַל. נאָר די אברים האָבן ביי איר געאַרבעט אויטאָמאַטיש, אָן אַ ווילן.

פלוצעם, אין מיטן נאַכט, האָט זיך זינאַ אויפגעכאַפּט פון שלאָף מיט אַ געשריי: „שימעלע, דאַכט זיך, אַז איך שטאַרב". „וואָס. . . וואָס זאָגסטו?", האָט שמעון זיך אַ וואָרף געטאָן פון געלעגער. „גאָט איז מיט דיר!. . . ס'איז דיר שלעכט?. . . וווּ טוט דיר וויי?. . . דאָס האַרץ?". . . „ניין, ס'טוט מיר גאָרנישט וויי. . . נאָר כ'ווייס אַליין נישט, וואָס עס איז". זי האָט זיך מיט אַלע כוחות געוואַלט אויפזעצן, אָבער באַלד צוריקגעפאַלן אויף די קישנס. „שימעלע, גיב מיר

דיין האַנט, כּ'וויל מיט דיר רעדן. הער מיך אויס און שלאָג מיר נישט איבער", האָט זי קוים געשעפּטשעט מיט די לעצטע כּוחות. שמעון האָט אָנגעצונדן דאָס לעמפּל, זיך צוגעזעצט צו איר און געגלעט איר האַנט: „הער אויף. . . דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז אַלץ איז ביי דיר אין אָרדענונג".

יאָ, כּ'ווייס", האָט זינאַ פאַרגעזעצט, „אָבער הער זיך צו. אפשר זאָלסטו דיר אַלץ פאַרשרייבן, כּדי דו זאָלסט נישט פאַרגעסן. דעם פוטער-פּאַלטן זאָלסטו געבן צו דיין שוועסטער טאַמאַראַ. דאָס גאָלדענע קייטעלע זאָלסטו שיקן מיין חברטע נינאַ קיין לענינגראַד. עס האָט איר זייער געפאַלן. קיסאַ דאַרף האָבן אַ ווינטער מאַנטל. דינג פאַר איר אַ שיינע אַטעליע פאַר דער צייט, וואָס זי וועט שטודירן אין אוניווערסיטעט. און דער עיקר, הערסט, דו זאָלסט חתונה האָבן, אומבאַדינגט. ס'איז נישט גוט צו זיין אַליין. . . דו זאָלסט נישט זיין בייז אויף מיר. . . זיי מיר מוחל, מיין טייערער. כּ'ווייס, אַז דו וועסט אַליין. . . נישט זיין. . ." די לעצטע ווערטער זיינען שוין כּמעט ווי נישט געווען הערבאַר, ווייל איר טייערע נשמה האָט אויס-געהויכט מיט זיי.

אין טאָג פון דער לוויה האָט געגאָסן אַ גרויסער רעגן. ווען אַלע זיינען שוין אַוועק, האָט קסעניע זיך געוואָרפן אויפן קבר, אין דער נאַסער בלאָטע. מיט גרויס שוועריקייטן האָט מען זי אַוועקגעשלעפּט פון דאָרט. שמעון, שטייענדיק נאָך אַליין אַ פּאָר מינוט, איז אויך אַהיים געגאַנגען. אויפן קבר, צווישן די בלומען, איז געבליבן ליגן דאָס גאָלדענע קייטעלע, וואָס ער האָט געדאַרפט שיקן צו זינאַס חברטע קיין לענינ-גראַד. שמעון האָט דאָס פאַרלוירן, ווען ער האָט אַרויסגע-שלעפּט דאָס טאַשנטיכל פון דער קעשענע.

קיסאַ האָט חרטה

ס'איז אַוועק אַ שטיקל צייט און מ'האָט אַלץ נישט געקענט דערגיין די סיבה פון זינאַס טויט. פון וואַנעט האָט זיך ביי איר גענומען די שלאָפקייט? די דאָקטוירים אַליין האָבן דאָס נישט געקענט פאַרשטיין. אַלץ איז ביי איר געווען אין דער בעסטער אָרדענונג: דאָס האַרץ, דער באַוווסטזיין, אַלע אברים האָבן פונקציאָנירט נאָרמאַל. די אמתע סיבה איז אָן צווייפל געווען -- האָבן געטענהט די שכנים -- וואָס זי האָט פשוט פאַרלוירן דעם ווילן צום לעבן. זי איז געשטאָרבן אַלט זייענדיק אין גאַנצן 38 יאָר. אירע עלטערן, יאַנקל און חנה, האָבן זייער געטרויערט אויף דעם פאַרלוסט פון זייער איין-און-איינציקער טאָכטער אַזוי יונג. דער פאָטער האָט גענו-מען אויף זיך דאָס זאָגן קדיש. שמעון האָט איר געשטעלט אַ שיינע מצבה.

קיסאַ האָט אין גאַנצן פאַרלוירן דעם שלאָף. גאַנצע נעכט פלעגט זי וויינען און קלאָגן. ס'האָט זיך ביי איר אַנט-וויקלט נאָך אַ גרעסערע ליבע צו זינאַן און צו שמעונען, איר פאָטער. עס האָט זי אַרומגענומען אַ שוידער, ווען זי האָט זיך דערמאָנט די פאַסירונג מיט שוראַן -- די אויפפירונג דאָרטן, דאָס שיכורן מיט דעם וואַסילי, זיין טשעפּען זיך צו איר, די אומריינקייט אין שטוב, די מיאוסע לידער, און די אַנדערע זאַכן, וואָס זיינען דאָרט אָנגעגאַנגען. זי האָט נישט פאַרשטאַ-נען דאָס וואָרט „זשיד", „זשידאָווסקי". זי האָט נישט געזען קיין חילוק צווישן מענטשן. זי האָט אָפּגעשאַצט דאָס פיינע צוזאַמענלעבן פון זינאַן מיט שמעונען; די פיינע חברים, וואָס פלעגן קומען צו זיי. און אוודאי די זיידעס און באָבעס -- רויִקע, פיינע, ערנסטע, קולטורעלע מענטשן. ווי מען האָט פאַר-

ברענגט ביי אַ גלעזל טיי מיט צובייסן. זעלטן גענומען אַ ביסעלע משקה אָדער אַ גלעזל וויין. פאַרוואָס קומט אַזעלכע ווילע מענטשן צו באַליידיקן?

קיסאַ איז נישט געגאַנגען אין אוניווערסיטעט, ווי זי האָט פּלאַנירט. עטלעכע טעג איז זי געלעגן אויפן בעט, גע-וויינט און געשריגן, אַז זי דאַרף נישט לעבן. זי האָט געברענגט אַ קרבן; זי האָט גורם געווען דעם טויט פון אַן אומשולדיקער מוטער. ווען נישט זי, וואָלט נאָך דער פיינער מענטש געלעבט, נאָך אפשר געברענגט קינדער אויף דער וועלט, זיכער געברענגט מער נחת אירע עלטערן און ליבע צו איר געטרייען מאַן. פאַר-וואָס האָט זי געדאַרפט געבוירן ווערן אַ מערדערין, אומצו-ברענגען איר מוטער.

שמעון איז זייער דערשיטערט געוואָרן פון זיינאַס טויט. עס איז געקומען אַזוי אומגעריכט, אַזוי שנעל, אַזוי אומגלויב-לעך. ער האָט פאַרלוירן זיין פרוי, זיין געליבטע, זיין בעסטער פריינד, די מאַמע פון זייער איינציקער טאָכטער. די שטוב איז געוואָרן צו ענג פאַר אים און ער האָט זיך געפילט בעסער ביי דער אַרבעט. מיט אַלע כוחות האָט ער זיך באַמיט צו באַ-הערשן פון וויינען עפנטלעך, כדי קיסאַ און די עלטערן זאָלן עס נישט זען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער מוז אָנגיין ווייטער מיטן לעבן, אָן אונטערשייד ווי האַרט עס זאָל נישט זיין, אפילו בלויז צוליב קיסאַן, ווייל זי מוז איצט האָבן אַ היים און אַ שטאַרקן פאָטער.

די שכנים פון הויז האָבן זיך צו אים באַצויגן מיט מיטגעפיל; אים געהאָלפן מיט וואָס יעדער האָט געקענט. און פאַרשטענדלעך, אַז ביידע טאַטע-מאַמעס האָבן אים געטרייסט און אים אויסגערעדט, אַז אַלץ איז באַשערט פון רבונו-של-עולם. חוץ דעם האָט ער אויך געמוזט אַכטונג געבן אויף קיסאַן, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז פון פאַרצווייפלונג קען זי זיך נאָך עפעס טאָן שלעכטס. קיסאַ האָט זיך געפילט זייער שולדיק אין איר מוטערס טויט און האָט עס כסדר אויסגעע-שריגן אויפן קול. זי האָט געווונטשן אויף זיך דעם טויט, אַלס שטראָף פאַר דעם, וואָס זי האָט אָפּגעטאָן. שמעון פלעגט זי באַרויִקן, אַז ס'איז נישט איר שולד. ס'איז אָבער געווען שווער זי איבערצוצייגן אין דעם. זי האָט געטענהט, אַז זי וועט זיך דאָס קיינמאָל נישט מוחל זיין. אַלע צוויי-דריי טעג פלעגט זי טראָגן בלומען אויפן קבר.

קיסאַ האָט נישט אויפגעהערט צו וויינען. ביים ריין מאַכן די שטוב האָט זי געוויינט; ביים צוגרייטן פאַרן פאָטער די מאָלצייטן האָט זי געוויינט. זי איז נישט אַרויסגעגאַנגען אויף קיין רגע אין דרויסן, נאָר בלויז צו די שכנים ווען זי האָט באַדאַרפן זייער עצה אין הויז-זאַכן. אין אירע געשפּרעכן מיט איר פאָטער פלעגט קיסאַ ווידער און ווידער אַמאָל איבערחזרן איר גרויסן פאַרברעכן, וואָס זי איז באַגאַנגען מיטן „מאָרד" פון איר מוטער. זי האָט איר פאָטער אויפגעקלערט, אַז ערשט איצט קען זי אָפּשאַצן די גרויסע ליבע, וואָס זיינאַ האָט אַרויסגעוויזן צו קיסאַן; זי איז געווען גרייט צו ברענגען פאַר איר דאָס טעלערל פון הימל. אָן אויפהער האָט זי אויס-גערעכנט די גוטע מעלות פון דער פאַרשטאָרבענער מוטער: איר ליבע און איבערגעגעבנקייט צו משפחה, שכנים און פריינד; איר גוטהאַרציקייט צו נויטבאַדערפטיקע. און זי, קיסאַ, האָט דאָס אַלץ איבערגעהאַקט אין מיטן, צוליב אירע פאַלשע שריט, פאַר וועלכע זי קען זיך קיינמאָל נישט מוחל זיין. ווי אַזוי האָט זי אפילו געקענט טראַכטן וועגן טוישן מאַמעס – איינע, די וואָס האָט זי געבוירן, אַ נידערטרעכטיקע, פאַלשע, עגאָיִס-טישע פרוי, וואָס האָט זי אַוועקגעגעבן. און די צווייטע – די מאַמע, וואָס האָט זי אויפגעהאָדעוועט מיט ליבע און פאַר-שטענדעניש און געווען גרייט דאָס לעבן אַוועקצוגעבן פאַר איר. „איצט איז פאַר מיר נאָר פאַרבליבן דו, מיין טאַטע, מיט וועמען איך וויל זיין צוזאַמען. כּיבעט דיך, זאָלסט מיך ליב האָבן ווי דיין טאָכטער און זיין מיין פאָטער אויף אייביק".

אַלע טאָג, ווען שמעון איז געקומען פון דער אַרבעט און נאָכן אָפּעסן דעם מאָלצייט מיט קיסאַן, האָט ער זי אַרויסגענומען אויף אַ שפּאַציר אינעם נאָענטן שטאָט-גאָרטן. זיי האָבן אַ ביסל שפּאַצירט אָדער געזעסן אויף אַ באַנק און איבערגערעדט די טעגלעכע פּראָבלעמען. איינמאָל פרעגט זי דעם פאָטער, וואָס ער קלערט צו טאָן אויף ווייטער? שמעון לייגט פאַר דאָס פאָלגנדיקע: ערשטנס וועלן זיי בייטן די וווינונג, ווייט אַוועק פון דאַנעט, ווו מ׳ווייסט גאָר נישט וועגן דער גאַנצער געשעעניש. פאַר אים איז עס אויך אַ טויט-קלאַפּ און אַ גרויסע בושה, פון וועלכער ס׳איז אים שווער צו קומען צו זיך. דערביי פרעגט ער קיסאַן, וואָס זי טראַכט אויף ווייטער? ענטפערט קיסאַ פון גאַנצן האַרצן: „זאָלסט וויסן, אַז איך וויל זיין נאָר מיט דיר. מיין גרויסע ליבע צו מיין פאַר-

לוירענער מוטער וועט געפונען אַ טרייסט נאָר מיט דיר. כּוויל איך געהערן צו דיין פֿאָלק; כּוויל אָננעמען דיין אמונה; כּוויל גלויבן אין איין גאָט. ער וועט מיך אָדער שטראָפֿן, אָדער מוחל זיין פֿאַר מיין גרויסער זינד."

„איך האָב אויך באַשלאָסן, אַז אָנשטאָט צו לערנען וועגן אַנדערע פֿעלקער אויף דער וועלט, וויל איך בעסער לערנען וועגן יידישן פֿאָלק. איך וועל נעמען ביכער אין דער ביבליאָטעק, אין רוסיש אָדער אין יידיש, און וועל שטודירן אַלץ, וואָס איז פֿאַרבונדן מיטן יידישן פֿאָלק פֿון אָנהייב אָן ביז דער היינטיקער צייט. און צום סוף וויל איך אָפּיציעל איבערגיין אויפֿן יידישן גלויבן, כּוויל זיך מגייר זיין. יאָ, כּוויל געהערן צו דעם פֿאָלק, וואָס גלויבט אין איין גאָט; וואָס האָט דער וועלט געגעבן די עשׂרת הדברות; וואָס פֿאַרשפּרייט ליבע, מענטשלעכקייט און ברידערשאַפֿט צווישן פֿעלקער. מיך אַרט נישט, וואָס אויף מיין פּאַס איז דער פֿינפֿטער פּונקט. איך האָב יידישע חברטעס, וועלכע רעדן יידיש און העברעיִש, זיי לערנען זיך ביי פּריוואַטע לערערס. איך וויל אויך דאָס זעלבע. טאַטע, נעם מיך צו אַ פּריוואַטן לערער. וועסט פֿון מיר קיין בושה נישט האָבן."

שמעון איז געבליבן זיצן אַ צעמישטער פֿון פֿאַרוווּנדערונג. דאָס איז געקומען צו אים ווי אַ סורפּריז און ער איז זייער צופֿרידן געווען פֿון דעם. ער האָט אַרומגעכאַפּט זיין טאָכטער און זי געקושט אָן אויפֿהער.

קיסאַ ווערט אַ יידישקע

קיסאַ האָט דאָס אַריינגענומען אין איר קאָפּ און זיך באַצויגן צו דעם גאַנץ ערנסט. דער געדאַנק האָט זי נישט אָפּ-געלאָזט. זי האָט זייער אַ סך אָנגעהויבן לייענען און שטודירן וועגן יידישן פאָלק.

שמעון האָט געטאָן ווי ער האָט איר געזאָגט מיט אַ שטיקל צייט פריער. זיי האָבן זיך אַריבערגעצויגן אין אַן אַנ-דער וווינונג, אַ בעסערס. דאָס האָט אים געקאָסט מער געלט און די צוויי פאַמיליעס, זיינע און זינאַס עלטערן, האָבן אים אַרויסגעהאָלפן. זיי האָבן געדונגען צוויי גרויסע צימערן מיט אַ קיך, אַ באַלקאָן, און אַ קליין צימערל, וואָס האָט געקענט נוצן פאַר פאַרשיידענע צוועקן. אַרום האָבן געוווינט זייער פיל יידישע משפחות. די קריסטן פון דער געגנט האָבן זיך באַ-צויגן מיט פריינדשאַפט צו די יידישע שכנים. דאָס אַלץ האָט שמעון געטאָן לויט אַן עצה פון אַ גוטן פריינד. אין דער געגנט זיינען שמעון מיט קיסאַן געווען פרעמדע. קיינער האָט גאָר-נישט געוווּסט וועגן זייער פאַרגאַנגענהייט. מיהאָט זיי זייער פיין אויפגענומען, ווי גוטע שכנים.

עס האָט אָנגעהויבן אַריינקומען אַ פריוואַטער יידישער לערער, וועלכער האָט געלערנט מיט קיסאַן יידיש און העב-רעיִש. שמעון האָט דווקא אָנגעזאָגט זיין טאָכטער, אַז זי זאָל זיך האַלטן אַ ביסל פונדערווייטנס פון די שכנים, מורא האָבנ-דיק, אַז זי זאָל זיך נישט אַרויסכאַפּן אַמאָל מיט עפּעס. אַ יידיש מיידל האָט זיך געלערנט צוזאַמען מיט קיסאַן. זיי פלעגן טיילמאָל צוזאַמען אַהיים פאָרן. יענע האָט נאָר געוווּסט,

אַז קיסאַ איז נישט לאַנג צוריק געוואָרן אַ יתומה, זי האָט פֿאַרלוירן איר מוטער. דאָס מיידל איז עטלעכע מאָל אַריינגעקומען אין קיסאַס הויז זיך פֿרעגן וועגן לימוד ענינים.

שמעון אַליין האָט אויך זייער גוט געקענט העברעיִש און יידיש, וואָס ער האָט געלערנט ביי איינעם פֿון די בעסטע לערער, יאָסל שאַפּיראָ, אַ באַקאַנטער ציוניסט און פֿייערדיקער פּאַטריאָט פֿאַר ארץ-ישראל. קיינער האָט ביי אים נישט געקענט פּועלן, אַז ס׳וועט נישט זיין קיין יידישע היים פֿאַרן יידישן פֿאָלק.

דאָס איז פֿאָרגעקומען באַלד נאָך דער אָקטאָבער רע-וואָלוציע אין רוסלאַנד. בעסאַראַביע איז אין 1918 איבערגע-גאַנגען צו רומעניע. די גרענעצן צווישן רוסלאַנד און אַנדערע לענדער זיינען פֿאַרמאַכט געוואָרן. די באָלשעוויקעס האָבן „גע-רייניקט" די באַפֿעלקערונג. קיין בריוו פֿון דער משפּחה אין ווייס-רוסלאַנד זיינען נישט אָנגעקומען מער.

קיסאַ האָט זיך אַריינגעלאָזט אין דער לערע. זי האָט זיך צו ביסלעך באַרויִקט פֿון דעם אומגליק, וואָס זי האָט דורכגעלעבט מיטן פֿאַרלירן איר מוטער.

שמעון איז געווען אַ פֿריידענקער. ער האָט אַלץ גוט געקענט, דאָס דאַוונען, דאָס לערנען תּנ״ך, נאָר ער האָט זיך דערמיט נישט פֿיל אָפּגעגעבן. נאָך זיינאָס טויט, און צוליב קיסאַן, האָט ער אָנגעהויבן גיין אָפּטער אין שול אַריין שבת; זיך אָפּגעבעטן ביי דער אַרבעט, אַז אָנשטאָט שבת זאָל ער אַרבעטן זונטיק, און מ׳האָט אים דאָס דערלויבט. ער האָט אָנגעהויבן אָפּהיטן יידישקייט, די דינים און די טראַדיציעס.

פֿאַר קיסאַ איז דאָס אַלץ אָנגעקומען אַ ביסל שווער-לעך, אָבער זי האָט עס פֿאַר ליב גענומען. אין אוניווערסיטעט האָט זי געלערנט אין דער רומענישער שפּראַך; די צווייטע פֿרעמדע שפּראַך איז געווען דייטש; דערצו העברעיִש און יידיש. חוץ דעם האָט זי געלייענט די היסטאָריע פֿונעם יידישן פֿאָלק, וואָס האָט איר פֿאַרשאַפֿט גרויס פֿאַרגעניגן. שמעונען איז גע-פֿעלן געוואָרן קיסאַס מאַניערן, איר לערנען און אירע גע-שפּרעכן מיט אים אין דער פֿרייער צייט, כאָטש עס זיינען נישט געווען צופֿיל אַזעלכע, צוליב מאַנגל אין צייט.

אין די שלאָפֿלאָזע נעכט האָט שמעון געטראַכט וועגן קיסאַס באַגער צו ווערן אַ יידיש קינד. ער האָט ביי דער אַר-בעט אָפּגעבעטן אַ פֿרייען טאָג, מיטן תּירוץ, אַז ער דאַרף

דערליידיקן פערזענלעכע זאַכן. ער איז אַוועק צו רב צירעלסאָן און אים געבעטן צו ווערן אויפגענומען צוליב אַ זייער וויכטיקן ענין. דער רב האָט באַוויליקט צו געבן שמעונען פרייע צייט און אים געבעטן צו דערציילן אַלץ, נישט קוקן ווי לאַנג עס וועט דויערן.

דעם רב האָט די געשיכטע זייער פּאַראינטערעסירט. שמעון האָט אויפגעדעקט פאַרן רב אַלע סודות, גאָרנישט פאַר-לייקנט, גאָרנישט צוריקגעהאַלטן. ער האָט אויך דערציילט וועגן קיסאַס באַגער צו ווערן אַ יידיש מיידל. דאָס איז די הויפּט סיבה פון זיין דאָ ביים רב. וואָס זאָל ער טאָן? ער בעט ביים רב אַן עצה, ווי אַזוי דאָס דורכצופירן, אַז ס'זאָל זיין בסוד, ווייל ער וויל נישט אַז די גאַנצע געגנט זאָל פון זיי רעדן.

דער רב האָט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט אַלץ אויסגעהערט; געכאַפּט אַ קוק אין אַ ספר, אַ קנייטש געטאָן מיטן שטערן און געזאָגט: „קודם כָּל מוזט איר קומען צו מיר מיט אייער טאָכטער. איך דאַרף זי אויסהערן און זי וועט מוזן ענטפערן אויף עטלעכע פראַגעס. גייט אַהיים, גרייט זי צו און קומט צוריק אין אַ חודש אַרום, דעם 20-טן טאָג פון צווייטן חודש, דריי אַזייגער בייטאָג, זאָלט איר דאָ זיין".

קיסאַ האָט זיך זייער נאָענט באַפריינדעט מיט איטאַ שיינפעלד, וועלכע איז געוואָרן איר בעסטע פריינדין, מער ווי אַלע אַנדערע סטודענטקעס. געוווינט האָט יענע דאָס דריטע הויז אַוועק, פלעגט זי דורכגיין און צוזאַמען פלעגן זיי גיין אין אוניווערסיטעט און צוזאַמען זיך אומקערן. זיי פלעגן שמועסן וועגן אַלץ און אַלעמען. קיסאַ איז אָבער געווען זייער אויסגעהאַלטן און נישט דערציילט אַלץ.

זי איז שוין געוואָרן אַכצן יאָר. נישט קיין סך צייט געבליבן צו ענדיקן דעם אוניווערסיטעט. פון לעבן האָט זי אַ סך געלערנט, אַז זי זאָל פאַרשטיין וואָס צו רעדן, מיט וועמען, און אויף וועלכע טעמעס. אין איר נשמה האָט זיך איינגע-וואָרצלט אַן אָפּטימיזם, אַז אַלץ וועט זיין ווי זי פּלאַנירט.

קיסאַ פלעגט אָפט אַריינקומען צו איר חברטע איטאַ. זי האָט געזען ווי זיי לעבן, ווי זיי פירן זיך. זי האָט געזען איטאַס מוטער שטיין ביים טיש, צודעקן זיך דעם קאָפּ, פאַר-שטעלן מיט די הענט די אויגן, דאַווענען עפּעס און זאָגן „אַ גוט שבת". זי האָט זיך דערמאָנט, ווי איר מוטער פלעגט עס טאָן, ווען זי איז נאָך געווען אַ קליין קינד און זי האָט אויף

דעם נישט געלייגט דעם מינדסטן אַכט. איצט האָט זי באַשלאָסן, אַז פּרייטיק אָוונט דאָס אויך צו טאָן. זי וועט בעטן דעם לערער, ער זאָל זי דאָס אויסלערנען. קיסאַ האָט באַטראַכט ווי שיין אַלץ איז: די איבערגעדעקטע חלות, אַ פלעשל ווייַן, געפילטע פיש אויפן טיש. אַלע זיצן אַרום און איטאַס פאָטער מאַכט קידוש. וויפל שיינקייט און הערלעכקייט ליגט אין דעם.

שמעון האָט קיסאַן נישט דערציילט, אַז ער איז געווען ביים רב און אים אַלץ דערציילט. נאָר ווען קיסאַ האָט זיך געוואָנדן צו אים, אַז זי וויל רעדן יידיש מיט אים, איז ער געבליבן ווי פאַרשטיינערט און איר געענטפערט, אַז זי קען נאָך נישט גענוג. „נשקשה", האָט זי געזאָגט, „וויפל כ'קען". פאַר שמעונען איז דאָס געווען אַ מתנה פון הימל.

ער האָט זי אַרומגענומען, געקושט און אויסגערופן: „מיין יידישקעלע, מיין יידיש קיסאַלע, וועסט טאַקע זיין אַ יידישע טאָכטער, אַ יידישער אוצר". ער האָט איר דערציילט, ווי ער איז געווען ביי רב צירעלסאָן, אים אַלץ דערציילט און אַז דעם 20-טן פון צווייטן חודש וועלן זיי ביידע גיין צו אים. זי דאַרף זיך צוגרייטן דערצו. ער וועט איר אוודאי שטעלן פאַרשיידענע פראַגן, זאָל זי וויסן וואָס צו ענטפערן. קיסאַ האָט אַזש געגעבן אַ טאַנץ אונטער און געקושט דעם פאָטער. זאָלסט וויסן, קיסאַ, אַז דאָס איז נישט קיין גרינגע זאַך. קיסאַ האָט געזאָגט: „איך ווייס דאָס! כ'האָב געקויפט ליכט אויף צו בענטשן פרייטיק צו נאַכטס, ווייל יעדעס יידיש מיידל דאַרף אַריינברענגען ליכט אין שבת און אין יום-טוב, די ליכט פון תורה".

שמעון האָט איינגעזען, אַז דאָס מיידל פון אַ גויאישער שיכורער מאַמען ווערט אַ יידישקע און ברענגט אים דערצו, אַז ער זאָל ווערן מער רעליגיעז. זי האָט געמאַכט זיכער, אַז ער גייט אין שול אַריין, וואַשט זיך די הענט, מאַכט די ברכות א.אַ.וו. אויב ער האָט דאָס נישט געטאָן, האָט אים קיסאַ דאָס דערמאָנט. קיסאַ האָט זיך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט כשרות. ווידערשפּרעכן קיסאַן, זאָגן אַנדערש האָט ער נישט געקענט און נישט געוואָלט. אים איז געבליבן נאָר אַלץ נאָכצופאָלגן.

איטאַ שיינפעלדס פאָטער איז געווען אַ ציוניסט. ער האָט געאַרבעט אין מרכז, אָנגעפירט מיט דער חלוצישער באַ-

וועגונג; ער האָט געזאַמלט געלט אין די קרן קיימת פּושקעס; אָרגאַניזירט פאַרזאַמלונגען; אַגיטירט פאַר דער ציוניסטישער טעטיקייט.

פון די אַלע זאַכן האָט קיסאַ גאָרנישט געוווּסט. אין גאַנג פון די באַגעגענישן מיט איר חברטע איטאַ, און פון אירע באַזוכן אין זייער הויז, האָט זי זיך איינציקווייז אַלץ דער-וווּסט. דאָס איז פאַר קיסאַן אויך געווען אַ נייעס און עס האָט אין איר פאַרמולירט אַן אידעאַל. זעט אויס, אַז יידן מוזן קעמפן פאַר אַן אייגן יידיש לאַנד, ארץ-ישראל. אַלע פעל-קער האָבן זייער אייגן לאַנד, נאָר נישט די יידן. זיי האָבן פאַרלוירן זייער לאַנד און זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט.

אַזוי האָט זיך ביי קיסאַן געזאַמלט אַ וועלט מיט פראַגעס, אויף וועלכע זי האָט געזוכט די ריכטיקע ענטפערס. זי פלעגט דעם לערער שטעלן אַזעלכע פראַגעס, וואָס אפילו ער איז נישט געווען אומשטאַנד איר צו ענטפערן. פון דער צווייטער זייט האָט זי געלערנט אין אוניווערסיטעט די געשיכטע פון אַ סך פעלקער און אין איר קאָפּ האָבן זיך אויסגעמישט פיל זאַכן, וועגן וועלכע זי האָט נישט געהאַט קיין שום אַנונג, כאָטש געלערנט האָט זי זיך זייער גוט. זי האָט מער ווי אַלע אַנדערע געשטעלט פאַרשיידענע שווערע פראַגעס. . .

כאָטש זי איז שוין געווען אַכצן יאָר אַלט, אַן עלטער ווען מיידלעך הייבן זיך שוין אָן צו אינטערעסירן און באַגעגענען יינגלעך, איז קיסאַ אין דעם זין געווען אַ ביסל אָפּגעשטאַנען. זי איז געווען פאַרנומען מיטן ענין פון קיום, גלויבן און אָפּשטאַם.

איטאַ שיינפעלד, איר חברטע, האָט אַ חוץ קיסאַן גע-האַט אויך חברטעס נאָך פון פריער, מיט וועלכע זי איז געווען אין גוטע באַציִונגען. קיסאַ איז אַריינגעקומען אַ מאָל צו איטאַן און דאָרט געטראָפן איר חברטע בּילאַ. זיי האָבן זיך באַקענט און יענע האָט פאָרגעשלאָגן צו גיין שפּאַצירן אין שטאָט-גאָרטן. דער אָוונט איז געווען אַ זומערדיקער, וואַרעם, אָן אַ ווינט, זיינען זיי געגאַנגען שפּאַצירן. דאָ זיינען צוגעקומען צו זיי דריי יידישע יינגלעך, וועלכע איטאַ און בילאַ האָבן גע-קענט פון פריער און מ׳האָט זיך פונאַנדערגערעדט. קיסאַ האָט זיך דאַן באַקענט מיט אַ סימפּאַטיש יינגל. ער האָט געהאַט צוויי בלויע פריילעכע אויגן, אַ שמייכל אויפן פנים, אָנגעטאָן

אין אַ שיין היטעלע. ביים רעדן האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט שטענדיק געזונגען. פון אָנהייב האָט ער אַ ביסל געשוויגן, נאָר דערנאָך זיך צערעדט פאַר פייער און וואַסער, דערציילט מעשיות און געלאַכט. קיסאַן האָט אינטערעסירט זיין אָפּשטאַם, פון וואַנעט ער קומט אַרויס. דעריבער האָט זי ווייניק געקוקט אויף אים, ביז זי האָט זיך דערוווּסט, אַז ער איז פונעם יידישן אָפּשטאַם און זיינע עלטערן זיינען טראַדיציאָנעלע יידן. קיסאַ האָט אים געשטעלט פאַרשיידענע פראַגן, אויף וועלכע ער האָט גערן געענטפערט. וועגן זיך האָט קיסאַ אים ווייניק דערציילט. די דריי פּאָרלעך האָבן שפּאַצירט צוזאַמען און דערנאָך זיך אַוועקגעזעצט אויף בענק און ווייטער געשמועסט.

ווען דאָס יינגל האָט קיסאַן אָפּגעפירט אַהיים איז שוין געווען באַלד צוועלף אַזייגער. שמעון איז געשטאַנען אין דרויסן און געוואַרט. ווען ער האָט דערהערט דאָס פּאָרל קומען האָט ער זיך געשטעלט הינטער אַ בוים, זיי זאָלן אים נישט זען. ער האָט זיך צוגעקוקט ווי זיי געזעגענען זיך גאַנץ פשוט. דער עיקר האָט שמעון געוואָלט וויסן, צי עס איז אַ יידיש יינגל. ווען דאָס יינגל איז אַוועק, איז שמעון צוגעגאַנגען צו קיסאַן. אַריינקומענדיק אין שטוב האָט קיסאַ אים אַלץ דערציילט. שמעון האָט זי גוטערהייט געוואָרנט, אַז זי זאָל גוט אַכטונג געבן מיט וועמען זיך צו באַגעגענען, און נישט קומען אַהיים אין די שפּעטע שָעהן.

* * *

שמעון האָט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן יעדן טאָג וועגן זייער לעבן אין דער צוקונפט. ער האָט שוין איינגעזען, אַז אַזוי איז עס שוין אין לעבן. נישט שטענדיק ווערן פאַרווירקלעכט די געמאַכטע פּלענער, און פיל מאָל פּאַסירט פונקט דאָס פאַרקערטע. דערפאַר זיינען זיינע זאָרגן וועגן קיסאַן געווען אַזוי גרויס.

ווען קיסאַ (קסעניאַ) איז אַנטלאָפן צו איר מוטער, איז שוּראַ אַוועק אין דער פּאָליציי און אַרויסגענומען קסעניאַס פּאַס אויף איר פאַמיליע-נאָמען: קסעניאַ טשוּדאַקאָוואַ -- די מוטער: שוּראַ טשוּדאַקאָוואַ, און אַריינגעשריבן, אַז קסעניאַ איז אַ „פּאָדקידושאַ", אַן אונטערגעוואָרפענע, דער טאַטע אומבאַ-

קאַנט. כאַטש שורהַ האָט געוווינט אין קישענעוו, איז זי געווען אַן אוקראַינער. האָט זי קסעניאַן אויך פאַרשריבן ווי אַן אוק־ראַינערין. דעם פאַס האָט קיסאַ אַריינגעגעבן אין אוניווערסי־טעט. אין דעם רַעש פון זינאַס טויט האָט קיינער נישט גע־לייגט קיין אַכט אויף קיסאַס פאַס. ווען שמעון איז געקומען צום רב האָט מען באַדאַרפט וויסן גענוי ווער קיסאַ איז, ווי זי הייסט באמת, ווער זיינען אירע עלטערן. האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז דער פאַס פעלט. קיסאַ האָט פאַרגעסן, אַז זי האָט געלאָזן איר פאַס אין אוניווערסיטעט. מ׳האָט איבערגע־דרייט די שטוב, געזוכט דעם פאַס און נישט געקענט געפינען. שמעון האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן מאַכן אַ נייעם פאַס. ער קען נישט אַנטשלאָפן ווערן בייגאַכט און עס קומט אים אויפן געדאַנק, ווי אַזוי איז קיסאַ אַריין אין אוניווערסיטעט?. . . אָן אַ פאַס?. . .

ער איז אַראָפּ פון געלעגער, אויפגעוועקט קיסאַן און איר געפרעגט: „ווי אַזוי ביסטו אַריין אין אוניווערסיטעט אָן אַ פאַס?" קיסאַ, אַ דערשראָקענע, האָט געטראַכט עטלעכע מינוטן און געזאָגט: „כ׳האָב אַליין געהאַלטן אין מיינע הענט דעם פאַס. מעגלעך, אַז כ׳האָב אים דאָרטן פאַרלוירן". איז גע־בליבן, אַז מ׳דאַרף פרעגן אין אוניווערסיטעט. דערווייל האָבן שויןביידע נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. אין דער פרי איז מען אַוועק אין דער ביוראָ פונעם אוניווערסיטעט און געפרעגט דער סעקרעטאַרין. יענע האָט אַריינגעקוקט אין קיסאַס קאַר־טאָטעק און דאָרט איז טאַקע געלעגן דער פאַס. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז קיסאַ האָט געהאַט פאַרגעסן איר פאַס אויף דער באַריערע און זי האָט אים אַריינגעלייגט אין איר קאַר־טאָטעק.

שמעון נעמט דעם פאַס און עס ווערט אים פינצטער פאַר די אויגן: קסעניע טשודאַקאָוואַ -- אַן אוקראַינערין -- די מוטער שורהַ טשודאַקאָוואַ, דער פאָטער אומבאַקאַנט, זיין פאַמיליע-נאָמען אומבאַקאַנט. דאָס איז פאַר שמעונען געווען אַ גרויסער קלאַפּ, אַ טראַגעדיע. ווי אַזוי קען ער דאָס איבער־טראָגן?. . . וואָס פאַר אַ לייזונג קען מען געפינען דערצו?. . .

ווען קיסאַ האָט געזען איר פאָטער אַ פאַרצַערטער ליגנדיק אויפן בעט, איז זי צוגעגאַנגען, אים געטרייסט און איבערגערעדט, אַז אַלץ וועט זיך ענדיקן צום גוטן. שמעון האָט זיך דערמאָנט וועגן דעם דאָקומענט, וואָס שורהַ האָט גע־

חתמעט, אַז זי גיט איבער זייער קינד צו שמעונען און זאָגט זיך אָפּ פון אַלע רעכט צום קינד. שמעון האָט איר דעמאָלט געגוג באַצאָלט פאַר דעם. ער גייט צו אַן אַדוואָקאַט און ווייזט אים דעם בריוו. יענער זאָגט, אַז אָן אַ געריכט קען ער דאָס נישט באַווייזן. ער וועט אַלץ טאָן, כדי אַרויסצוברענגען דעם אמת. די זאַך האָט געדויערט צוויי חדשים. שוראַ איז אַרויסגערופן געוואָרן פאַרן ריכטער און זי האָט געמוזט אַלץ באַשטעטיקן. דער פּסק-דין פון געריכט איז געווען, אַז קיסאַ געהערט צו שמעונען: מיטן נאָמען קיסאַ בערמאַן, דער פאָטער שמעון בערמאַן. אויך האָט דער אַדוואָקאַט גענומען אַ קאָפּיע אין אוניווערסיטעט דאָרט עס איבערצושרייבן.

קיסאַ מיט שמעונען האָבן שוין געקענט גיין צום רב מיט דעם נייעם פּאַס. אָבער לויטן רעליגיעזן געזעץ איז זי געווען אַן אוקראַינערין, ביז זי וועט דורכגיין דעם גיור.

קיסאַ איז געווען שטאַרק באַהערשט פונעם געדאַנק צו ווערן אַ יידישע טאָכטער. זי האָט געטראַכט וועגן דעם 24 שעה אין מעת-לעת, אין יעדער פרייער מינוט: ביים גיין אין אוניווערסיטעט און ביים אַהיים גיין; ביים מאַכן די לעקציעס; ביים צוגרייטן די מאָלצייטן און ביים ריייניקן די שטוב; אין מיטן עסן און ביינאַכט אויפן געלעגער. נאָר די איינציקע אידעע איז איר געלעגן אין קאָפּ. ווען זי איז געזעסן מיט איר פאָטער אין שטאָט-גאָרטן האָט ער זי איינמאָל געפרעגט, פאַר-וואָס זי וויל ווערן אַ יידישקע? וואָס געפעלט איר ביים יידישן פאָלק?. . . זי האָט אים געגעבן אַ לאַנגן און צופרידנשטעלנ-דיקן ענטפער: קודם-כּל טוט זי עס צוליב איר פאַרשטאָרבענער מוטער זינאַ, ווייל זי האָפט מיט דעם צו קריגן מחילה פאַר אירע זינד. אויך טוט זי עס צוליב איר פאָטער, וועמען זי האָט זייער ליב און זי וויל זיין מיט אים. ער איז יידיש און זי וויל אויך זיין יידיש. נאָכן לייענען און לערנען די יידישע געשיכטע האָט זי דאָרט געפונען גאָר אַ סך, וואָס איז איר נאָענט צום האַרצן. איבערהויפּט געפעלן איר די פּסוקים פון הילל: „האָב ליב דיין חבר ווי זיך אַליין!" און „טו נישט צו יענעם, וואָס דו ווילסט נישט מען זאָל טאָן צו דיר". זי וויל זיין אַ מיטגליד פון דעם פאָלק, וואָס איז דורכגעגאַנגען אַזוי פיל צרות, פּיין, פאַרפאָלגונגען, גזירות און רדיפות און דאָך נישט אויפגעגעבן זייער גלויבן אין אַן איינציקן גאָט און זיך נישט אָפּגעזאָגט פון זיין רעליגיע. אויך געפעלן איר די יידישע

מנהגים און טראַדיציעס, די שיינע ימים-טובים, די ברודער-שאַפט און מענטשלעכקייט, וואָס דאָס פֿאָלק ווייזט אַרויס ביי יעדער געלעגנהייט.

שמעון איז געבליבן זיצן אַ געפּלעפּטער, נישט געוווּסט מער וואָס צו זאָגן. ער האָט זיך נישט פֿאַרגעשטעלט, אַז זיין קינד איז אַזוי באַהאַוונט אין יידישקייט, אַזוי צוגעגרייט צו ענטפֿערן אויף יעדער פֿראַגע. ער האָט איר געזאָגט, אַז מאָרגן גייט ער צו רב צירעלסאָן צו באַשטימען אַלע פּראָצעדורן, וואָס זי דאַרף אַדורכגיין. ער האָט זי נאָכאַמאָל געוואָרנט, זי זאָל וויסן, אַז דאָס איז נישט קיין גרינגע זאַך. זי האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַז זי איז אויף אַלעמען גרייט. ער איז געווען זייער פֿאַרטרויערט, וואָס זיין טייערע זינאַ האָט דאָס נישט דערלעבט צו הערן.

קיסאַ האָט זיך געפֿילט צופֿרידן, וואָס זי האָט פֿאַרן פֿאָטער אַזוי אָפֿנהאַרציק אַרויסגעזאָגט דעם פֿולן ענטפֿער. זי האָט באַשטימט ווייטער אָנצוגיין אויפֿן זעלבן וועג. שמעון האָט געוואָלט וויסן מיט וועמען זי באַגעגנט זיך -- מיידלעך אָדער ייִנגלעך. ער האָט נאָך דעם געשפּרעך איינגעזען, אַז ער האָט פֿאַר זיך אַ געלערנטע טאָכטער, מיט וועמען ער קען זיך דורכשמועסן.

הרב הגאון יהודה לייב צירעלסאָן

הרב הגאון יהודה לייב צירעלסאָן איז געווען פון מיטל-וווקסיקן הויף. ער האָט געהאַט אַ שיינע באָרד און פאות, פאַרמאָגט צוויי טיפזיניקע אויגן, און אויפן נאָז צוגע-פאַסטע ברילן אין גאָלדענע רעמלעך. אַ יאַרמלקע האָט ער שטענדיק געטראָגן אויפן קאָפּ. ער איז געווען אַ גוטהאַרציקער, יעדן באַגעגנט מיט איידלקייט און מיט אַ שמייכל. ער איז גע-ווען געבענטשט מיט אַ גוואַלדיקער אויסגעהאַלטנקייט און אויפמערקזאַמקייט; פריי גענוצט זעקס שפּראַכן: עברית, יידיש, דייטש, פראַנצויזיש, רוסיש און רומעניש. ער איז געזעסן שטענ-דיק על התורה ועל עבודה. ביים אַריינגאַנג איז געזעסן זיין שמש, וועלכער האָט געמאָלדן אויב סיוויל ווער אַריינקומען צום רב. לעבן זיין הויז איז געשטאַנען אַ וועכטער פון דער מלוכה אַ גאַנצן מעת-לעת. ווען סיהאָט עמעצער באַקומען אַ דערלויבעניש אַריינצוקומען, איז דער רב אויפגעשטאַנען, אַנט-קעגנגעגאַנגען דעם אורח, אים דערלאַנגט די האַנט און איינ-געלאַדן זיך צו זעצן. ער האָט יעדן אויסגעהערט מיט באַזונ-דערער אויפמערקזאַמקייט, געשטעלט די נויטיקע פראַגעס און אַלץ פאַרצייכנט.

דעם 11-טן פעברואַר, 1920, האָבן די יורידישע מאַכט-אָרגאַנען פון קישענעוו פובליצירט אין אַלע צייטונגען אַ דעקרעט אין פיר שפּראַכן: עברית, יידיש, רומעניש און רוסיש, וועגן דער פולער אויטאָנאָמיע פון דער „אגודת ישראל", אונטער דער פירערשאַפט פונעם רב יהודה לייב צירעלסאָן. ער איז דער באַפולמעכטיקטער פאָרשטייער פון פאַרלאַמענט אין בוקאַרעסט, צו שטיין בראש פון דער גאַנצער פירערשאַפט בנוגע יידישע, קולטורעלע און רעליגיעזע ענינים איבער גאַנץ

בעסאַראַביע. פון דעמאָלט אָן איז קישענעוו פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ גרויסן, גייסטיקן, יידישן צענטער אונטער זיין פירונג. קיין יידישער לערער, מחנך, פרעדיקער, שאַפער, פירער פון אַ גרופע, שול, חדר, שולע אָדער גימנאַזיע האָט נישט געהאַט די פולע רעכט צו דעם אַמט אָן רב צירעלסאָנס חתימה און זיין שטעמפל. אין זיין הויף איז געווען אַ ישיבה מיט אַרום 200 בחורים, וואָס האָבן דאָרט געלערנט. ס'זיינען פון דאָרט אַרויס פיל תלמידי־חכמים. ער האָט געעפנט אַ גימ־נאַזיע מיטן נאָמען „מגן־דוד", ווו ס'האָבן געלערנט 276 סטו־דענטן; אָרגאַניזירט קינדער־גערטנער („גן־ילדים") פאַר יידישע קינדער. כאָטש עס האָט דאָמינירט אַן אַנטיסעמיטיזם אין



הרה"ג י. ל. צירלסון זצ"ל מיסד וראש אגודת ישראל בביסאראביה

רומעניע אונטער דער פירערשאַפט פון קוזאַ ימח שמו, האָט אָבער גובר געווען די דעמאָקראַטיע און יידן האָבן געפירט אַ יידיש קולטורעל, רעליגיעז לעבן.

קישענעוו איז בכלל געווען אַ שטאָט, וואָס האָט ווייניק זיך אונטערגעגעבן צו פרעמדע שפּראַכן. אין די געשעפטן, אויף די גאַסן אָדער אין שטאָט-גאָרטן האָט מען גע-קענט הערן אויפן קול יידיש און העברעיִש. אין די געשאַפענע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָט מען מערסטנטייל גערעדט עברית. אין דער היים, צווישן משפחה און פריינד האָט מען גערעדט יידיש. רומעניש און רוסיש זיינען געווען די מלוכה שפּראַכן און מען האָט זיי געמוזט באַנוצן. די אינטעליגענץ האָט גערעדט רוסיש. רומעניש האָט מען געלערנט אין די מלוכה-שולן און אין די מלוכהשע אינסטיטוציעס.

אגב איז הרב צירעלסאָן אומגעקומען דורך אַ באָמבע דעם 25-טן יולי, 1941, ווען ער איז געגאַנגען דאַווענען מנחה-מעריב.

קיסאַ קריגט דעם גיור

לויט ווי שמעון האָט אָפּגערעדט מיט רב צירעלסאָן, איז ער געקומען מיט קיסאַן. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לאַנג קלייד, מיט לאַנגע אַרבל, פאַרקנעפּלט ביז צום האַלדז; איינפאַך און שיין פאַרקעמט. שמעון האָט נישט פאַרשטאַנען פון וואַנעט זי ווייסט ווי אַזוי מען דאַרף זיין אָנגעטאָן, ווען מען קומט אין אַ רעליגיעזן פּלאַץ.

רב צירעלסאָן האָט גערופן נאָך אַ רב פון זיין הויף, ער זאָל אויך זיין דערביי. יענער איז געווען אַ גרויסער קענער אין עניני תורה און יידישקייט. און אַזוי ווי דאָס איז געווען אַ פאַל חוץ מדרך הטבע (ווייל שמעון האָט דעם רב דערציילט דעם גאַנצן אמת), זאָל זיין נאָך אַ רָב אַלס עדות. ביים רָב אין צימער איז געשטאַנען אַ גרויסע שאַפע מיט ספרים און אויפן טיש זיינען שטענדיק געלעגן עטלעכע, וואָס דער רָב האָט גענוצט ביים מאָמענט. עס איז געשטאַנען אַ פלאַש מיט וואַסער און גלעזער; פאָטעלן צו זיצן. אַלץ באַזונדער ריין. אויף די ווענט זיינען געהאָנגען בילדער פון גרויסע גאונים און תלמידי חכמים. אַ יראת-הכבוד האָט פאַרכאַפּט שמעונען, ווען ער איז אַריינגעקומען צום רָב אין זיין צימער. קיסאַ האָט דערפילט אַ ביסל פחד, אָבער נישט קיין שום שוועריקייטן, ווי זי וואָלט געדאַרפט אָפּגעבן דעם עקזאַמען אויף היסטאָריע אין אוניווערסיטעט.

קודם כָּל האָט דער רָב איר פאָרגעשלאָגן זי זאָל אַלץ דערציילן, דעם גאַנצן אמת, און אין דער שפּראַך, וואָס ס׳איז איר גרינגער. קיסאַ האָט אַלץ דערציילט אין אַ שיינער רומענישער שפּראַך. אַלץ וואָס זי האָט געוווּסט, אַ חוץ עטלעכע זאַכן, וואָס ס׳האָט נאָר געוווּסט דער פאָטער אַליין.

דערנאָך האָט דער רָב איר געשטעלט פראַגעס: פאַר-וואָס זי וויל ווערן אַ יידישקע? צי ווייסט זי דעם חילוק צווישן דער יידישער רעליגיע און אַנדערע רעליגיעס? צי קען זי די יידישע געשיכטע? אויף וויפל זי ווייסט, וואָס פאַר אַן איינדרוק האָט דאָס אויף איר געמאַכט? . . מען האָט זי אַריינגעפירט אין אַ צווייט צימער, אַוועקגעזעצט ביי אַ טיש, איר געגעבן אַ פעדער און פאַפיר און איר געזאָגט זי זאָל זיך נישט איילן און אַלץ באַשרייבן. ווען זי וועט זיין גרייט זאָל זי מודיע-זיין.

שמעון איז דערוויל אַרויסגעגאַנגען און זיך געזעצט אויף אַ באַנק. ער איז געווען נערוועיש און אומגעדולדיק, ווי ער וואָלט דורכגעמאַכט דעם גיור. ווען ער האָט זיך דערמאָנט דעם געשפרעך מיט איר מיט עטלעכע טעג צוריק, האָט ער זיך באַרויִקט. קיסאַ איז צוריק אַריינגעקומען מיטן פאַרטיקן מאַ-טעריאַל און אָנגעהויבן צו לייענען דאָס געשריבענע. דער מצב רוח ביי איר איז געווען אַ נאָרמאַלער. זי האָט געלייענט וואָרט ביי וואָרט; על ראשון -- ראשון, ועל אחרון -- אחרון. די צוויי רבנים האָבן זיך איבערגעקוקט מיט באַוווּנדערונג. שמעון האָט דאָס אויך באַמערקט. זיי האָבן מיט גרויס דער-שטוינונג און באַפרידיקונג אויסגעהערט אַלץ מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט. קיסאַ האָט געענדיקט און דער-לאַנגט דאָס אָנגעשריבענע אויף רומעניש און אַ ביסל אויך אין עברית. דאָס איז געווען נאָך אַ צושמעלצונג צו דעם. שמעון האָט זיי דערציילט, אַז זי לערנט ביי אַ יידישן לערער צוויי מאָל אין דער וואָך, און זי רעדט שוין אַ ביסל עברית.

ווי ס'איז דער שטייגער ביי אַ רעליגיעזן גיור, האָבן ביידע רבנים איר אויפגעקלערט די שווערקייטן, וואָס זי נעמט אויף זיך מיטן ווערן אַ יידישע פרוי. זי וועט מוזן זיין פאַר-זיכטיק ביי כשרות, אָפּהיטן שבת און נאָך אַנדערע ענלעכע שווערקייטן. זי וועט מסתמא דאַרפן אויסשטיין שיקאַנעס פון די נישט-יידישע סטודענטן, פון מלוכה-געזעצן און אַזוי ווייטער. קיסאַ האָט געענטפערט, אַז זי ווייסט דאָס אַלץ און איז גרייט דערויף. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז זי דאַרף קומען איין מאָל אין דער וואָך אין דער ישיבה, ווו אַ פרוי, אַ לע-רערין וועט איר אויסלערנען אַלע ברכות און די דינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו פרויען, מקוה, ליכט-צינדן, כשרות און אַ סך אַנדערע. דערנאָך וועט מען זי אויסהערן. אויב מ'וועט זען,

אַז זי ווייסט שוין גענוג, וועט מען באַשטימען די דאַטע פון גיור. זי וועט דאַן באַקומען אַ קוויטל, אַז זי איז ראוי צו ווערן אַ יידישקע.

זיי זיינען ביידע אַהיים געגאַנגען צופרידענע. קיסאַ איז געווען אַ ביסל אויסגעשעפּט פון דעם אַלעם, אָבער זי האָט אַלץ פּאַר ליב גענומען, כדי צו קענען דערפילן איר פלאַנירטן ציל. זי איז געקומען רעגולער איין מאָל אין וואָך אין דער ישיבה און זיך פלייסיק געלערנט וועגן אַלץ, וואָס איז נוגע יידישקייט. נאָך צוויי חדשים האָבן די רבנים זי פאַרהערט. אירע ענטפערס האָבן זיי צופרידנגעשטעלט און זיי האָבן איר געגעבן דעם גיור. איצט איז זי געווען אַ פולקאָמע יידישקע, ווי זי האָט עס געוואָלט מיטן גאַנצן האַרצן. דער גיור דאָקו-מענט איז געווען אונטערגעשריבן פון הרב הראשי רומעניע, הרב יהודה לייב צירעלסאָן און מיט זיין שטעמפל. זי האָט אָנגעהויבן נוצן די יידישע שפּראַך און פיל מאָל אָנגעהויבן שמועסן מיט אירע חברטעס אין יידיש.

ביי די יידישע שכנים האָט מען חוקר ודורש געווען פון וואַנעט קומט זי? פאַרוואָס דאַרף זי אַ גיור? פון איין דערציילן ביז צום צווייטן איז אַ סך איבערגעאַנדערשט געוואָרן און עפּעס צוגעלייגט. שמעון האָט פאַר קיינעם נישט דערציילט. טאָמער האָט מען אים געפרעגט, האָט ער געזוכט אָפּצוקומען מיט ענטפערן בקיצור.

קיסאַ איז אָבער געווען זייער גליקלעך. זי האָט זיך געפילט שטאָלץ מיט איר נייעם נאָמען. זי האָט ווידער און ווידער אַמאָל איבערגעלייענט דעם פּאַס: איר נאָמען — קיסאַ בערמאַן; איר פאָטער — שמעון בערמאַן; איר נאַציאָנאַליטעט — ייד. ביז צום באַקומען דעם גיור האָט מען אויף קיסאַן גע-קוקט אַ ביסל קאַלט אין דער משפּחה. שמעון איז באַלד אַוועק צו זיינע עלטערן און זיי אָנגעזאָגט די בשורה, איז דאָרט געוואָרן אַ גרויסע שמחה. ער האָט זיי דעמאָלט אַלץ דערציילט, אַריינגערעכנט זיין זינד מיט שוראַן און אַז ער איז דער אמתער טאַטע פון קיסאַן. ער האָט זיי אויך גענוי איבער-געגעבן די פּראָצעדור ביי רָב צירעלסאָן, ווי ער און דער צוויי-טער רָב זיינען געווען איבעראַשט פון קיסאַס וויסן און גאָר צופרידן מיט אירע ענטפערס אויף זייערע פראַגעס. זיי האָבן מיט פאַרגעניגן קיסאַן אַריינגענומען צווישן יידישן פאָלק. מען האָט באַשלאָסן דעם קומענדיקן שבת צו מאַכן אַ ספּעציעלע

אויפנאַמע פאַר אַלע בני משפחה.

שמעון איז אויך אַוועק צו זיין שוועד יאַנקל בירנבוים און אים אָנגעזאָגט די בשורה וועגן קיסאָס גיור. ער האָט אויך אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע, דערמאָנט שוראַן און צוגעגעבן, אַז ער איז דער אמתער פאָטער פון קיסאַן. יאַנקל איז נישט געווען ביים פולן געזונט און ווייניק געאַרבעט. ער איז אויך שוין געווען אַן אלמן. זיין פרוי חנה האָט נישט געקענט איבערטראָגן דאָס גרויסע אומגליק, ווען זיי האָבן פאַרלוירן זייער איין-און-איינציקע טאָכטער אַזוי יונג. זי איז קראַנק געוואָרן אויף אַ ראַק און ביי דער עלטער פון 60 יאָר אַוועקגעשטאָרבן. יאַנקל האָט שטאַרק געליטן פון דער צווייטער גרויסער אבידה, וואָס ס'האָט פּאַסירט אין זיין לעבן. ער האָט געוווינט אַליין און בלויז נאָענטע משפחה מיטגלידער האָבן אים באַזוכט. ער האָט זיך זייער דערפרייט מיט דער ידיעה פון קיסאָס גיור און געבעטן שמעונען צו ברענגען קיסאַן צו אים. ער האָט פאַר זיין אייניקל אַ שיינע מתנה -- אַ משפחה זאַך -- און ער וויל זי זאָל געדענקען אירע זיידע-באָבע.

ווען קיסאַ איז מיט איר פאָטער געקומען צו דער ספּעציעלער שבתדיקער שמחה ביי איר זיידן יאַנקעש בערמאַן, האָט מען זי אויפגענומען מיט אַזוי פיל פרייד, אַז זי איז גע-בליבן שטיין און נישט פאַרשטאַנען ווו זי געפינט זיך. שמעונס שוועסטער האָבן זי אַרומגעכאַפּט און לאַנג געקושט, זי באַ-גריסט צום באַקומען דעם גיור און אויך מיטן ענדיקן דעם אוניווערסיטעט. זי איז ביי זיי פריער אינגאַנצן געווען צו גאַסט מיטן פאָטער בלויז צוויי מאָל. נאָר דאַן האָט מען זי קאָלט אויפגענומען. יאַנקעש איז צו איר צוגעגאַנגען, זי געקושט און איר געגעבן אַ גאָלדענעם בראַנזלעט. באַשע, די באָבע, האָט זי אויך האַרציק אַרומגענומען, זי געקושט און איר אָנגעטאָן אַ גאָלדן קייטל אויפן האַלדז. שמעונס שוועס-טער האָבן איר אויך געשענקט שיינע מתנות. ביי דער שיינער אויפנאַמע, וואָס זי האָט דאַן געקראָגן האָט קיסאַ איינגעזען, אַז זי האָט אַ האַרציקע משפחה, אויף וועלכער זי קען זיך אָנשפּאַרן אין לעבן. זי האָט ביים טיש זיך באַמיט צו רעדן אַ ביסל יידיש און העברעיש, וואָס האָט געמאַכט אויף אַלעמען אַ גרויסן רושם.

ביידע שוועסטערס זיינען געווען שניידערקעס, ספּעציאַ-

ליסטקעס, ווי זייער פּאָטער פון העכסטן קלאַס. זייערע מענער זיינען אויך געווען שניידערס פון מענער קליידונג. זייער עקאָ-נאָמישע לאַגע איז נישט געווען צו רייך, אָבער זיי האָבן געלעבט אַן איינפאַך שיין לעבן, נישט ווייט פון זייער פּאָטער. זיי האָבן זיך געהאַלטן זייער ליבלעך און פריינדלעך מיט די עלטערן. די פּריוואַטע אַרבעטן פון שניידעריי איז געווען אויף דער גוטער רעקלאַמע, וואָס יאַנקעש האָט געהאַט אין שטאָט. יאַנקעש אַליין איז שוין געווען צוריקגעצויגן פון דער אַרבעט, בלויז אַ ביסל צוגעאַרבעט, אַלץ די קינדער צוגעלערנט.

ביים טיש האָט זיך געעפנט אַ געשפּרעך וועגן פּאַלעס-טינע. מיקען דאָרט קויפן באָדן און דערנאָך פאָרן אַהין און זיך באַזעצן אויף דעם באָדן. יאַנקעש האָט געקויפט 300 דונאַם לאַנד מיט געלט, וואָס ער האָט איבערגעשיקט דורכן קרן קימת לישראל. פאַרשטענדלעך, אַז די זאַך איז געטאָן גע-וואָרן בסוד. האָבן ביידע טעכטער מיט די מענער אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן עולה זיין קיין פּאַלעסטינע. ס׳איז נישט גע-ווען פון די גרינגע זאַכן. דערווייל האָבן אַלע געלערנט פלייסיק עברית.

קיסאַ איז בכלל געווען אַ טיפּזיניקע, נישט קיין נאַ-רישע, געראָטן אינעם פּאָטער. איר האָט מען נישט גערופן „קאָכיק", ווי איר פּאָטער, אָבער פונקט ווי ער איז זי געווען נייגעריק, אַלץ האָט זי אינטערעסירט, אַלץ האָט זי געוואָלט וויסן און אומעטום האָט זי זיך אַריינגעמישט. זי פלעגט אויפ-כאַפּן יעדעס וואָרט, יעדע אידעע. ווען זי האָט געהערט דעם געשפּרעך ביים טיש, ספּעציעל בנוגע פּאַלעסטינע, איז עס איר גוט אַריין אין קאָפּ און זי האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם, וואָס זי האָט דאָ געהערט. אויך שמעון האָט זיך מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט צוגעהערט צום געשפּרעך ביים טיש און אָנגעהויבן טראַכטן.

ווען ביידע זיינען אַהיימגעקומען האָט קיסאַ זיך גע-וואָנדן צום פּאָטער מיט דער פראַגע: וואָס ער טראַכט וועגן דעם? זי האָט אָנגעהויבן פרעגן וועגן פּאַלעסטינע--ארץ-ישראל, וועגן אַרבעטן דאָרט ביי ערד-אַרבעט?. . . זיי האָבן געשמועסט ביז אין די שפּעטע שעהן, ביז שמעון האָט איר געזאָגט, אַז ס׳איז שוין שפּעט און מען דאַרף גיין שלאָפן. זי האָט אים גע-בעטן, אַז ער זאָל פאַר איר קריגן אַזאַ צייטונג, ווו מען שרייבט וועגן פּאַלעסטינע. זי האָט זיך אויך דערמאָנט, אַז איר

חברטע איטאַס פּאָטער, יוסף שיינפעלד, אַרבעט אין מרכז הציונית, און פון זיי קען זי זיך אַ סך דערוויסן.

* * *

פּאַר קיסאַן איז געווען שווער איינצושלאָפן; די גע־דאַנקען זיינען געלאָפן אַ גאַנצע נאַכט. ביי איר האָט זיך איצט געשאַפן אַ נייע לאַגע. זי האָט געענדיקט דעם אוניווער־סיטעט מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל, כאָטש עס איז איר אָנגעקומען גאַנץ שווער. די פּראָפעסאָרן האָבן אַנדערש נישט גע־קענט, ווייל זי איז געווען אויפן ערשטן אָרט. ס'איז געווען אַ באַפעל פון די העכערע אינסטאַנצן, אַז די בעסטע שילערין אין געשיכטע מוז קריגן אַ גאָלדענעם מעדאַל. האָט קיסאַ אים באַקומען. זי האָט איצט געהאַט די פּריווילעגיע צו ווערן אַ לערערין פון היסטאָריע. אין די ראַמען פון דערציִונג אין די בעסאַראַבער שולעס האָט די מלוכה געהאַט אַ רעכט צו שיקן אַזאַ לערערין ווו זיי האָבן געוואָלט, כדי זי זאָל אָפּדינען עט־לעכע יאָר אין אַ פּלאַץ, ווו ס'זיינען נישט פאַראַן גענוג גוטע לערערס. דאָס איז געווען ווי אַ צוריקצאָלונג פון סטודענט צו דער מלוכה, פאַר געבן איר די געלעגנהייט צו שטודירן אין אוניווערסיטעט.

האָט מען קיסאַן אַרויסגערופן און איר פאָרגעלייגט צו פאָרן ווי אַ לערערין אין אַ ווייט פאַרוואָרפן אָפּגעשטאַנענע דאָרף פון סאָמע מאָלדאַוואַנעס. דאָרט האָבן געוווינט אפשר איינע אָדער צוויי יידישע משפחות. מען האָט קיסאַן געגעבן אַ חודש צייט צו ענטפערן אויף דעם פאָרשלאַג -- אָדער געבן איר הסכמה, אָדער אויפווייזן פאַרוואָס זי זאָל דאָרט נישט פאָרן. ווען שמעון קומט אַהיים, גיט ער קיסאַן אַ קוש און באַמערקט, אַז זי איז עפּעס נישט ווי אַלעמאָל, נישט קיין שמייכל ווי שטענדיק, אפילו אַרויסגעלאָזט אַ טיפן זיפץ. שמעון טראַכט, אַז ס'איז נישט קיין פּשוטע זאַך. ער פרעגט איר וואָס איז די סיבה?

קודם כָּל האָט זי אים געוויזן דעם דיפּלאָם. ער האָט איר אַ קוש געטאָן און געזאָגט: „דאַנקען גאָט". דערנאָך דער־ציילט זי אים וואַהין מען וויל זי פאַרשיקן ווי אַ לערערין. שמעון האָט זי גוט אויסגעהערט. אים הייבן אָן פליען אין גע־דאַנק נעמען פון באַקאַנטע, וואָס אפשר דורך זיי וועט ער

אפשר קענען פאַרבעסערן די לאַגע. אפשר דורך זיין פאָטער, וועלכער קען אַזוי פיל קליענטקעס, פרויען פון הויכגעשטעלטע מענער, וועלכע קענען אינטערוועניִרן ביי זייערע פריינד.

ער שטייט אויף און זאָגט צו קיסאַן, זי זאָל נישט זאָרגן. אַלץ וועט זיין בסדר. דערביי פרעגט ער זי וואָס זי וויל? „איך וויל" -- זאָגט זי -- „אין אַ שולע דאָ אין שטאָט און אויב ס'איז נישט מעגלעך, האָב איך אַ רעכט צו אַ פרייען דיפּלאָם". שמעון איז אַוועק צו זיין פאָטער יאַנקעשן. יענע האָבן זיך דערשראָקן, וואָס עפּעס אַזוי שפּעט אין דער נאַכט? ער זעצט זיך אַוועק לעבן זיינע עלטערן און דערציילט זיי אַלץ וועגן קיסאַס פּראָבלעם. יאַנקעש האָט זיך דערמאָנט, אַז ער קען אַ דירעקטאָרס פרוי, וועמען ער האָט לעצטנס גענייט אַ פּאַלטן און ס'איז איר זייער געפעלן געוואָרן. מאָרגן וועט ער פאָרן צו איר, זי וועט אפשר קענען פועלן ביי איר מאַן, ער זאָל אַנולירן דעם פאַרשלאַג.

צומאָרגנס איז יאַנקעש געפאָרן צו דער באַקאַנטער פרוי. ביי דער טיר האָט ער געבעטן, אַז ער וויל זען די בעל-הביתטע. זי איז צוגעקומען און אים אַריין געבעטן, און אים געפרעגט די סיבה פון זיין באַזוך. איר מאַן, דער דירעקטאָר, איז אויך געווען אין דער היים. ווען ער האָט געהערט אַ באַ-קאַנטע שטימע, איז ער אויך אַריינגעקומען אין צימער און זיך באַגריסט מיט יאַנקעשן. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי זיין פרוי איז געווען צופרידן מיטן פּאַלטן, וואָס יאַנקעש האָט פאַר איר אויפגענייט. ווען דער דירעקטאָר האָט געהערט, וואָס יאַנקעש בעט, האָט ער אים געזאָגט, אַז ער איז באַקאַנט מיט דעם ענין. ער קען אויך קיסאַן פּערזענלעך, ווייל ער איז געווען אָנ-וועזנד, ווען זי האָט אָפּגעגעבן דעם עקזאַמען. דערביי האָט ער קיסאַן שטאַרק געלויבט פאַר די ענטפערס, וואָס זי האָט געגעבן אויף די האַרבע פראַגעס, וואָס זיינען איר געשטעלט געוואָרן. ער האָט דעמאָלט נישט געוווּסט, אַז קיסאַ איז יאַנ-קעשעס אייניקל. דער דירעקטאָר האָט געזאָגט, אַז אין אַזאַ פאַל איז קיסאַ באַרעכטיקט צו מאַכן איר אייגענעם אויס-וואַל. ער האָט געהייסן, אַז קיסאַ זאָל קומען צו אים און ער וועט זיך באַמיען אַלץ אויסצוגלייכן.

שמעון מיט קיסאַן זיינען געקומען צו יאַנקעשן הערן, וואָס עס האָט פּאַסירט. ווען יאַנקעש האָט זיי דערציילט וועגן זיין געשפּרעך מיטן דירעקטאָר, האָט קיסאַ אַרומגעכאַפּט איר

זיידע-באָבע, זיי געקושט און האַרציק אָפּגעדאַנקט. קיסאַ האָט באַשלאָסן צו פאָדערן אַ פּרייען דיפּלאָם. דאָס האָט געמיינט, אַז זי וועט ווייטער דאַרפן שטודירן עטלעכע יאָר, ביז זי וועט באַקומען אַ דאָקטאָראַט.

* * *

קיסאַ בערמאַן, נאָכן באַקומען דעם דיפּלאָם, האָט קיין אַרבעט נישט געקענט קריגן. מען האָט איר רעקאָמענדירט פּריוואַטע לעקציעס ביי צוויי יידן, געקומענע פון יאַסי, צו לערנען מיט זייערע צוויי ייִנגלעך די רומענישע שפּראַך. זי האָט די אַרבעט אָנגענומען, געלערנט מיט די ייִנגלעך און זייערע עלטערן זיינען געווען צופרידן און איר גוט באַצאָלט. אָבער קיסאַ האָט נישט דאָס געמיינט. זי האָט זיך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט דער לאַגע פונעם יידישן פאָלק. זי האָט נאָכגעפאָלגט אַלע געשעענישן. זי האָט געלייענט די רומענישע צייטונגען און, מיט דער צייט, אויך די איינציקע יידישע טאָג-צייטונג „אונדזער צייט", באַזונדערס האָבן זי אינטערעסירט די נייעסן פון ארץ-ישראל.

איינמאָל איז קיסאַ געקומען צו איר חברטע איטאַ שיינפעלד, וועמען זי האָט שוין לאַנג נישט געזען. זיי האָבן צו-זאַמען געלערנט און צוזאַמען געענדיקט. נאָר איטאַ האָט קיסאַן נישט געזען זייער אָפט. די סיבה איז געווען: קנאה -- קיסאַ האָט באַקומען דעם גאָלדענעם מעדאַל. פריער האָבן זיי זיך געהאַלטן ווי צוויי שוועסטער, נאָר עפּעס אַן אינערלעכער כוח האָט איטאַן נישט דערלאָזט אַזוי ווייטער זיך צו חברן. קיסאַ האָט דאָס באַמערקט, אָבער עס נישט געקענט פאַרשטיין. זי פּילט צו איטאַן דאָס זעלבע ווי פריער. זי האָט געטראַכט, אַז אפשר האָט זי געזאָגט עפּעס אַ וואָרט, וואָס האָט נישט געפּאַסט. האָט זי באַשלאָסן צו גיין צו איטאַן און רעדן מיט איר. זי האָט זייער געדאַרפט איטאַן און נאָך מער איר פאָטער, וועלכער איז איינער פון די פּירערס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. ער האָט קיסאַן געקענט, ווייל זי פלעגט פריער אָפט אַריינקומען צו איטאַן. ער איז אפילו געווען צופרידן פון זייער פריינדשאַפט; איטאַס מוטער אויך דאָס זעלבע. . .

ווען קיסאַ איז אַריינגעקומען צו איטאַן, האָט זיך יענע שטאַרק דערפרייט מיט איר חברטע. זי האָט קיסאַן אַריינגענומען אין אַ צווייט צימער און ביידע חברטעס האָבן זיך צערעדט און דערציילט, וואָס עס האָט פּאַסירט דורך דער צייט, וואָס זיי האָבן זיך נישט געזען. איטאַ האָט באַדויערט, וואָס עס האָט אַזוי לאַנג גענומען פאַר זיי זיך ווידער צו טרעפן. זי האָט איר אויך געזאָגט, אַז אירע עלטערן אפילו האָבן זיך נאָכגעפרעגט אויף קיסאַן. קיסאַ איז געווען צופרידן פון דער שיינער אויפנאַמע, וואָס זי האָט געקראָגן. דעם אמת געזאָגט האָט זי געוואָלט דורך איטאַן געוויר ווערן פון איר פאָטער, הער שיינפעלד, קאָנקרעטע ענטפערס בנוגע ארץ-ישראל. מען האָט סערווירט טיי מיט געבעקס און ביידע חברטעס זיינען געזעסן ביז שפּעט און געשמועסט.

אין לויף פון געשפּרעך האָבן זיי באַרירט אַ גאַנצע ריי פּראַגעס -- פּערזענלעכע און נאַציאָנאַלע; גערעדט וועגן יידישע פּראָבלעמען, וועגן אַנטיסעמיטיזם און וועגן ארץ-ישראל. איטאַ איז געווען דערשטוינט צו הערן קיסאַן רעדן וועגן די אַלע זאַכן מיט אַזויפיל באַוווסטזיין. זי האָט אויך איינגעזען, אַז קיסאַ איז זייער ציוניסטיש געשטימט. צום סוף האָט איטאַ אַ פרעג געטאָן קיסאַן, צי זי וואָלט געוואָלט פאָרן קיין ארץ-ישראל? „יאָ!" -- האָט קיסאַ אויסגעשריגן מיט אַזאַ ענטוזיאַזם, אַז יוסף שיינפעלד מיט זיין פרוי רייזל האָבן עס דערהערט אין צווייטן צימער. ביידע זיינען געווען צופרידן פון קיסאַס ענטוזיאַזם, ווייל זיי זיינען ביידע געווען הייסע ציוניסטן. זיי האָבן אַריינגערופן ביידע חברטעס, כדי זיי זאָלן אַלע קענען רעדן צוזאַמען.

אויף דעם האָט קיסאַ טאַקע געוואַרט. דאָס איז געווען די געלעגנהייט אויף וועלכער זי האָט געהאָפט. ענדלעך וועט זי קענען קריגן ענטפערס אויף אַ סך פּראַגעס, וואָס עקבערן אין איר מוח.

קיסאַ האָט שיינפעלדן אַלץ אויסגעפרעגט און ער האָט איר געגעבן אַלץ צו פאַרשטיין. ער האָט אפילו צוגעזאָגט צו העלפן מיט וואָס ער וועט נאָר קענען. ער האָט דערביי געגעבן אָנצוגעהערן, אַז ער וואָלט נישט געווען קעגן אויב זיין איטאַ זאָל אויך טאָן דאָס, וואָס עס טוען אַנדערע בעסאַראַבער יידישע מיידלעך: פאָרן אויף הכשרה און זיך צוגרייטן צו עליה קיין ארץ-ישראל. „דיין פאָטער ווייסט וועגן דעם?" -- פרעגט זי

שיינפעלד. „ניין, דערווייל נישט" -- זאָגט קיסאַ. „דאָס איז ביי מיר געבוירן געוואָרן לעצטנס און איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטרעבונג. איך וועל פֿאַר אים שטעלן די פּראָפּאָזיציע און איך האָף, אַז ער וועט דערצו מסכּים זיין". יוסף שיינפעלד האָט זיך דערמאָנט, אַז איר זיידע יאַנקעש בערמאַן מיט זיינע טעכטער זיינען פֿאַרשריבן, אַז זיי האָבן געקויפֿט באָדן אין ארץ-ישראל. קיסאַ איז געווען זייער צופֿרידן, וואָס זי איז היינט דאָ אַהער געקומען. איצט וועט די פֿאַנטאַזיע אָנהייבן צו ווערן אַ רעאַליטעט. דערווייל האָט זי געבעטן, אַז עס זאָל נאָך קיינער נישט וויסן פֿון דעם.

שמעון איז אַהיים געקומען דעם טאָג אַ ביסל שפּעטער פֿון דער אַרבעט. ער קומט אַריין אַ מידער און קיסאַ איז נישטאָ אין שטוב. כאָטש ער איז געווען גוט הונגעריק, האָט ער אָבער ליב געהאַט צו זיצן מיט קיסאַן ביים טיש און עסן צוזאַמען. זי אויך פֿלעגט נישט עסן אָן אים, ווי שפּעט עס זאָל נישט זיין. האָט ער באַשלאָסן צו וואַרטן אויף איר. ער לייגט זיך צו אויפֿן דיוואַן און כאַפּט אַ פּיין דרימל. ער כאַפּט זיך אויף, גיט אַ קוק אויפֿן זייגער -- ס'איז שוין גענוג שפּעט. ווו קען זי זיין?. . . ער באַשליסט צו וואַרטן נאָך אַ האַלבע שעה. אויב נישט וועט ער אַריינגיין צו איר חברטע, אפֿשר ווייסט זי ווו קיסאַ איז? ער איז מיד, כאָטש ער האָט געכאַפּט אַ דרימל, און איז הונגעריק. פֿון מיטאָג-צייט אין מויל גאָרנישט געהאַט. ער גייט צו דער קיך, כאַפּט עפּעס איבער און גייט אַוועק צו איטאַ שיינפעלד. קיסאַ איז שוין געשטאַנען ביי דער טיר גרייט אַהיים צו גיין. עס עפֿנט זיך די טיר און שמעון קומט אַריין. ער איז מיט די שכנים נישט געווען גאָר נאָענט, בלויז „אַ גוט מאָרגן, אַ גוט יאָר". דער עיקר איז קיסאַ געווען די אָפּטע באַזוכערין ביי זיי. נישט גע-קוקט דערויף האָט מען אים אַריינגערופֿן און געבעטן צו זעצן זיך ביים טיש. ער האָט געדאַנקט, אַז עס איז שוין זייער שפּעט. אפֿשר אַ צווייט מאָל.

קיסאַ מיט שמעונען זיינען אַהיים געגאַנגען און אָפּגע-געסן דעם מאָלצייט. שמעון פֿרעגט קיסאַן, וואָס עס האָט פּאַ-סירט? פֿאַרוואָס אַזוי שפּעט? „דו ביסט דאָך שוין אַ לאַנגע צייט נישט געווען ביי זיי. דו ווייסט, אַז ער איז אַ גרויסער פֿירער אין מרכּז הציוני. ער פֿאַרנעמט דאָרט אַ וויכטיקן אַמט". „יאָ", זאָגט קיסאַ. זי פֿירט אַרויף דעם געשפּרעך אויף

דער טעמע וועגן דער לאַגע פון די יידן אין קישענעוו; וועגן דער צוקונפט פון די יידן אין די מזרח-אייראָפּעיִשע לענדער נאָך די פּאָגראָמען; וועגן דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס אַנטוויקלט זיך שטאַרקער מיט יעדן טאָג. שמעון האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס עפּעס פּלוצעם פירט זי מיט אים אַזאַ געשפּרעך, און אין אַזעלכע שפּעטע שָעהן. ער באַמערקט די צייטונג „אונדזער צייט", ווי אויך מאַטעריאַלן אין עברית, וואָס שיינפעלד האָט איר געגעבן, זי זאָל זיך מיט זיי באַקענען. „וואָס איז דער מאַטעריאַל און די צייטונג?" פרעגט ער ביי קיסאַן. „טאַטע, ס'איז איצט שפּעט. ווערסט מאָרגן קומען פריער, וועלן מיר וועגן אַלעם אַרומרעדן".

שמעון טוישט זיין אַרבעט

ווי שוין פריער דערמאָנט, האָט שמעון געאַרבעט ווי דער הויפט בוכהאַלטער אין אַ גרויסן שפּיטאָל אין שטאָט. ער האָט געהאַט הינטער זיך אַנדערע אָנגעשטעלטע, אָבער ער האָט געטראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַלע הוצאות און הכנסות. ער האָט שוין דאָרט געאַרבעט פיל יאָרן און אַלע האָבן אים געליבט און געערט, ספּעציעל דער דירעקטאָר פון שפּיטאָל. האָט מען געדאַרפט עפּעס וויסן, גענויע איינצלהייטן אין אַ געוויסן ענין, איז מען געגאַנגען צו שמעון בערמאַן. ער האָט אַלץ אויפגעקלערט אין מינוטן. אין יענע צייטן איז דאָס געווען אַ גרויסער כבוד פאַר אַ ייד צו האָבן אַזאַ אַמט, און צו ווערן באַהאַנדלט אַזוי פיין.

פאַר שמעונען איז אָבער די אַרבעט אין שפּיטאָל גע-וואָרן אומדערטרעגלעך. די ווונד אין זיין האַרץ פון זינאַס טויט איז נאָך נישט פאַרהיילט געווען. און טאָמער האָט ער פון צייט צו צייט דאָרט געזען שוראַן, האָט עס אים נאָך פיל שטאַרקער וויי געטאָן. ער וואָלט גערן געוואָלט טוישן זיין אַר-בעטס-פּלאַץ, אָבער ווי אַזוי מאַכט מען דאָס? ער האָט נישט געהאַט די העזה צו רעדן מיטן דירעקטאָר וועגן דעם. וואָס פאַר אַ תירוץ קען ער אים געבן פאַר אויפגעבן די אַרבעט? נישטאָ קיין מענטש, וואָס זאָל אים קענען אַן עצה געבן אין דער זאַך. פאַר קיסאַן האָט ער גאָרנישט געזאָגט. ער האָט נישט געוואָלט זי זאָל זען ווי אומצופרידן ער איז. ער פלעגט טיילמאָל אַהיים קומען אין אַ זייער שלעכטער שטימונג. און ווען קיסאַ האָט געפרעגט פאַרוואָס? האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געשוויגן. ער האָט באַשלאָסן צו זוכן אַן אַנדערע באַשעפטיקונג און דערנאָך וועט ער צוטראַכטן אַ

מאָטיוו פאַר אויפגעבן די אַרבעט אין שפּיטאָל.

שמעון איז אויפגעשטאַנען פרי, אָבער ער איז נישט גע-גאַנגען צו דער אַרבעט אין שפּיטאָל אַריין. ער האָט דעם טאָג געדאַרפט זיין אין אַ באַנק צו דערליידיקן זאַכן, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט זיין אַרבעט. ער האָט דעם פריערדיקן טאָג געוואָרנט זיין מיטהעלפערין סאָפיע, אַז ער וועט קומען שפּעט. געקומען אין דער באַנק אַריין האָט ער אָפּגעטאָן אַלץ, וואָס עס איז געווען נויטיק און זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר אַרויסצוגיין. קומט אים פּלוצעם אַנטקעגן אַ באַקאַנטע פּערזאָן, וועמען ער האָט שוין נישט געזען פאַר אַ לאַנגער צייט. דאָס איז געווען משה שניידערמאַן, אַ גוטער פריינד פון די פריערדיקע יאָרן. זיי האָבן זיך ביידע שטאַרק דערפרייט פון דער באַגעגעניש.

מען האָט, ווי דער שטייגער איז, אויסגעפרעגט איינער דעם צווייטן, ווי עס גייט דאָס לעבן? און וואָס סיהאָט פּאַ-סירט ביי זיי אין צווישנצייט. משה שניידערמאַן איז געווען פאַררעכנט ווי איינער פון די בעסטע בוכהאַלטערס אין יענער צייט, און האָט טאַקע געאַרבעט פאַר גוטן שכר אין וויכטיקע ערטער. איצט אַרבעט ער ווי אַ הויפּט-בוכהאַלטער אין פאַר-באַנד פון יידישע קאָאָפּעראַטיוון אין בעסאַראַביע. ער האָט דערפאַר באַקומען אַ גרויסן געהאַלט, ווייל זיין אַרבעט האָט אַריין גענומען דאָס פאָרן אין בענק פון קלענערע שטעטלעך אויסצוגלייכן חשבונות.

אין תוך פון געשפּרעך אַנטפּלעקט משה אַ נייעס פאַר שמעונען: ער פאָרט אויף עליה קיין ארץ-ישראל. שמעון איז באַגייסטערט געוואָרן פון דער ידיעה און ווינטשט אים הצלחה. ווייטער דערקלערט משה, אַז שוין עטלעכע חדשים ווי ער זוכט אַ מענטשן, וואָס זאָל קענען איבערנעמען זיין אַמט. אפשר ווייסט שמעון פון אַזעלכן? „יאָ" -- זאָגט שמעון -- „איך ווייס פון אַזעלכן. אָט שטייט ער דאָ אַנטקעגן דיר". און ער דער-ציילט משהן, ווי ער טראַכט שוין אַ לענגערע צייט וועגן טוישן זיין פּאָסטן. ביידע פריינד האָבן זיך אַרומגענומען און איינער דעם צווייטן האָט געווונטשן מזל-טוב. דאָס איז געווען דעם דריטן טאָג אין חודש און ביים סוף פון חודש מוז דאָס דער-ליידיקט ווערן. אויך האָט שמעון דערהערט, אַז דער געהאַלט איז מיט 25 פּראָצענט העכער ווי זיינער. דאָס וועט אים געבן אַ גוטן מאָטיוו פאַרן דירעקטאָר, ווייל יענער קען נישט

העכערן שמעונס געהאַלט.

משה האָט געוואָלט צומאָרגנס קומען צו שמעונען צו דער אַרבעט און מיט אים אַריינגיין צום דירעקטאָר. אָבער שמעון האָט געזאָגט, אַז ס׳איז נישט נויטיק. ער וועט נאָך דאָס אַלץ היינט דערליידיקן. זאָל משה אַלץ דערליידיקן פון זיין זייט.

שמעון זיצט אין אויטאָבוס און טראַכט, אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט. ווי לאַנג שוין ווי ער זוכט אַוועק צו גיין פון זיין אַרבעט און איבערגיין ערגעץ אַנדערש. האָט דאָס מזל אים צוגעשפּילט און ער האָט פּונקט היינט געטראָפן זיין פריינד. און דערצו נאָך דער מאָטיוו פון 25 פּראָצענט העכערונג אין געהאַלט. סאָפּיע, זיין מיטהעלפערין האָט זיך שוין גוט צוגעגרייט נאָך אַזאַ לאַנגער צייט ווי זי אַרבעט מיט אים. סאָפּיע וועט זיין צופרידן אַרויפצוטרעטן אויף אַ טרעפּ העכער און טאַקע מער פאַרדינען. זי איז דאָך אַ יונגע, וועט זי זיך בויען אַ צוקונפט. און וואָס וועט קיסאַ זאָגן צו דעם? ער קען זיך שוין נישט דערוואַרטן איר איבערצוגעבן די נייעס.

ער גייט אַראָפּ פון אויטאָבוס און גייט אַריין אין זיין קאַבינעט. דורכגייענדיק דאָס אַרבעט-צימער, וווּ סאָפּיע איז געזעסן, גיט ער אַ מאַך צו איר מיט דער האַנט, זי זאָל אַריינקומען צו אים. ער דאַרף איר עפּעס זאָגן. סאָפּיע זעט ווי ער איז עפּעס איבערגעראַשט, צעטראָגן, זי קען דאָס נישט פאַרשטיין. ס׳איז קיינמאָל פריער נישט געשען. שטענדיק קומט ער אַריין מיט אַ פריילעכן גוט-מאָרגן. ס׳האָט אַ ביסל געדויערט און סאָפּיע טראַכט: וואָס איז ער אַזוי צעטראָגן? און וואָס בין איך אים אַזוי עקסטראַ נויטיק?

ער הייסט איר זיצן. ער הייבט זי אָן צוצוגרייטן דיפּלאָמאַטיש: „דו ביסט אַ יונג מיידל, אויף דיר וואַרט אַ צוקונפט. דו אַרבעטסט שוין דאָ פיר יאָר. איז די זאַך אַזוי — איך דאַרף אַוועקגיין פון מיין אַרבעט. און איך וועל רעקאָמענדירן צום דירעקטאָר, אַז דו זאָלסט איבערנעמען מיין אַמט. וויל איך דו זאָלסט עס שנעל איבערקלערן און מיר געבן אַן ענטפער. כ׳האָף, אַז דו וועסט מסכים זיין". סאָפּיע שווייגט אַ ווייל. „נו, גוט, יאָ", האָט סאָפּיע געענטפערט. זי איז צוריק אַריין אין אַלגעמיינעם אַרבעטס-צימער. די אַנדערע אַרבעטער האָבן שוין געוואָלט וויסן, געקוקט אויף איר מיט נייגעריקע אויגן. זי האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַז

זי וועט שפּעטער זײַ אַלץ דערציילן.

ווען שמעון איז שוין געווען פּאַרטיק מיט סאָפּיען, האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט, אַ קלאַפּ געטאָן אין דער טיר פֿון דירעקטאָר און געפֿרעגט צי מען קען אַרײַנגיין. דער דירעקטאָר זאָגט יאָ. שמעון גייט אַרײַן, דער בעל-הבית הייסט אים זיך זעצן און פֿרעגט מיט וואָס ער קען אים העלפֿן?

שמעון גיט אים איבער, אַז ער וויל פֿאַרלאָזן זײַן אַמט. ער קען קריגן אַן אַרבעט מיט אַ גרעסערן געהאַלט, וואָס ער דאַרף האָבן, ווײַל ער האָט אַ מיידל חתונה צו מאַכן. אויך איז די אַרבעט נאָענט צו זײַן וווין-אָרט, ער קען צוגיין צופֿוס. דער בעל-הבית האָט אים געפּרוּווט צורעדן ער זאָל נישט אַוועקגיין, נאָר ער האָט נישט געהאַט וואָס אים צוצוזאָגן. „איך וואָלט זייער געוואָלט, אַז דו זאָלסט בײַ אונדז ווייטער בלײַבן אַרבעטן. נאָר אַז דו האָסט באַשטימט אַנדערש, קען איך דיך נישט פֿאַרהאַלטן. וואָס זאָגט סאָפּיע? איז זי מסכּים דערויף? רוף זי אַרײַן". שמעון רופֿט אַרײַן סאָפּיען צום בעל-הבית.

סאָפּיע איז שוין געווען צוגעגרייט צו געבן דעם ריכטיקן ענטפֿער -- יאָ! זי האָט צוגעזאָגט, אַז אַלץ וועט זײַן אין דער בעסטער אָרדענונג. במשך די אַלע יאָרן האָט זי אַ סך געלערנט פֿון שמעונען און זי דאַנקט אים פֿונעם טיפֿן האַרצן. דעם בעל-הבית איז זייער געפֿעלן, ווי סאָפּיע האָט שמעונען געדאַנקט, און אַז זי נעמט אויף זיך די פֿולע אחריות פֿון דער בוכהאַלטעריע אַרבעט.

שמעון האָט געבעטן דערלויבעניש בײַם בעל-הבית צו נוצן דעם טעלעפֿאָן און קלינגען זײַן חבר משה. ער האָט אים אַלץ דערציילט, און משה האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט שוין צוגעגרייט זײַן בעל-הבית אויף מאָרגן דרײַ אַזייגער נאָכמיטאָג. שמעון האָט געדאַנקט דעם דירעקטאָר פֿאַר דער גוטער באַציִונג צו אים און האָט צוגעזאָגט, אַז אין דרײַ טעג וועט אַלץ איבערגעגעבן ווערן צו סאָפּיען. שמעון האָט אָנגעהויבן צוזאַמענצולייגן די נויטיקע פּאַפּירן און די נישט-נויטיקע אַרויסגעוואָרפֿן. ער האָט זיך געפֿונען אין אַ צושטאַנד פֿון צו-פֿרידנקייט. סוף-כּל-סוף וועט ער קענען באַרויִקן זײַן געמיט. ער וועט מער נישט דאַרפֿן זען פֿאַר זיך די שיכּורטע, נידערטרעכ-טיקע פּרוי, שוראַן, וועלכע האָט אים פֿאַרפּירט און אים פֿאַר-ביטערט דאָס לעבן. . .

ווען שמעון איז אַהיים געקומען האָט ער געטראָפן קיסאַן זיצן און לייענען אַ בוך. ער איז צוגעגאַנגען צו איר, זי אַרומגענומען און געקושט עטלעכע מאָל. קיסאַ האָט באַלד איינגעזען, אַז איר פּאָטער איז אַנדערש ווי אַלעמאָל, אָבער נישט פאַרשטאַנען די סיבה. זי האָט געפרעגט דעם פּאָטער, צי ער האָט עפּעס פריילעכע נייעס פאַר איר. „יאָ, מיין טייערע!" – האָט ער אויסגעשריגן מיט פרייד. ער האָט זיך לעבן איר אַוועקגעזעצט און דערציילט אַלץ פון אָנהייב אָן. ער האָט אָנגעהויבן מיטן פאַקט, ווי אומצופרידן ער איז געווען ביי דער אַרבעט, אָבער איר דאָס נישט געוואָלט זאָגן, זי זאָל האָבן עגמת-נפש. ער איז דערנאָך איבערגעגאַנגען צו דער באַגעגעניש היינט אינדערפרי מיט זיין פריינד משה שניידערמאַן; וועגן דעם געשפּרעך, וואָס זיי האָבן געהאַט; וועגן זיין דערקלערונג צום דירעקטאָר פון שפּיטאָל; נישט דורכגעלאָזט דאָס איבערגעבן זיין אַמט צו סאָפּיען; און געענדיקט, אַז אין דריי טעג אַרום וועט ער זיין פריי פון אַלטן פּאָסטן. ער האָט אויך געזאָגט, אַז מאָרגן דריי אַזייגער גייט ער זען דעם נייעם בעל-הבית און ער האָפט, אַז אַלץ וועט אַרויסקומען אין אָרדענונג.

קיסאַן איז דאָס אַלץ געפעלן געוואָרן און זי האָט אויסגערופן: „איך שריי שטענדיק, אַז כ'האָב אַ קלוגן פּאָטער". זי האָט געגרייט צום טיש. שמעון עסט שנעל, ביז קיסאַ דערמאָנט אים, אַז ער זאָל עסן פּאַמעלעך. די צופרידנקייט, די האָפענונג, אַז ס'עפנט זיך פאַר אים אַ נייע צוקונפט, האָט אים געמאַכט צעטראָגן, אַז ער האָט אפילו פאַרגעסן, אַז ער עסט ביים טיש. קיסאַ האָט אים פאָרגעלייגט, ער זאָל זיך צולייגן, זיך באַרויִקן. שמעון האָט זי געוואָלט פרעגן, וואָס עס הערט זיך ביי איר? נאָר ער האָט נישט געקענט מער רעדן. ער האָט זיך צוגעלייגט, געליגן מיט אָפענע אויגן און געטראַכט... שפּעט ביינאַכט איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן ווי אַ טויטער. . . אינדערפרי האָט ער זיך אויפגעכאַפּט אַ באַרויִקטער.

ער איז אַוועק אין שפּיטאָל און איבערגעגעבן צו סאָפּיע אַלץ, וואָס זי האָט געדאַרפט וויסן. זי האָט אַלץ שנעל אויפגעכאַפּט. ער האָט צוגעזאָגט צו קומען נאָך עטלעכע מאָל, טאָמער וועט זי אים דאַרפן האָבן. ער האָט זיך וואַרעם געזעגנט מיטן דירעקטאָר, מיט אַלע אַרבעטער און באַקאַנטע פון שפּיטאָל. זיי האָבן אים אַלע געוווּנטשן הצלחה אין זיין נייעם פּלאַץ. ער האָט איינגעפּאַקט זיינע פּערזענלעכע זאַכן, ספּעציעל

זינאַס אַ בילד, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט, און פֿאַר-מאַכט די טיר הינטער זיך.

נאָך מיטאָג איז ער געגאַנגען באַגעגענען זײַן נײַעם בעל-הבית. זײַן פֿרײַנד משה שנײַדערמאַן האָט אים שטאַרק רעקאָמענדירט, ווי אײנער פֿון די בעסטע בוכהאַלטערס. דער נײַער בעל-הבית האָט אים זײער פֿרײַנדלעך אויפֿגענומען, אים איבערגעגעבן דעם פּאָסטן און געהײסן קומען אין אָנהײב פֿון נײַעם חודש, ווײַל משה דאַרף אַרבעטן ביזן סוף פֿון דעם חודש.

ווען עס איז געקומען די צײַט פֿאַר משה שנײַדער-מאַנען צו פֿאַרלאָזן דעם אַמט, האָט ער אַלץ גענוי איבערגע-געבן צו שמעונען און אים געוווּנטשן הצלחה. ער האָט אים אויך באַקענט מיט די אַנדערע אָנגעשטעלטע דאָרטן. בײדע פֿרײַנד האָבן זיך האַרציק געזעגנט און משה האָט צוגעזאָגט צו שרײַבן פֿון ארץ-ישראל. שמעון האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אויפֿן נײַעם פּאָסטן.

שמעון האָט זיך געפֿילט זײער צופֿרידן. עס האָט אים גענומען בלויז צען מינוט צופֿיס צו קומען אַהײם. ער האָט קיסאַן נישט געטראָפֿן אין דער הײם. ווײַזט אויס, אַז זי האָט אים נישט דערוואַרט אַזוי שנעל. ער האָט זיך צוגעלײגט און ווידער אָנגעהויבן צו טראַכטן: וואָס וועט זײַן מיט קיסאַן? זי איז שוין באַלד 20 יאָר. מען וואָלט באַדאַרפֿט איר פֿרעגן, וואָס זײַנען אירע באַגערן און מיט וואָס ער קען איר העלפֿן אײַנצואָרדענען דאָס לעבן?. . .

ער האָט אויך אָנגעהויבן טראַכטן וועגן זיך. דאָס איז נישט קײן לעבן, אָן אַ פֿרוי, אײנזאַם. ער האָט אָפּגעלעבט מיט זינאַן אַ שײן לעבן, האָט גאָט זי פֿון אים צוגענומען. פֿון דעמאָלט אָן איז נישטאָ מיט וועמען זיך צו טײלן מיט פֿרײד און לײד, וועמען אַרומנעמען, אַ קוש געבן, און טאַקע זיך פֿילן ווי אַ מאַנספּאַרשוין. ער וואָלט באַדאַרפֿט מער אַרויס גײן, צו קאָנצערטן, פֿאַרזאַמלונגען, טעאַטער, אפֿשר וועט זיך פֿון דעם עפּעס שאַפֿן. . . ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט געהערט וועגן אַ ייִד, אַ שדכן, שלמה מאמציס. יענער איז אַ מומחה אין די ענינים און קען צוזאַמענברענגען צווײ וועגט. יעדן טאָג שפּאַצירט ער אין שטאָט-גאָרטן, רעדט דאָרט מיט די עלטערע מענטשן -- אַן אַלמן, אַן אַלמנה -- ווייל צופּאַסן צווײ מענטשן צו אײן לעבן. דאָרטן קען מען אים געפֿינען.

אָבער דערווייל וויל שמעון עס האַלטן בסוד. צומערשטן דאַרף ער רעדן מיט קיסאַן וועגן אירע פּלענער. . .

לעצטנס האָט ער באַמערקט, אַז קיסאַ גייט זייער אָפּט צו איר חברטע איטאַ שיינפעלד. מיט איר האָט זי אָנגעהויבן גיין אויף ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען. זי קומט אפילו אַהיים שפּעטער ווי געוויינלעך. אָבער שטענדיק אין אַ גוטן מצב רוח.

שמעון איז נישט געווען קיין אָרטאָדאָקסישער, נאָר אַ ייִד מיט אַ יידיש האַרץ און יידישע פאַרפליכטונגען – שבת גיין אין שול אַריין, נישט אַרבעטן שבת, אָפּהיטן אַלע ימים-טובים מיט אַלע מנהגים און טראַדיציעס. דאָס האָט מען אפילו אויסגעלערנט קיסאַן ביים באַקומען דעם גיור. זי האָט בעסער אַלץ געמאַכט, ווי די אַלטע יידענעס.

ביי דער אַלטער אַרבעט האָט שמעון געהאַט סאַמע קריסטן, מיטן בעל-הבית בראש. אין דער נייער אָרגאַניזאַציע האָבן געאַרבעט בלויז יידן און אוודאי דער בעל-הבית. ער גע-פינט זיך אין אַ יידישער חברישער אַטמאָספער, ווו מ׳רעדט צווישן זיך יידיש און עברית. אין דער געביידע איז אפילו דאָ אַ יידיש-העברעיִשע ביבליאָטעק. שמעון האָט אויפגעלעבט. צו דעם האָט אפילו די נאַטור צוגעשפּילט. ס׳איז געווען אָנהייב פרילינג. די זון האָט זיך אינגאַנצן אויסגעטאָן פונעם ווינטער, איז אַרויס פון איר באַהעלטעניש און געשיקט אירע שטראַלן צו די לעבעדיקע באַשעפענישן. ס׳איז יעדן געוואָרן פריילעך און ליכטיק אויפן האַרצן. מ׳האָט אָנגעהויבן אַראָפּוואַרפן די גראָבע, וואַרעמע מלבושים, זיך מער געוויזן אויף די גאַסן און אין די פּאַרקן. די קינדער האָבן אויפגעלעבט און די סאָלאָ-ווייען האָבן אויסגעזונגען אַ פריילעך פרילינג ליד.

מען האָט אָנגעהויבן זיך גרייטן צום יום-טוב פּסח. מען ראַמט, מען וואַשט די דילן, מען ווישט די פענצטער. יידן קויפן פאַר די קינדער נייע שיכעלעך, קליידעלעך, קאָסטיומלעך. מען קויפט, מען טראָגט און מען פירט מצות. מען באַשטעלט וויין און פליישן. מען גרייט זיך אַריינצוברענגען דעם פּסח יום-טוב כדת וכדין. פּסח איז דער יידישער יום-טוב, וואָס סימבאָליזירט דעם בראשית פון אונדזער פאָלקס-געשיכטע.

שמעון איז אַוועק צו זיינע עלטערן זיי דערציילן וועגן זיינע ענדערונגען אין דער אַרבעט. זיי זיינען אַלע געווען זייער צופרידן און גענומען ביי אים אַ צוזאָג, אַז ער וועט קומען מיט קיסאַן צום סדר. קיסאַ האָט דווקא דאָס מאָל געוואָלט

אַליין מאַכן מיטן פּאָטער דעם סדר ביי זיך אין דער היים. אָבער שמעון האָט ביי איר געפּועלט, אַז זיי זאָלן גיין צום סדר צו זיידע-באָבע. דאָרטן וועלן אויך זיין שמעונסביידע שוועסטער מיט זייערע משפּחות. יעדע שוועסטער האָט איין יינגעלע. קיסאַ האָט טאַקע געוואָלט וויסן, ווי זיי האַלטן מיטן פאָרן קיין ארץ-ישראל. זי איז אַוועק צו זיי העלפן צוגרייטן צום סדר, כדי אַלץ זאָל זיין באַטעמט, און דער עיקר כשר לפּסח, ווי מיהאָט זי אויסגעלערנט. בכלל האָבן די מומעס, שמעונס שוועסטערס, זייער געהאַלטן פון קיסאַן. זי האָט שוין גערעדט אַ גוטן יידיש און העבּרעיִש, אפילו בעסער פון זיי. קיסאַ האָט געהאַלטן בסוד איר פּלאַן פון גיין אויף הכשרה אויף צו באַקומען אַ סערטיפיקאַט. זי וויל ביים סדר מער גע-וויר ווערן פון זיי. שמעונען וועט זי אויפדעקן איר סוד נאָך פּסח.

פסחביים סדר

ביי יאַנקעשן אין שטוב איז צוגעגרייט געוואָרן דער סדר לויט אַלע דינים און מנהגים, הגם יאַנקעש אַליין, ווי אויך באַשע, זיינען נישט געווען צו שטאַרק אָרטאָדאָקסיש. לויט דער טראַדיציע פון דור-דורות, ווי ביי אַלע בעסאַראַבער יידן, איז פסח געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה. מען דאַרף דעם יום-טוב באַגעגענען מיט דער גאַנצער משפּחה און ווי מען פלעגט זאָגן אין דער אַלטער היים -- „מיט אַלע פּיטשעווקעס". מען האָט צוגעגרייט מצות, כריין פאַר מרור, ווין אויף ארבע כּוסות, פליש און געפילטע פיש. די גויִים האָבן געוווּסט, אַז יידן עסן פסח געפילטע פיש און מען דאַרף צוגרייטן פיש פאַר זיי. מען האָט געקענט זען ביי די טייכן גאַנצע שרענגעס מאָל-דאַוואַנער זיצן מיט זייערע מכשירים צו פאַנגען פיש, כּדי צו באַזאָרגן די יידן אויף יום-טוב. חרוסת פלעגט מען קריגן פון די רבנים פאַר אַ פּאָר קאָפּיקעס צדקה.

דער טיש ביי יאַנקעשן איז געווען געגרייט כּיד המלך. מען האָט אויך פאַרבעטן שמעונס שווער, ווייל ער איז נעבעך געווען איינער אַליין. די גאַנצע משפּחה -- עלף מענטשן -- זיינען געווען אויסגעזעצט אַרום דעם טיש. אויפן ווייסן טישטוך איז געווען אויסגעשטעלט דאָס שיינע יום-טובדיקע גע-פעס און דאָס פּסחדיקע זילבערנע עס-געצייג. יאַנקעש איז גע-ווען אָנגעלענט אויף עטלעכע קישנס. אַלע שיין יום-טובדיק אָנגעטאָן. די קליינע קינדער אין נייע מלבושימלעך. די באָבע באַשע האָט געשעפּט נחת פון דער שיינער משפּחה.

בשעת דעם לייענען פון דער הגדה האָט קיסאַ וואָלונ-טירט, אַז זי וויל פרעגן די פיר קשיות. דאָס האָט מען איר דערלויבט. יאַנקעש און דער צווייטער זיידע זיינען געווען זייער צופרידן צו הערן קיסאַן פרעגן די קשיות. קיסאַ האָט אויך

נאָכגעזאָגט די גאַנצע הגדה, דערנאָך געזונגען דעם „אחד מי יודע" און דעם „חד גדיא".

שמעון האָט געקוואָלן פונעם נחת, וואָס קיסאַ האָט אים געגעבן. אַלע זיינען געזעסן צופרידענע, געטרונקען דעם גוטן וויין, כשר לפסח, פון אליעזר וויינשענקער, וועלכער האָט אים ספּעציעל אימפּאָרטירט פון מרחקים. אָפּגעגעסן, אָפּגעטרונקען איז מען געוואָרן פריילעך. מען האָט זיך צוגעווונטשן „לשנה הבאה בירושלים". דאָס איז טאַקע געווען פאַר די צוויי שוועסטער מיט זייערע משפחות.

קיסאַ איז געזעסן, געעפנט מויל און אויערן, אַלץ אויסגעהערט, אפילו געשטעלט עטלעכע פראַגעס. זי האָט זיך אַ ביסל איינגעהאַלטן, אַז שמעון זאָל נישט באַמערקן איר ענטוזיאַזם. אין דער אמתן איז זי זיי מקנא געווען.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַזביידע שוועסטער מיט זייערע משפחות האָבן שוין אַלע נויטיקע דאָקומענטן עולה צו זיין קיין ארץ-ישראל אין צוויי חדשים אַרום. זיי פאָרן דורכן רומענישן פּאָרט קאָנסטאַנצע מיט אַ שיף ביז חיפה. יעדער האָט באַקוקט די פּאַפּירן, וועלכע זיינען געווען געדרוקט אין ענגליש און אין עברית. מער פון אַלעמען האָט קיסאַ געלייענט די דאָקומענטן אפילו צוויי מאָל, פאָרזיכטיק ווי זי וואָלט געהאַלטן אַ טייערע זאַך אין אירע הענט. וואָס קיינער האָט נישט באַמערקט, האָט קיסאַ דערזען אין דער זייט אַ באַמערקונג, אַז זיי פאָרן זיך באַזעצן אויף דער געקויפטער ערד אין פתח תקוה. דאָס איז געווען אָנגעוויזן צוליבן ענגלישן קאָנטראָל, כדי זיי זאָלן נישט האָבן קיין שוועריקייטן. קיסאַן האָט זיך אויסגעוויזן, ווי זי האַלט דאָס טייערסטע אויף דער וועלט. ס'איז געווען איר האָפענונג, אַז אפשר וועט זי דאָס אויך דערגרייכן אין אַ שטיקל צייט אַרום.

קיסאַ איז געווען פול מיט מוט אין אַלע אירע פּלאַנירונגען און פאַנטאַזיעס. אינעם גאַנג פון איר לעבן האָט זי אַ סך אַדורכגעפירט. ס'איז איר דאָס אַלץ געלונגען צוליב איר עקשנות, אויסגעהאַלטנקייט, געדולד, ענערגיע, מוט און פאַרשטאַנד. שמעון האָט זיך פאַראינטערעסירט, ווי אַזוי ס'איז זיי געלונגען אַדורכצופירן דאָס קויפן באָדן?. . . דערנאָך די סערטיפיקאַטן צום אַרויספאָרן? צי האָבן זיי געהאַט אַ מענטשן, וואָס האָט דאָס אַדורכגעפירט? איז עס געווען אַן אַדוואָקאַט אָדער פאַרבינדונגען אין ארץ-ישראל? די אַלע פראַגעס האָט ער

געשטעלט אַ פּאַראינטערעסירטער, פּשוט צו וויסן אַלץ, ווייל מ׳דאַרף אַלץ וויסן. אַזאַ טענדענץ האָט ער געהאַט. ער האָט זיך געפילט גענוג פעיִק אַלץ דורכצופירן, אויב ער זאָל עס דאַרפן.

קיסאַ איז געזעסן און געוואָרפן אינטערעסאַנטע בליקן אויפן פּאָטער און אויף די מומעס. זי האָט זיך באַמיט אַלץ אויסצוהערן און נישט פאַרגעסן. יאַנקעש און באַשע האָבן גע-טענהט, אַז אין זייערע יאָרן קענען זיי נישט אונטערנעמען אַזאַ נסיעה. ארץ-ישראל דאַרף האָבן יונגע מענטשן צו בויען דאָס יידישע לאַנד. זאָלן די קינדער פאָרן און מצליח זיין. זיי האָבן צוויי ייִנגעלעך און אפשר וועלן זיי האָבן נאָך מער. קיסאַ האָט געשטעלט די פראַגע (כאָטש זי האָט געוווּסט), ווי אַזוי קענען אַנדערע פאָרן קיין ארץ-ישראל? . . „וואָס הייסט?" — רופט זיך אָן די מומע, „דורך הכשרה. מען אַרבעט אָפּ 10-12 חדשים און דערנאָך באַקומט מען אַ סערטיפיקאַט אויף עליה".

קיסאַ איז אַהיים געפאָרן פונעם סדר אין אַ זייער גע-הויבענער שטימונג, אַ צופרידענע. זי האָט ביי זיך באַשלאָסן ווייטער צו ציען דעם פאָדעם. זי איז איבערצייגט, אַז איר וועט אַלץ געלונגען. זיי זיינען געקומען אַהיים זייער שפּעט. זי האָט צוגעגעבן, אַז די מומעס טוען זייער גוט מיט זייער עליה. סוף-כּל-סוף איז דאָ פאַר יידן נאָר איין אָרט, וווּ זיי קענען בויען זייער יידיש לאַנד. „יאָ", זאָגט שמעון, „ס׳איז שוין זייער שפּעט. וועגן דעם וועלן מיר מאָרגן שמועסן".

* * *

קיסאַ האָט געהאַט אַ סך פרייע צייט, ווייל זי האָט געהאַט אינגאַנצן צוויי לעקציעס דריי מאָל אין דער וואָך. איטאַ האָט בכלל נישט געאַרבעט. איז קיסאַ אַריין צו איטאַן און איבערדערציילט אַלץ, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען ביים סדר. זי האָט אויסגעליבט ווי אַזוי אַלץ איז געווען צוגעגרייט, און ווי זי האָט אָנטייל גענומען סיי אין צוגרייטן, סיי אינעם אָפּ-ריכטן דעם סדר. איטאַ האָט איר אויך אַלץ איבערגעגעבן און געלויבט זייער סדר, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אויף אַ דערפאָלגרייכן אופן. דערנאָך גייט קיסאַ איבער אויף דער טעמע פון ארץ-ישראל; ווי אירע צוויי מומעס מיט זייערע משפחות פאָרן אָפּ אין צוויי חדשים אַרום. איטאַ האָט דורך

איר פּאָטער געוווּסט, אַז זיי האָבן געקויפט ערד, אָבער נישט געוווּסט, אַז זיי פאָרן שוין טאַקע.

אָנגייענדיק, מיטן געשפּרעך האָט איטאַ געלאָזט וויסן, אַז זי האָט, מיט דער צושטימונג פון אירע עלטערן, באַשלאָסן צו פאָרן אויף הכשרה אויף צען חדשים, אַרבעטן דאָרט ביי פעלד-אַרבעט און דערנאָך וועט זי קריגן אַ סערטיפיקאַט צו פאָרן קיין ארץ-ישראל. קיסאַ איז געבליבן זיצן און נישט געקענט מער רעדן. זי איז געוואָרן אַ ביסל ברוגז און אויפגערעגט. זי האָט פאַרגעוואָרפן איטאַן, אַז זיי האָבן גע-רעדט וועגן פאָרן ביידע צוזאַמען, און איצט. . . איטאַ ווידער האָט באַשולדיקט קיסאַן, ווייל זי האָט געזאָלט קריגן די הסכמה פון איר פאָטער. אָבער, זאָגט ווייטער איטאַ, ווען זי האָט געזען, אַז קיסאַ קומט נישט מיט קיין קאָנקרעטן ענטפער, האָט זי באַשלאָסן אַליין דאָס צו טאָן. איטאַ האָט געקוקט אויף קיסאַן, געזען ווי זי איז בלייך געוואָרן, אָן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים, האָט זיך ביי איר געשאַפן מיטלייד-געפילן. זי איז צוגעגאַנגען צו איר חברטע, אַ גלעט געטאָן און מיט אַ שטילן טאָן זי באַרויִקט. „ס'איז נאָך דאָ צייט, ס'איז גאָרנישט פאַרפאַלן. רעד איבער מיט דיין פאָטער, אָדער ברענג אים דאָ אַריין אין אָוונט און אינאיינעם מיט מיין פאָטער וועלן מיר באַשטימען צו פאָרן צוזאַמען". זיי האָבן זיך ביידע אַרומגעכאַפּט, צעקושט; ביי קיסאַן האָבן זיך אפילו געשטעלט טרערן אין די אויגן. זי איז פּאַמעלעך געקומען צו זיך. . .



קיסאַ פאָרט אויף הכשרה

שמעון איז געקומען פון דער נייער אַרבעט אַ ביסל מיד און פאַרטאָן אין די געדאַנקען. די אַרבעט איז אים אין פרינציפּ געווען זייער גוט באַקאַנט. אָבער יעדע בוכהאַלטעריע האָט פאַרשיידענע צווייגן, פיל נייע דעטאַלן, וועלכע פאָדערן אַן איבערשטודירונג. ער איז אָבער אַ ספּעציאַליסט און ס'גייט זיך אים איין אַלץ אויפצונעמען און אפילו איינפירן נייע מעטאָדן. קיסאַ באַגעגנט דעם פאָטער זייער אַ צופרידענע, מיט אַ שמייכל און אַ קוש ווי שטענדיק. ער דערציילט איר וועגן זיין נייער אַרבעט און דריקט אויס זיין צופרידנקייט. ער באַדויערט נאָר, וואָס ס'האָט זיך אים שוין לאַנג נישט גע-מאַכט אַזאַ געלעגנהייט.

ווען זיי האָבן אָפּגעגעסן האָט שמעון זיך געוואָלט צו-לייגן אַ ביסל, ווי עס איז געווען זיין שטייגער, אויף אַ האַלבער שעה. אָבער קיסאַ האַלט אים צוריק און זאָגט, אַז זי האָט עפּעס זייער וויכטיקס מיט אים צו רעדן.

קיסאַ דערציילט דעם פאָטער וועגן איר באַזוך היינט בייטאָג ביי איר חברטע איטאַ. איר פאָטער האָט אַראַנזשירט פאַר איטאַן צו פאָרן אויף הכשרה. זי פאָרט שוין אָפּ אין גיכן, מיטן ציל צו פאָרן קיין ארץ-ישראל. ווען שמעון וווּנדערט זיך, וואָס דאָס האָט צו טאָן מיט זיי, זעצט קיסאַ פאָר איר געשפּרעך: „איך וויל אויך פאָרן אויף הכשרה און דערנאָך עולה זיין קיין ארץ-ישראל. וויל איך, טאַטע, אַז דו זאָלסט היינט אין אָוונט אַריין גיין מיט מיר צו די שיינפעלדס. דאָרטן וועלן מיר זיך אַלע דורכשמועסן, יוסף שיינפעלד וועט דיר אַלץ אויפקלערן און מיר וועלן מאַכן אַראַנזשירונגען, כדי איך זאָל קענען פאָרן צוזאַמען מיט איטאַן אויף הכשרה".

„ווען איז דאָס ביי דיר געבוירן געוואָרן?" -- האָט שמעון

געפרעגט. „איך טראָג שוין דעם פּלאַן אין מיין קאָפּ אַ לענ־גערע צייט", זאָגט קיסאַ, „אָבער נאָך נישט געהאַט דעם מוט אַרויסצוברענגען דאָס פאַר דיר. נעכטן ביים סדר, ווען איך האָב געהערט די געשפּרעכן וועגן ארץ־ישראל, ווען איך האָב געהערט, אַז מיינע מומעס פאָרן שוין באַלד אָפּ, איז דער פּלאַן ביי מיר פאַרשטאַרקט געוואָרן". דעם אמת געזאָגט, איז שמעון אויך באַווירקט געוואָרן פון די נעכטיקע געשפּרעכן וועגן ארץ־ישראל. ער האָט נישט געגלויבט, אַז קיסאַ האָט דאָס אַריינגענומען אַזוי שטאַרק אין איר האַרצן.

שמעון האָט קיסאַן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דער הכשרה־פּראָגראַם איז זייער אַ שווערער. צי קען זי זיך דאָס אונטערנעמען? אָבער קיסאַ האָט אפילו נישט געוואָלט הערן וועגן די שוועריקייטן. זי וועט דאָס אַלץ פאַר ליב נעמען, כדי צו קענען מאַכן עליה קיין ארץ־ישראל.

שפּעטער אין אָוונט זיינען זיי אַריינגעגאַנגען צו די שיינפעלדס. שמעון האָט געהייסן קיסאַן זיך זעצן מיט איטאַן שמועסן, און ער האָט געבעטן שיינפעלדן צו גיין אין צווייטן צימער צו קענען רעדן באַזונדער וועגן דעם ענין. שמעון האָט יוספן אויסגעפרעגט אַלע דעטאַלן און יענער איז מיט אים גע־זעסן און פריינדלעך אים געגעבן צו פאַרשטיין. ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט מיט דעם, אַז שיינפעלד האָט שמעונען געגעבן צו פאַרשטיין, אַז נישט נאָר דאַרף ער זי שיקן, נאָר ער מוז זי שיקן אויף הכשרה, ווייל דאָס איז די צוקונפט פון דער יידישער יוגנט און דאָס איז די צוקונפט פון יידישן פאָלק צו בויען זייער אייגן לאַנד. הכשרה איז אַ צוגרייטונג פאַר דער יוגנט צו לעבן אַ קאָלעקטיוו לעבן אין קיבוץ. ווען ער, שיינ־פעלד, וואָלט געהאַט דעם מינדסטן צווייפל, אַז ס׳איז נישט די ריכטיקע זאַך פאַר זיין איטאַן, וואָלט ער זי זיכער נישט גע־לאָזט פאָרן. זאָלן זיי ביידע פאָרן אויף הכשרה און פון דאָרט אויפן נאַציאָנאַלן יידישן וועג לטובת דער ציוניסטישער באַ־וועגונג אין דער וועלט.

די געשפּרעכן זיינען אָנגעגאַנגען איבער אַ שעה צייט און דער רעזולטאַט איז געווען זייער אַ דערפאָלגרייכער פאַר ביידע מיידלעך. יוסף שיינפעלד האָט גענומען אויף זיך צו גע־פינען אַ פּאַסיקן הכשרה־פּלאַץ, ווו זיי זאָלן פאָרן. ווען די מיידלעך האָבן דערהערט, וואָס זייערע טאַטעס האָבן באַ־שלאָסן, האָבן ביידע אונטערגעטאַנצט פאַר פרייד. די חברטעס

האָבן באַשלאָסן צוצוגייען צו איטאַס אַ באַקאַנטע, וועלכע האָט שוין דאָס אַדורכגעמאַכט און וואַרט איצט אויפן סערטיפיקאַט צו קענען עולה זיין. יענע וועט זיי שוין קענען אַלץ דערציילן, ווו, וואָס און ווען, אויך וואָס זיי דאַרפן מיט זיך מיטנעמען.

שמעון האָט זיי ביידען באַטראַכט, ווי זיי זיינען פאַר-אייניקט אין דער פראַגע. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז קיסאַ האָט שוין אָפּגעמאַכט איר געדאַנק און עס וועט אים שוין גאָרנישט העלפן. יוסף האָט שמעונען איינגעשטילט און געזאָגט: „איר וועט זען, אַז אַלץ וועט זיין אין בעסטן אָרדענונג. זאָלן זיי פאָרן און וויסן וואָס הכשרה מיינט, און וואָס עס מיינט אַן אייגענע היים".

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און איטאַ מיט קיסאַן האָבן געגומען פון איטאַס חברטע די נויטיקע אינפאָרמאַציע. זי האָט זיי צוגערעדט צו גיין אויפן זעלבן הכשרה-פונקט, ווו זי איז געווען. דאָרט איז בעסער ווי ערגעץ אַנדערש. זי האָט זיי אויך אינפאָרמירט מער-ווייניקער, וואָס זיי זאָלן מיט זיך מיטנעמען, וואָס עס איז צום נויטיקסטן. יוסף שיינפעלד, זייענדיק איינער פון די ציוניסטישע פירער, האָט געקענט אויס-קלייבן דעם הכשרה-פלאַץ פאַר זיין טאָכטער וואָס זי האָט גע-וואָלט. זיינען זיי טאַקע געפאָרן דאָרט ווו זייער באַקאַנטע האָט רעקאָמענדירט. זיי זיינען געפאָרן אין אַ גרופע פון 46 יינגלעך און מיידלעך פון דער געגנט. מען האָט זיך גלייך באַ-קענט בשעתן פאָרן און געשלאָסן פריינדשאַפטן. באַלד אויפן צווייטן טאָג נאָך זייער אָנקומען דאָרט אַהין האָט מען זיי צוגעטיילט פאַרשיידענע אַרבעטן. צום גליק האָבן איטאַ און קיסאַ געאַרבעט צוזאַמען.

שמעון האָט געטראַכט, אַז מיט קיסאַן איז ער שוין באַלד אויף אַ דרך. איצט דאַרף ער טראַכטן וועגן זיך. ער איז נאָך נישט אַזוי אַלט, אָבער ער איז אַליין. ספּעציעל נאָך איצט, ווען קיסאַ איז אַוועק אויף הכשרה, איז די איינזאַמ-קייט נאָך שטאַרקער געוואָרן. ווי לאַנג איז דער שיעור? ער האָט געוווינט מיט זינאַן אַ ביסל יאָרן, זיי האָבן געהאַט אַ שיין לעבן, אָבער זינאַ איז שוין נישטאַ. בלייבן אַליין די רעשט פון זיין לעבן איז אויך נישט קיין פּלאַן. אפילו זינאַ, אויפן טויטן-בעט, האָט אים געהייסן ווידער חתונה האָבן. זי האָט אויך דעמאָלט געזאָגט, אַז ס'איז נישט גוט צו זיין אַליין.

ער מוז עפּעס צוטראַכטן. ער אַרבעט איצט אין אַ גרויסער אונטערנעמונג, סאַמע יידן. עס אַרבעטן דאָ אויך פרויען, טייל פאַרהייראַטע, טייל האָבן נישט קיין מענער -- אלמנות, גרישות און עלטערע מיידלעך. אַלע זיינען מער-וויניק אינטעליגענטע. דאָ דאַרף ער אַ טראַכט טאָן צו געפינען עמעצן, וואָס זאָל אים זיין צום האַרצן. ער וועט מוזן וועגן דעם טראַכטן.

שמעון האָט אָפּגעאַרבעט אַ חודש צייט, זיך גוט באַקענט מיט דער אַרבעט און אפילו אַליין געמאַכט דעם בילאַנץ פאַרן חודש. ער האָט זיך נעענטער באַקענט מיט די אָנגעשטעלטע. ער האָט געקענט אַנאַליזירן יעדנס כאַראַקטער -- גוט און נישט אַזוי גוט, דאָס זעלבע זייער אויפפירונג. ער האָט זיך באַצויגן צו זיי זייער העפלעך, כדי אַרויסצורופן ביי זיי צופרידנקייט און אויטאָריטעט.

ההנהלה והעובדים של "קופת מלוה וחסכון" בסורוקה

שמעונס ערשטע שליחות

איינמאָל האָט דער דירעקטאָר אַרייַנגערופן שמעונען צו זיך אין קאַבינעט און גערעדט מיט אים קנאַפּע אַנדערטהאַלבן שעה. ער האָט געוואָלט וויסן, צי שמעון איז שוין אַריין אַקטיוו אין דער אַרבעט, און צי איז אים באַקאַנט די גע-שיכטע פונעם גרינדן די קאָאָפּעראַטיוו. ער האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ס׳איז זייער חוב צו האַלטן אַלע בענק אונ-טער זייער קאָנטראָל. דעריבער איז פאַראַן אַ רעוויזיע קאָ-מיסיע, וואָס רעווידירט אין משך פון יאָר די בילאַנצן פון די בענק אין אַנדערע שטעט, וועלכע געהערן צו דער קאָאָפּעראַ-טיוו. ער, שמעון, וועט אוודאי אין דער צוקונפט אַליין דאַרפן פאָרן ווו ס׳איז נויטיק און דאָרט גענוי רעווידירן די חשבונות. עס זיינען פאַראַנען פאַלן פון גנבה און פון אַרויסנעמען געלט פון דער קאַסע.

שמעון האָט זיך גוט צוגעהערט און אַלץ באַשטעטיקט. דערוויל וועט דער פּרעזידיום באַשטימען וווהין ער זאָל פאָרן. דערנאָך וועט ער שוין אַליין וויסן, ווו ס׳איז נויטיק אַריינצו-קוקן אין די חשבונות. מען האָט באַשלאָסן, אַזוי ווי ס׳איז שוין לאַנג נישט געווען קיין „רעוויזיע" אין דער שטאָט סאָראָ-קע, זאָל שמעון דאָרט אַהין פאָרן. ער האָט איבערגעגעבן זיין מיטהעלפערין, אַז ער פאָרט אַוועק אויף זעקס טעג קיין סאָ-ראָקע דערליידיקן דאָרט באַנק ענינים.

געקומען קיין סאָראָקע און קודם-כּל זיך באַקענט מיט דער באַנק, ליי און שפּאָר קאַסע, מיטן באַנק-פּרעזידענט און מיט די אָנגעשטעלטע. ער האָט זיך געוואָלט באַקענען מיט דער שטאָט און מיט דער געגנט, ווייל ער איז נאָך דאָ נישט געווען.

די שטאָט סאָראָקע איז געשטאַנען נישט ווייט פונעם טייך דניעסטער, דאָס הייסט ביי דער גרענעץ מיט רוסלאַנד. פון יענער זייט דניעסטער איז געווען די שטאָט מאָגילעוו פּאָ-דאָלסקי. צענדליקער לייכטזיניקע יונגע קעפּ זיינען דאָרט געפאַלן פון ביידע זייטן ביים שמוגלען די גרענעץ. זיי האָבן געזוכט גליק און געפונען דעם טויט.

דער פּייסאַזש איז געווען אַ שיינער. פרישע מחיהדיקע לופט, אַ פּאַרק, ווו יינגלעך, מיידלעך און אפילו עלטערע מענטשן זיינען געקומען שעפּן לופט. מען האָט שפּאַצירט אָדער געזעסן און „געפלאָכטן" מעשיות. דינסטמיידלעך האָבן גע-שטופּט די וועגעלעך מיט די קינדער; שאַלטיקעס, וואָס האָבן געוואָלט עמעצן אָפּטאָן אַ שפּיצל; אפילו אַ גנב, וואָס האָט געזוכט אַ קעשענע אַריינצושטעקן זיין האַנט. ביים אַריינגאַנג פון פּאַרק פלעגט זיצן אַ מאָלדאַוואַנקע מיט אַלערליי פּרוכטן צום פאַרקויפן. אַ מאַריוסע פלעגט פאַרקויפן סעמעטשקעס, רויזן געפּראַזשעטע צום קנאַקן. פונעם פּאַרק פלעגן קומען פלאַטקעס ווער מיט וועמען האָט שפּאַצירט. קליינוואַרג האָט זיך געשפּילט אין בלינדזעקייט -- אַרומלויפן צווישן די ביימער און זוכן איינער דעם צווייטן. ס'האָבן נישט געפעלט קיין אָרעמעלייט, וועלכע זיינען געשטאַנען ביים אַריינגאַנג מיט אויסגעשטרעקטע הענט. עס איז געשטאַנען איינער און געשפּילט אויף אַ פידל, זיין היטל איז געלעגן אויף דער ערד און עטלעכע לעיעס האָבן אַרויסגעשיינט פון דאָרטן.

עטלעכע וועליסאָפּעדן יאָגן אויף די וועגן צווישן די ביימער. די זון דרינגט אַדורך צווישן די צווייגן, גלעט די שיינע יידישע פנימלעך. אין סאָראָקע האָבן אויך געוווינט קריסטן, נאָר די יידן האָבן זיך מער געוואָרפן אין די אויגן... ס'האָט נישט געפעלט קיין פּאָליציי-לייט, מערסטנטייל הויכע, ברייטפּלייציקע. ס'הענגט ביי אים אויפן האַלדז אַ „סוויטשער". ווי נאָר ער באַמערקט עפּעס, וואָס ס'געפעלט אים נישט, טוט ער באַלד אַ פייף. . .

אַז גאָט האָט געהאָלפן און ס'איז אַראָפּגעקומען אַ צירק אין שטאָט, איז געוואָרן גאָר פריילעך. . . קודם-כּל האָבן זיי אויפגעשטעלט אַ גרויס געצעלט, אויסגעשפּרייט אויף סטאָלבעס. קינדערלעך זיינען באַלד דאָרט געווען, כאָטש דורך אַ שפּאַרונע זען, וואָס עס טוט זיך אינעווייניק. טיילמאָל האָט זיך געיאַוועט אַ פּאַיאַץ און געמאַכט אַ טענצל, געטאָן אַ

שפּרונג, אָדער אַן אַנדער חכמהלע, כּדי דער עולם זאָל לאַכן. דאָס איז געווען ווי אַ רעקלאַמע. דער פּאַיאַץ מיטן געפּאַרבטן פּנים, איז זיכער דאָ געווען צו מאַכן פרייליך דעם עולם.

פונעם פּאַרק איז נישט געווען ווייט צום האָטעל. כאָטש נישט קיין גרויסער, אָבער אַז מען קומט קיין סאַראָקע און מען האָט נישט ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן, איז עס גאָר-נישט קיין אָנגענעמע זאַך. ערשטנס האָסטו תיכף דעם פּאָ-ליציאַנט, וואָס דערקענט דיך, אַז דו ביסט אַ פרעמדער. דריין אַרומקוקן זיך, מיט אַ מאַנטל אויף דער האַנט און אַ רענצל ביי דער זייט, איז שוין גענוג צו באַווייזן, אַז דו ביסט נישט קיין היגער. די שטאָטישע גייען נישט, נאָר זיי לויפן, איילן זיך אַהיים. איז טאַקע די שטאָט באַזאָרגט מיט אַ האָטעל. דער אייגנטימער איז זלמן שאָר, אַ פיינער ייד, וואָס יעדער קען אים. ער האָט באַקומען אַן אַכסניה בירושה פון זיינע עלטערן און געמאַכט דערפון אַ האָטעל. פיר גרויסע צימערן, וואָס האָבן פאַרמאָגט צוויי בעטלעך אין יעדן צימער, אַ טיש מיט צוויי בענקלעך. אויף די ווענט אַ צוויי בילדער; אויפן טיש אַ קרוג מיט וואַסער און צוויי גלעזער; אַ שענקל מיט עטלעכע שופלעדער אַריינצולייגן וועש. אין דער זייט הענגט אַ האַנטוך צו ווישן זיך די הענט נאָכן וואַשן, און אַ גלאָז צו שווענקען די ציין. דאָס איז אַלץ געווען גענוג, צו האָבן אַ האָטעל. באַ-קומען פאַר יעדער נאַכט שלאָפן די עטלעכע לעיעס און דערפון אויך געצאָלט שטייערן דער מלוכה. אַהער פלעגן קומען צו פאָרן רעוויזאָרן, וואַיאַזשאָרן מיט רעקלאַמע-ביכלעך פאָרצולייגן זייערע סחורות; טיילמאָל אַרטיסטן, חזנים; טיילמאָל אַ חתן אָנצוקוקן אַ כּלה; אַ שליח פון אַן אָרגאַניזאַציע; אַ ציוניסט פון קרן קימת. אַרום דעם האָטעל האָבן זיך שטענדיק גע-דרייט שדכנים, מעקלערס, פאָטאָגראַפיסטן, בעלי-עגלות, רענצל-טרעגערס און אַנדערע. די דאָזיקע קאַפּעלע פּרנסה-זוכערס זיינען ווי צוגעשריבענע צום האָטעל.

נאָכדעם ווי שמעון איז אָנגעקומען אין דער באַנק אַריין און זיך אַ ביסל באַקענט, האָט מען אים געדאַרפט פירן אין האָטעל אַריין, ווו ס'איז פאַר אים פאַרזאָרגט געוואָרן אַ צימער. זלאַטע בערמאַן האָט שוין עטלעכע יאָרן געאַרבעט אין דער באַנק, ווי אַ בוכהאַלטער פון אַרויסגעגעבענע הלוואות. זי איז געווען אַ זייער געלויבטע אַרבעטערין און מ'האָט וועגן איר געוווּסט אפילו אין קישענעוו. געוווינט האָט זי נישט ווייט פון

האָטעל. ווען ס'איז געקומען צום אָפּפירן שמעונען אין האָטעל, האָט דער דירעקטאָר זיך געוואָנדן צו זלאַטען, אַז זי זאָל ווייזן דעם רעוויזאָר ווו דער האָטעל איז.

ווי נאָר זלאַטע האָט דערזען שמעונען און זיך דער-וווּסט, אַז ער איז געקומען צו רעווידירן די חשבונות אין דער באַנק, איז זי באַלד פאַרשווּנדן געוואָרן אין אַ צווייט צימער, ווו ס'איז געהאָנגען אַ גרויסער שפּיגל. זי האָט זיך שיין גע-מאַכט, פאַרקעמט די האָר און געפּודערט דאָס פּנים. זי איז אַרויסגעקומען פון צימער און געזאָגט צו שמעונען: „קומט מיט מיר, איך וווין נישט ווייט פונעם האָטעל". דערווייל האָט זי אים באַטראַכט פון אויבן ביז אַראָפּ: אַ גאַנץ סימפּאַטישער מענטש. שמעון האָט באַמערקט, אַז זי האָט זיך אַ ביסל פאַר-לוירן און געבליבן שטיל. ער געזעגנט זיך מיט די אַנדערע, ער וועט מאָרגן דאָ זיין צוריק.

זלאַטע פּרוּווט נעמען דאָס רענצל, אָבער שמעון דער-לאָזט דאָס נישט. ער האָט אויך אין דער זעלבער צייט באַ-טראַכט זלאַטען אַרום און אַרום -- פון פאָרנט, פון הינטן, דעם פאַרקעמטן קאָפּ האָר, איר שמייכל, אירע שוואַרצע אויגן און די ווייסע הענט. אים האָט עפּעס געקלינגען אין אויער איר פאַמיליע-נאָמען, צי האָט זיך אים אויסגעדאַכט? „ווי איז אייער נאָמען?" „זלאַטע", ענטפערט זי. „ניין, דער צווייטער נאָמען?" „בערמאַן". ער שטרעקט אויס צו איר די האַנט: „נאַט אייך אַ שלום-עליכם. מיין ביינאָמען איז אויך בערמאַן". זיי קומען צום האָטעל. ער דאַנקט פאַרן באַגלייטן אים און גיט שנעל אַ טראַכט: אפשר נאָך אַ ביסל שפּאַצירן מיט איר?

„ווייסט איר וואָס", זאָגט ער צו איר. „אויב ס'איז טאַקע אַזוי, אַז מיר האָבן דעם זעלבן פאַמיליע-נאָמען -- בער-מאַן -- דאַרפן מיר וועגן דעם רעדן אַ ביסל מער. דערלויבט מיר אַריינצולייגן דאָס רענצל אין האָטעל, און אויב ס'איז אייך באַקוועם, וועלן מיר אַ ביסל שפּאַצירן". זי האָט צוגע-שטימט צו דעם.

ער איז אַריין אין האָטעל און זלאַטע איז געבליבן שטיין אין דרויסן. זי האָט זיך פאַרטראַכט. זי איז שוין צוויי יאָר אַן אלמנה. זי האָט געהאַט זייער אַ פיינעם מאַן, אַ לערער אין אַ שולע, אָבער אַ קראַנקער. געליגן אין שפּיטאָל אַ האַלב יאָר און געשטאָרבן. קיין קינדער האָט זי מיט אים נישט געהאַט. זיי האָבן געפירט אַ שיין לעבן, מאַטעריעליש גע-

ווען גוט באַזאָרגט. שוין צוויי יאָר נאָך זיין טויט איז זי נאָך נישט איבערגעגאַנגען די גאַס מיט קיין מאַנספּאַרשוין. איז דאָס אַ לעבן?. . . אמת, זי האָט חברטעס, אָבער יענע האָבן מענער. אַזוי איז זי געשטאַנען און אין אַן אויגנבליק איבער-געחזרט אין קאָפּ איר לעבן פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר.

שמעון האָט אַראַנזשירט מיטן האָטעל אייגנטימער, אַז ער וועט דאָ שטיין זעקס טעג. ער האָט גענומען דעם שליסל און זיך געאײלט אַרויסצוגיין. ער האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר איר און געפרעגט אויב ס׳וואָרט נישט עמעצער אויף איר אין דער היים?. . . „ניין", זאָגט זי, „צום באַדויערן האָב איך נישט ווער ס׳זאָל וואַרטן אויף מיר. . . איך בין אַן אַלמנה. כ׳קען מיט אייך שפּאַצירן".

שמעון איז שוין געווען 5 יאָר אַן אַלמן. זייענדיק פאַר-נומען מיט דאגות וועגן קיסאַן, ביז ער האָט זי געזען מער-ווייניק אויף אַ וועג, האָט ער פון קיין פרויען געשלעכט נישט געטראַכט. נאָר איצט, אין אַ געשפּרעך מיט אַ גאַנץ סימפּאַ-טישער פרוי, האָט זי אים פאַראינטערעסירט. זייענדיק אין אַ פרעמדער שטאָט, שפּאַצירנדיק אויף אומבאַקאַנטע וועגן, קוקט ער זיך אפילו נישט אַרום. זיינע בליקן זיינען געוואָנדן נאָר אויף זלאַטען. ער באַמערקט, אַז זי איז אָנגעטאָן שיין און ריין, רעדט צו דער זאַך און קאַרגט נישט קיין שמייכל, טייל-מאָל אפילו אַ העכער געלעכטער. ווען שמעון האָט איר גע-פרעגט וועגן איר פּערזענלעכן לעבן, האָט זי אים דערציילט וועגן זיך, וועגן איר משפחה, וועגן איר פאַרשטאָרבענעם מאַן, און נאָך אַזעלכע פּערזענלעכע פאַקטן.

אַזוי גייען זיי שפּאַצירן, אַריינגעלאָזט אין די רייד. דער זייגער שטייט נישט, די ווייזערס רוקן זיך און ס׳איז שוין נאָך צוועלף. זלאַטען האָט זיך נישט געוואָלט צעשיידן, נאָר מען מוז. זי זאָגט, אַז ס׳איז שוין שפּעט, זיי האָבן זיך פאַרעדט און מימוז זיך שיידן. „איר וועט וויסן ווו זיך אומצו-קערן צום האָטעל?", פרעגט זי. „יאָ, כ׳בין נישט קיין קינד. מיר וועלן זיך זען מאָרגן אין באַנק", זאָגט שמעון. „מאָרגן נאָך דער אַרבעט וועלן מיר אפשר פאָרזעצן די היינטיקע גע-שפּרעכן". ס׳איז געווען פאַר איר הויז. שמעון גיט איר די האַנט, גיט אַ קוש אין איר האַנט און זי גייט אַוועק. שמעון איז געבליבן שטיין און באַגלייט מיט זיין בליק איר געשטאַלט. זי האָט זיך אויך אומגעקוקט און אַ מאַך געטאָן

מיט דער האַנט.

פון שלאָפן איז קיין רייד נישט געווען. זלאַטע ליגט און טראַכט: אפשר האָט גאָט זיך אויף איר דערבאַרעמט. ער זעט אויס צו זיין אַ פיינער מענטש, אַ גאַנץ סימפּאַטישער. ס'איז נאָך צו פרי צו באַשליסן עפּעס. זי האָט זיך געוואָנדן צום אייבערשטן: „טו עפּעס פאַר מיר, גאָטעניו!" אַזוי איז זי אַנטשלאָפן געוואָרן. דאַסגלייכן שמעון האָט אויך נישט געקענט איינשלאָפן. ער האָט זיך אויך געוואָנדן מיט אַ געבעט צו דעם וואָס לעבט אייביק: „כ'האָב שוין געהאַט גענוג צרות, זינאַן האָסטו פון מיר צוגענומען. זאָל שוין די זון אַ שיין טאָן אין מיין ריכטונג". . . זיך געדרייט אַהין, אַהער, און ענדלעך אַנט-שלאָפן געוואָרן אַ מידער. . .

זלאַטע מיט שמעונען האָבן זיך צומאָרגנס אין דער באַנק באַגריסט אַזוי פּשוט, ווי ס'איז גאָרנישט פאָרגעקומען. דער דירעקטאָר פון דער באַנק האָט איינגעלאַדן שמעונען אויף אַ צובייס אין אַ נאָענטן רעסטאָראַן. געזעסן לאַנג און גערעדט וועגן די אַקטיוויטעטן פון זיין באַנק. ער האָט אַרויסגעהויבן די ציפערן פון הלוואות און זיך אַ לויב געטאָן. שמעון האָט אים געפרעגט וועגן פּערסאָנאַל. דאָ האָט דער דירעקטאָר אָנ-געהויבן לויבן די אָנגעשטעלטע. די ערשטע האָט ער געלויבט זלאַטען, אַז זי איז איינע אַליין און זי קען אַרבעטן איבער-שָעהן, ווייל קיינער וואַרט נישט אויף איר אין דער היים. שמעון האָט אַלץ אויסגעהערט. ער וואָלט שוין געוואָלט, אַז דער טאָג זאָל זיך ענדיקן און ער זאָל קענען ווידער שפּאַצירן מיט איר. זלאַטע האָט אויך געאַרבעט אַ ביסל אומגעדולדיק. זי איז ווייניק געשלאָפן לעצטע נאַכט. זי איז אויפגעשטאַנען פריער ווי שטענדיק, אַ ביסל צוגעראַמט, צוגעקערט, אַוועקגע-נומען די אָנגעוואָרפענע זאַכן, צוגעגרייט אַ מאָלצייט. זי וועט פּרוּוון אים איינצולאַדן אויף אַ טיי. אפשר וועט ער געבן זיין הסכמה. זי האָט געהאַט אַ האַלבן טאָרט, עטלעכע בייגל, שאָ-קאָלאַד, זי וועט נישט פאַרשעמט ווערן. נאָר זי וועט אים זיכער היינט איינלאַדענען צו איר אַהיים. זיי וועלן ווי גע-וויינלעך צומערשט אַ ביסל שפּאַצירן און אַ ביסל שפּעטער אים נעמען אין שטוב אַריין. די שכנים זאָלן נישט זען, ווען ער וועט אַריינקומען. אַ פרוי דאַרף זיך היטן פאַר זייטיקע רייד, פאַר זייטיקע אויגן.

ביי דער אַרבעט האָט זי אָנגעהויבן איבערצוקוקן די

פּאַפּירן, אַרויסוואַרפן די נישט-נויטיקע, צונויפלייגן די נויטיקע פאַר איר אויפן טיש. ביים שרייבן די חשבונות, האָבן היינט פאַר אירע אויגן די ציפערן געטאַנצט אַ קאַדריל. מענטשן זיינען געקומען פרעגן וועגן זייערע חובות, דער באַשטאַנד ביים היינטיקן טאָג, דער בילאַנץ. ווען דער דירעקטאָר איז נישטאָ אין זאַל, אָדער אין דער באַנק, שיקט די קאַסירערין צו זלאַטען אונטערצושרייבן פאַרן בעל-הבית. בכלל איז זי געווען ביים דירעקטאָר די רעכטע האַנט.

שמעון האָט דאָס תיכף באַמערקט און געזאָגט: „כ׳זע, אַז איר האָט זיך אויף ווע‌מען צו פאַרלאָזן, ווען איר זענט נישטאָ ביי דער אַרבעט". דאָ האָט דער דירעקטאָר אָנגעהויבן צו לויבן זלאַטען אין טאָג אַריין, צוגעבנדיק, אַז מען קען זי אפילו אין קישענעוו. ווען זי גיט אים אונטערצושרייבן דעם בילאַנץ, איז ער זיכער מיט יעדן ציפער. דאָס האָט נאָך צוגע-געבן מער אַמוניציע צו זיינע געפילן. זי איז אָפט אַריינגעקומען צום דירעקטאָר, כדי ער זאָל חתמענען, אפילו נישט אַזוי שטאַרק נויטיקע פּאַפּירן. דאָס איז געווען בלויז אַן אויסרייד זי זאָל קענען אַ קוק טאָן אויף שמעונען.

ביים דירעקטאָר אין קאַבינעט איז אַוועקגעשטעלט גע-וואָרן אַ באַזונדער טישל פאַר שמעונען, ווו ער האָט באַדאַרפט איבערקוקן דעם בילאַנץ פונעם פאַרגאַנגענעם יאָר. אויפן טיש זיינען געלעגן די דאָקומענטן, וואָס ער האָט געפאָדערט. זלאַטע האָט אים זיי צוגעגרייט לויטן באַפעל פונעם בעל-הבית. אויף דער טיר איז געהאָנגען אַ מעלדונג, אַז אין באַנק איז געקומען אַ פאָרשטייער פון דער קאָאָפּעראַציע. ווער עס האָט עפּעס צו פרעגן קען זיך ווענדן צו אים און באַקומען דעם געהעריקן ענטפער אָדער אויפקלערונג. ער איז שמעון בערמאַן. דאָ האָבן אַלע שוין געקענט דעם פאַמיליע-נאָמען בערמאַן און זיך גע-וווּנדערט צי זלאַטע איז נישט פון דער זעלבער משפחה? זלאַטע האָט געענטפערט, אַז עס מאַכט זיך טייל־מאָל אַזוי, נאָר ער איז נישט קיין קרוב.

דער דירעקטאָר האָט אַריינגערופן זלאַטען, דעם פירער פון רעוויזיאָנס קאָמיסיע און די קאַסירערין און געלאָזט וויסן, אַז ער רופט אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע ראַט-מיטגלידער פון דער באַנק. עס וועט פאָרקומען אין צוויי טעג אַרום אין דער אָנ-וועזנהייט פונעם פאָרשטייער פון דער קאָאָפּעראַציע, וועלכער האָט אויך געברענגט אַ סך נייעס פאַר דער באַנק.

שמעון מיטן דירעקטאָר האָבן אויסגעאַרבעט אַ סדר-היום פון דער זיצונג: דער דירעקטאָר וועט רעדן וועגן פאַרגאַנגענעם יאָר; זלאַטע וועט אָפּגעבן אַ חשבון פון די הלוואות; די קאַסירערין וועט איבערגעבן וועגן דער קאַסע; עס וועט באַריכטן דער פירער פון דער רעוויזיאָן קאָמיסיע; מען וועט באַשטימען נייע הלוואות. צום סוף וועט רעדן דער פאָרשטייער פון דער קאָאָפּעראַציע, שמעון בערמאַן. ס'איז אויך אָנגעוויזן געוואָרן, אַז די זיצונג וועט זיין אַ צוגרייטונג צו וואַלן, וועלכע וועלן פאָרקומען אין דעצעמבער פון דעם יאָר.

אין „בענקל" (אַזוי פלעגט מען עס רופן) איז געוואָרן פריילעך, ס'האָט זיך גערוישט. מ'האָט זיך געשושקעט הינטער די קוליסן. די וואָס האָבן געהאַט פּרעטענסיעס, האָבן געטראַכט דאָס אַרויסצוברענגען ביי די וואַלן. גרופּעס האָבן זיך געגרייט אַרויסצושטעלן נייע קאַנדידאַטן. פאַר זלאַטען איז דאָס געווען אַ גרויסע אויפגאַבע פאָרצושטעלן די גאַנצע פינאַנציעלע אַרבעט פאַרן יאָר. זי האָט זיך זייער אָנגעשטרענגט און געאַרבעט מיט איבערגעגעבנקייט, כדי אַרויסצוברענגען דעם רעאַלן פינאַנציעלן מצב פאַרן יאָר.

זלאַטע אַרבעט שוין פיל יאָרן אין דער באַנק און איז אויף אַ הויכער מדרגה. אַלץ ווערט דורכגעפירט אין דער בעסטער אָרדענונג און זי ווערט געלויבט דערפאַר. אָבער איצט, ווען זי הייבט אָן קלערן וועגן דעם מענטש, וועלכער איז אַריין מיט ביידע פיס אין איר האַרצן, איז זי געוואָרן אַ ביסל צעטראָגן. זי האָט זיך אָבער אַליין געשטאַרקט. אפשר... אפשר... ביי גאָט איז אַלץ מעגלעך, אפשר איז דאָס אַ זיווג פאַר איר. . . נאָך דער אַרבעט, ווען זלאַטע איז געווען אַליין אין צימער, האָט שמעון איר געזאָגט שטילערהייט, אַז זי זאָל וואַרטן אַ ביסעלע ווייטער פון דער באַנק, וועט ער אַרויסקומען און זיי וועלן צוזאַמען גיין ווי נעכטן. פאַר זלאַטען איז דאָס געווען ווי אַ וואַרעמער שטראַל פון דער זון. זי האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן אַ היים צו גיין. זי האָט צונויפגעלייגט די דאָקומענטן זיי זאָלן נישט בלייבן צעוואָרפן. זי איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל און פאַרקעמט די האָר, געמאַכט איר פּנים אין בעסטן אָרדענונג.

שמעון איז צוגעקומען צום באַשטימטן פּלאַץ, אַ צופרידענער, ער האָט זי געוואָלט אָננעמען ביים אָרעם. זי האָט אים איידל געזאָגט, אַז ס'איז נאָך צו ליכטיק דערצו. פּרוּוען

זיינען מער אויסגעהאַלטן ווי מענער אין דער הינזיכט. „כ׳האָב נעכטן אייך פאַרגעסן צו פרעגן, ווי אַזוי קומט איר צום פאַמיליע-נאָמען בערמאַן, ווי איד? האָט איר קרובים אין קישענעוו?" -- האָט שמעון איר געפרעגט. איר ענטפער איז געווען, אַז זי האָט דעם נאָמען געקראָגן נאָך דער חתונה מיט איר מאַן, אָבער זי ווייסט נישט פון קיין משפחה מיטן זעלבן נאָמען. שמעון גיט צו, אַז ער וועט זיך נאָכפרעגן, אפשר ווייסט זיין פאָטער. דערווייל זאָגט זי אין אַ וויץ, אַז ס׳איז גוט אויב זיי זאָלן זיך דאַרפן צונויפקומען, וועלן זיי נישט דאַרפן בייטן די דאָקומענטן. זי כאַפּט זיך צוריק און גיט צו אין דער שנעל, אַז זי האָט דאָס געזאָגט אין אַ וויץ. „נשקשה", זאָגט ער, „אין יעדן וויץ איז דאָ אַ חלק אמת. ביי גאָט איז אַלץ מעגלעך". זי האָט געזוכט אַוועקצוגיין פון דעם ענין און אַרויפגעפירט דעם שמועס וועגן דער אַרבעט און וועגן דער זיצונג פונעם ראַט. אַזוי גייענדיק זאָגט זי צו אים: „היינט וועלן מיר שפּאַצירן ביז ס׳וועט ווערן טונקל אין דרויסן. דערנאָך לאַדן איך אייך איין צו מיר אין הויז אויף אַ טיי. איר וועט זען ווו איך וווין, און מיר וועלן קענען רעדן זיצנדיק". שמעון האָט איר זייער וואַרעם געדאַנקט און אָנגענומען די איינלאַדונג.

זלאַטע האָט געהאַט אַן אייגן שטיבל, נישט קיין גרויס. זי האָט געהאַט יידישע שכנים, מיט וועלכע זי האָט געלעבט זייער פריינדלעך. שמעון איז אַריינגעקומען און באַטראַכט דאָס צימער. שיין און ריין, אַלץ איז צונויפגעלייגט אויפן אָרט. אין שטוב איז פאַראַן אַ בעט, וואָס איז אָפּגעטיילט מיט אַ פאָרהאַנג פונעם רעשט פון צימער. עס שטייט אַ טיש מיט פיר בענקלעך, אַ קאָמאָדע, עטלעכע פּאָליצעס מיט ביכער: יידישע, רומענישע און אפילו רוסישע. ער האָט גענומען בלעטערן די ביכער און זלאַטע האָט גענומען גרייטן דעם טיש. עטלעכע בילדער זיינען געהאָנגען אויף דער וואַנט און דריי זיינען געשטאַנען אויף דער קאָמאָדע. צווישן זיי זיינען געווען בילדער פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן. „ער זעט אויס צו זיין אַן אָנשטענדיקער מענטש", זאָגט ער צו איר. „יאָ, מיר האָבן אָפּגעלעבט איבער צען יאָר און קיינמאָל קיין הויך וואָרט צווישן זיך נישט געהאַט. האָט אים גאָט צוגענומען פון מיר. ווייזט אויס, אַז אין די הימלען דאַרף מען אויך אָנשטענדיקע מענטשן". „ווייזט אויס", זאָגט ער נאָך.

זיי האָבן זיך געזעצט צום טיש און ביידע זײַנען געווען הונגעריק. זי האָט אָנגעגאָסן גלעזלעך ווישניאַק פון ווײַנשל, וואָס זי מאַכט אַלע יאָר פון בוים, וואָס וואַקסט לעבן פענצטער; געקלאַפּט מיט די גלעזלעך און געווונטשן אַ ווייטערע פרײַנדשאַפט. אַזוי ווי זי האָט אין אָוונט גערעדט די גאַנצע צייט וועגן זיך, אַז ער האָט אפילו נישט געהאַט די געלעגנהייט עפּעס צו זאָגן, האָט ער דאָס איצט אָנגעהויבן. ער האָט גערעדט וועגן זיך פונעם סאַמע אָנהייב, זייענדיק פאַרזיכטיק אַרויסצולאָזן טייל פאַקטן. ער האָט איר דערציילט וועגן זינאַן, ווי ער האָט זי „געפונען אין דער בלאָטע"; ער האָט דערציילט וועגן זייער טאָכטער קיסאַ, וועלכע איז איצט אויף הכשרה; וועגן זײַנע עלטערן און זיין שוועך. ער האָט אויך גערעדט וועגן זיין אַרבעט, ווייל אין דעם פּרט איז זי געווען באַהאַוונט. זי האָט אים אויסגעהערט מיט אַלע אירע חושים, נישט אַראָפּנעמענדיק דאָס אויג פון אים. זי וואָלט זיכער געוואָלט הערן אַ מער קאָנקרעטן שמועס, נאָר מען כאַפּט נישט. דער עיקר האָט זי געוואָלט וויסן, צי זי געפעלט אים.

קיין נאַר איז זלאַטע נישט געווען, קיינער האָט זי פאַר אַזעלכע נישט געהאַלטן. אין לויף פון געשפּרעך האָט זי געזאָגט: „אַליין, זאָגט מען, זאָל זיין אַ שטיין. שטענדיק רעדט מען מיט זיך אַליין. כ'האָב אַמאָל געלייענט, אַז אַ מענטש דאַרף אַלץ טאָן נישט צו זיין אַליין. וואָס זאָגט איר?". שמעון גיט צו: „און אפילו חתונה האָבן אַ צווייט מאָל?". . . „יאָ", זאָגט זי, „אַז עס איז צום האַרצן דאַרף מען נישט אָוועקלאָזן". זי ווייזט אים אַ ליד, וואָס זי האָט אָנגעשריבן וועגן דער לאַגע:

„זי האָט זיך אין שפּיגל דערזען,
ווי זי שטייט אַזוי אייביק אַליין.
כ'האָב פון אַלעם אַלץ געטראַכט,
נאָר מיט זיך אַליין שטענדיק פאַרבראַכט".

„וואָס איר זענט אַ שרייבערין אויך?" פרעגט שמעון. „ניין, אַ שרייבער איז דער וואָס שרייבט מיט האַרץ, נישט דער וואָס שרייבט מיט דער פען", זאָגט זי מיט אַ שמייכל.

שמעונען איז געפעלן דער געשפּרעך מיט זלאַטען. ער האָט אין איר געזען אַ פאַרשטענדיקע פרוי. זי האָט אים געוויזן דאָס לידל נאָכדעם ווי ער האָט איר דערציילט וועגן זיין

לעבן. מסתמא אַן אָנווייז, אַז ער דאַרף אויך נישט זיין אַליין. ער האָט ביי זיך באַשלאָסן צו רעדן מיט איר און אויפעפענען די קאָרטן. אָבער ער וועט עס לאָזן אויף מאָרגן. ס׳איז געוואָרן שפּעט. זיי האָבן זיך געזעגנט. שמעון האָט איר געגעבן אַ קוש אין דער באַק.

אין די בענק פון דער קאָאָפּעראַציע זיינען פאַראַן גע-זעצן אַרויסצוגעבן הלוואות. דער וואָס ווענדט זיך נאָך אַ הלוואה דאַרף זיין אַ מיטגליד, און דאַרף צושטעלן אַ גאַראַנ-טאָר, אויך אַ מיטגליד. די ביטע ווערט באַשטימט אויף אַ זיצונג פונעם ראַט. דאָס ווערט שטרענג קאָנטראָלירט עס זאָלן נישט זיין קיין פאַלן פון פעלשונגען. אויפן צווייטן טאָג האָט שמעון אַריינגערופן זלאַטען צו זיך אין קאַבינעט. זי האָט גע-ברענגט אַלע געשלאָסענע אָפּמאַכן פאַר הלוואות, וואָס זיינען נאָך נישט אינספּעקטירט געוואָרן. דאָ איז ער מיט איר אָפּגע-זעסן כמעט אַ גאַנצן טאָג און געאַרבעט אויף אַן ערנסטן אופן. ער האָט נישט געפונען קיין שום נישט-רעגולערע אָפּמאַכן. אַלע זיינען געווען מיט חתימות און באַשטעטיקט פונעם ראַט און פון דעם באַנק-דירעקטאָר. ער האָט דאָס פאַרשריבן אין זיין פּראָטאָקאָל פון דער רעוויזיע. בשעת מעשה זיינען זיי ביידע געזעסן גאָר ערנסטע, ווי זיי וואָלטן געווען צוויי פרעמדע מיטאַרבעטער. קיינער פונעם קאָלעקטיוו, ווי אויך דער דירעקטאָר האָבן נישט געהאַט קיין שום חשד, ווי זיי פילן איינער צום צווייטן. דאָס האָט שמעון געטאָן צוליב דעם, וואָס ער האָט איר געוואָלט פאַרשלאָגן אַן אינטימען געשפּרעך, אָבער מורא געהאַט, טאָמער איז דאָ עפּעס אַ טעות אין אירע פּאַפּירן.

נאָך דער אַרבעט, אויפן דריטן טאָג, זיינען זיי שוין געגאַנגען דירעקט אין זלאַטעס שטוב. זי האָט אים אויף אַ מינוט געלאָזן אַליין און איז אַריינגעלאָפן אין קלייטל עפּעס קויפן, כדי צו מאַכן אַ שיינע אויפנאַמע. זיי האָבן זיך אַוועק-געזעצט עסן, וואָס זי האָט צוגעגרייט, ווידער גענומען אַ ביסל ווישניאַק, אַ ביסל מער ווי נעכטן, און עס האָט זיך געלאָזט פילן.

נאָכן עסן האָט זיך שמעון צוגעזעצט צו זלאַטען אויפן דיוואַן, אַ ביסל נענטער. ער האָט איר אָפן געזאָגט, אַז זי גע-פעלט אים און ער וואָלט געוואָלט פאַרזעצן די פריינדשאַפט.

ער וואָלט אויך געוועז צופרידן, ווען דאָס זאָל פירן צו עפּעס מער קאָנקרעטס. זלאַטע פון איר זייט האָט איבערגעחזרט כמעט די זעלבע ווערטער. זיי האָבן זיך געגעבן די הענט, זיך געקושט, אָבער באַשלאָסן צו האַלטן דערווייל אַלץ בסוד. זי האָט אַ קרובה אין קישענעוו, וועלכע לאַדנט זי תמיד איין צו מאַכן דאָרט אַ באַזוך. דאָס וועט איר געבן די געלעגנהייט אַהין צו פאָרן. ביידע האָבן זיך געפילט שטאַרק צופרידן. זיי האָבן אָנגעהויבן צו מאַכן פּלענער פאַר דער צוקונפט און וועגן חתונה האָבן. זי האָט אים געפרעגט צי ער ווינט אַליין? ער האָט איבערגעחזרט וועגן קיסאַן, זיין טאָכטער, וועלכע איז איצט אויף הכשרה און וועט אָן צווייפל עולה זיין קיין ארץ-ישראל.

זיי זיינען אַזוי לאַנג געזעסן, ביז זלאַטע האָט אים דערמאָנט, אַז ס׳איז שוין זייער שפּעט און ס׳איז פאַר אים שוין צייט צו גיין אין האָטעל. זיי דאַרפן ביידע מאָרגן פרי זיין ביי דער אַרבעט. זיי האָבן זיך צעקושט ווי נאָענטע און שמעון איז אַוועק אין האָטעל. ער איז געלעגן אויפן בעט און געבויט פּלענער פאַר דער צוקונפט. וואָס וועט קיסאַ זאָגן צו דעם? און זיינע עלטערן? ווער קען אים אָנווייזן וואָס צו טאָן? צי האָט עמעצער אַ רעכט זיך אַריינצומישן אין זיין משפּחה-לעבן? נאָר ער האָט די רעכט צו באַשטימען זיין צוקונפטיק לעבן, און אַזוי וועט עס זיין.

דעם פאָלגנדיקן טאָג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די זיצונג פונעם ראַט. לויטן סדר-היום זיינען אַרויסגעטראָטן: דער דירעקטאָר, זלאַטע בערמאַן, און די אַנדערע, וואָס האָבן אַרויסגעזאָגט זייערע מיינונגען און אָפּגעגעבן זייערע באַריכטן. עס זיינען געשטעלט געוואָרן פראַגעס, וועלכע שמעון האָט פאַר-ענטפערט, כאָטש ער אַרבעט אין דער קאָאָפּעראַציע נישט לאַנג. אויף דער פראַגע פון פינאַנציעלע אַקטיוויטעטן אין די בענק האָט שמעון, ווי אַ פאָרשטייער פון דער יידישער קאָאָ-פּעראַציע, גערעדט אויך וועגן די אַלגעמיינע אַקטיוויטעטן פון דער קאָאָפּעראַציע פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר. ווי באַוווּסט, איז די קאָאָפּעראַציע ענג פאַרבונדן מיט דער „ייקאָ". ער האָט באַריכטעט וועגן דער צאָל פון הלוואות, וואָס זיינען אַרויסגע-געבן געוואָרן אויף אויסצוצאָלן אין ראַטעס במשך 10 יאָר.

אַ צווייטע, גאָר אינטערעסאַנטע מעלדונג, האָט שמעון געגעבן פאַר די בעלי-מלאכות. דער „דזשאָינט" אין אַמעריקע

האָט אָפּגעקויפט און געשיקט קיין קישענעוו, זעקס פולע וואַגאָנען מיט מכשירים פאַר שוסטערס, שניידערס, בעקערס, היטל-מאַכערס, קאָוואַלעס און אַנדערע. דאָס וועט צעטיילט ווערן צו די בעלי-מלאכות, וועלכע זיינען מיטגלידער פון די קאָאָפּעראַטיווע בענק אָן אָפּצאָל. אויך זיינען אָנגעקומען מכשירים פאַר ערד-אַרבעטער.

ס'איז געקומען צום סוף פון שמעונס ערשטער שליחות פון דער קאָאָפּעראַציע. ער האָט אַלץ דערפילט אויף הונדערט פּראָצענט. ער דאַרף נאָר אָנשרייבן אַ פיינעם באַריכט וועגן דער באַנק, כדי אַלע זאָלן זיין צופרידן. ער האָט וועגן זיך אויך נישט פאַרגעסן. ער מיט זלאַטען האָבן באַשלאָסן, אַז חוץ דעם וואָס זיי וועלן זיך איבערשרייבן, וועט זי קומען קיין קישענעוו אויף אַ שטיקל צייט און מ'וועט באַשטימען אַ זמן חתונה. כאָטש נישט ווי פאַר אַ יונג פּאָרל, אָבער דאָך אַ חתונה.

* * *

ווען שמעון איז אַהיימגעקומען, האָט ער געפונען אַ בריוו פון קיסאַן פון דער הכשרה. זי אַרבעט ביי אַ פּאַרמער אויף אַ פעלד אין ראַדאַוץ, מאָלדאָווע, נישט ווייט פון טייך פּרוט. 46 חלוצים און חלוצות זיינען זיי פון קישענעוו און פון אַנדערע בעסאַראַבער שטעטלעך. דאָס איז אַ פיינער קיבוץ פון יונגע מענטשן, וועלכע רעדן נאָר עברית. זיי אַרבעטן זיבן שעה אין טאָג; שלאָפן אין צוויי גרויסע בנינים -- יינגלעך באַזונדער, מיידלעך באַזונדער. דאָס וועטער איז וואַרעם, די אַרבעט באַשטייט פון אַלערליי ערד-אַרבעט. ס'זיינען אויך פאַראַן 10 קי, אַ מילך-פאַרם. זי מיט איטאַן אַרבעטן ביי די בהמות; זי קען שוין אפילו אויסמעלקן אַ קו; זיי גייען אויך אַרויס פּאַשען די בהמות און עטלעכע שעפעלעך. זי האָפט, אַז ווען זי וועט דאָ ענדיקן, וועט זי זיין באַקאַנט מיט אַלע אַרבעטן, וואָס געהערן צו אַ פאַרם און אין ארץ-ישראל וועט איר דאָס צונוץ קומען.

זי נויטיקט זיך דערוויל אין גאָרנישט. זי האָט נאָך פונעם געלט, וואָס ער האָט איר מיטגעגעבן. זי דאַנקט גאָט, וואָס ס'איז איר אַריין אַזאַ געדאַנק אין קאָפּ אַריין. נאָר אַלע רעליגיעזע געזעצן קען זי דאָ נישט אָפּהיטן, אַחוץ נישט

אַרבעטן אום שבת. דער פּאַרמער איז איינגעגאַנגען אויף דעם, אַז ווער עס וויל קען אַרבעטן זונטיק אָנשטאָט שבת. ס׳קומען אויך דאָ פּאָר קאָנצערטן און סעמינאַרן. עס קומען אַהין שליחים פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע און האַלטן רעדעס פאַר זיי. דער עיקר איז, אַז דער פּאַרמער איז אויך אַ ייד, מיט אַ יידיש האַרץ און באַגייט זיך זייער פיין מיט זיי. זי איז שוין דאָרט איבער אַ חודש און אין 9 חדשים אַרום וועט זי באַקומען דעם סערטיפיקאַט. זי וועט זיין גליקלעך, ווען זי וועט באַקומען די דערלויבעניש צו פאָרן אינעם יידישן לאַנד -- ארץ-ישראל. עס איז געווען אַ גוטער, צופרידנשטעלנדיקער בריוו, פול מיט פּאַטריאָטיזם און האָפענונג אויף אַ ניי לעבן.

שמעון האָט זייער הנאה געהאַט פון דעם בריוו, אָבער ער קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, ווי אַזוי ער וועט זיך קענען שיידן מיט זיין בלוט און פלייש. ער האָט זי זייער ליב און בענקט נאָך איר. ער וואָלט זי שוין געוואָלט זען אין דער היים. ער פלעגט ליב האָבן צו זיצן און דיסקוטירן מיט איר. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און איר באַלד געשריבן אַן ענטפער. דער בריוו איז געווען אין וועג פינף טעג, און צוויי טעג איז עס שוין געלעגן אין זיין בריוו-קעסטל. ער האָט באַשריבן וועגן זיין ערשטער שליחות לטובת דער קאָאָפּעראַציע. ער האָט אַלץ באַשריבן, אָבער דערווייל אַרויסגעלאָזט וועגן דער באַגעגעניש מיט זלאַטען. זי וועט זיך וועגן דעם דערוויסן ווען זי וועט צוריק קומען פון דער הכשרה.

* * *

שמעון איז געקומען אינדערפרי צו דער אַרבעט און אַלע האָבן אים באַגריסט. דער דירעקטאָר האָט אים אַריינגערופן אין זיין קאַבינעט און שמעון האָט אים איבערגעגעבן אַ פולן באַריכט וועגן אַלעם, פון דער פינאַנציעלער זייט און פון דער אַדמיניסטראַטיווער זייט. ער איז אָפּגעזעסן איבער אַ שעה צייט און אַלץ באַריכטעט. ער דאַרף סיי-ווי-סיי אָנשרייבן אַ שריפטלעכן באַריכט, אָבער דער דירעקטאָר האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויפן געשריבענעם און שוין געוואָלט אַלץ הערן וועגן דער ערשטער שליחות, וואָס שמעון האָט דורכגעפירט. דער דירעקטאָר איז אַליין דאָרט געווען מיט אַ יאָר צוריק און האָט געקענט דעם פירער און דעם גאַנצן

פערסאָנאַל. ער האָט אפילו אונטערגעשטראָכן, אַז עס אַרבעט דאָרט אַ זלאַטע בערמאַן, וועלכע פירט זייער גוט די חשבונות. מען האָט זי אַמאָל געוואָלט איבערפירן אין אַן אַנדער ליי און שפּאָר קאַסע מיט אַ העכערן געהאַלט. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפון, ווייל דאָרטן האָט זי איר וווינונג און אַרבעט שוין לאַנג. שמעון האָט דאָס אויסגעהערט, אָבער זי האָט אים אויך וועגן דעם דערציילט.

אַ טאָג נאָך זייער צעשיידן זיך האָט זלאַטע, ווען קיי־נער האָט נישט באַמערקט, אויסגענוצט די געלעגנהייט צו טע־לעפאָנירן שמעונען. זי האָט אים אויסגעפרעגט ווי ס'איז צוגע־גאַנגען די רייזע צוריק? וואָס ער מאַכט? . . דערביי האָט זי צוגעוואָרפן אַ וואָרט, אַז זי וויל דאָס אַלץ וויסן, ווייל ער איז איר נאָענט. דאָס האָט שמעונען צערודערט. ער האָט זיך געשראָקן, אַז מ'האָט דאָס געקענט אונטערהערן. אָבער ער האָט זיך באַרויִקט, אַז קיינער האָט דאָס נישט געהערט. ער האָט אויך געפילט דאָס זעלבע, וואָס זי און ער האָט איר דאָס גע־זאָגט אויפן טעלעפאָן. ווען ער קען דאָס דורכפירן, וואָלט עס געווען פאַר אים אויסערגעוויינלעך גוט. ער זעט פון קיסאַס בריוו, אַז די צייט וועט איבערגיין און זי וועט פאָרן קיין ארץ־ישראל. ער וועט דאַן בלייבן איינער אַליין. צי איז עס ריכטיק פאַר אים צו זיין אַזוי אַליין? . .

עס איז אויך אָנגעקומען אַ בריוו פון זלאַטען, דאַטירט דעם צווייטן טאָג נאָך זיין אַוועקפאָרן. דער בריוו איז גע־שריבן געוואָרן מיט הייסע געפילן. זי שרייבט וועגן אים ווי דער מענטש, וואָס האָט זיך טיף איינגעבאַקן אין איר האַרצן, זי צערודערט און זי וואַרט מיט אומגעדולד אויף אַ באַגעגע־ניש. ס'האָט איר שוין אַרומגעכאַפּט אַ בענקעניש, ווי זיי וואָלטן זיך צעשיידט מיט אַ לאַנגער צייט צוריק. די אַרבעט גייט ביי איר אויטאָמאַטיש, אָבער דער קאָפּ טראַכט נאָר פון איין ציל. זי בעט אַ שנעלן קאָנקרעטן ענטפער, כדי זי צו באַרויִקן. זי שרייבט ווייטער, אַז זי האָט נישט געגלויבט צו ווערן אַזוי פאַרכאַפּט אין אַזאַ קורצער צייט. זי וויל וויסן, צי דאָס איז מיט אים אויך אַזוי. זי בעט אים נאָכאַמאָל תיכף צו ענטפערן אויף דעם בריוו און באַרויִקן דערמיט איר געמיט.

קיסאַ איז דערפּאָלגרייך

קיסאַן איז זייער געפעלן געוואָרן דאָס חלוצישע, פּראָדוקטיווע לעבן, געבויט אויף קאָלעקטיווע, סאָציאַלע יסודות. עס האָט אויף איר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק די באַציִונגען און די מאָראַלישע געפילן צווישן חברים און חברות; דאָס פירן אַ לעבן אָן געלט, אָדער זייער ווייניק געלט, און אָן באַגערן צו רייכטום; די געטריישאַפט, וואָס איינער ווייזט אַרויס צום צווייטן. עס האָט דאָ דאָמינירט איין ציל, איין ווילן, איין האָפענונג -- צו בויען אַ ניי סאָציאַל לעבן, אַ נייע געזעלשאַפט אין אַן אייגן יידיש היימלאַנד.

אַמאָל איז קיסאַ געגאַנגען מיט אַן עמער מילך און געפילט, ווי אַ בחור קוקט איר נאָך. זי פאַרטרייבט דעם געדאַנק -- מסתמא האָט זיך דאָס איר אויסגעדאַכט. אָבער דעם צווייטן און דריטן טאָג דאָס זעלבע -- דער בחור קוקט איר נאָך. האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ מינוט, אַזוי ווי זי וואָלט זיך אויף אַ רגע געוואָלט אָפּרוען. דער בחור, דערזעענדיק ווי זי איז שטיין געבליבן, גייט ער צו שנעל צו איר און זאָגט: „דו הערסט, כ׳וואָלט זייער געוואָלט אַ טרונק טאָן אַ קוואָרט מילך, נאָר וואָס פון דער קו". קיסאַ גיסט אים אַריין די מילך, ער טרינקט אויס און דאַנקט איר שיין. זי זאָגט צו אים: „אויב דו האָסט עס אַזוי ליב קענסטו יעדן טאָג צוקומען, וועל איך דיר געבן תיכף נאָכן אויסמעלקן". ער זאָגט איר זיין נאָמען, זאָגט „שלום" און גייט אַוועק.

חיים לעווין איז געווען אַן איין-און-איינציקער זון ביי זיינע עלטערן, וועלכע האָבן געוווינט אין קישענעוו. פאָטער און מוטער האָבן אים זייער ליב געהאַט און אַלץ געטאָן פאַר אים. אפילו דאָס פאָרן אויף הכשרה איז אויך געווען זיין אידעע און זיי האָבן מסכים געווען ער זאָל פאָרן. נאָך צוויי-

דריי מאָל, ווען קיסאַ האָט אים געגעבן די מילך צו טרינקען, זאָגט ער צו איר: „ביסט זייער אַ גוטע! אפשר וואָלטן מיר אַ ביסל שפּאַצירט נאָך דער אַרבעט? אָט דאָרט שטייט אַ באַנק, כ׳וועל דאָרט וואַרטן אויף דיר". קיסאַ באַטראַכט אים. „גוט, כ׳וועל קומען", זאָגט זי, און גיט אַ טראַכט -- נאָכוואָס? . . . אָבער, אַז זי האָט שוין צוגעזאָגט, וועט זי גיין. וואָס וועט זי זאָגן איטאַן? זי וועט איר אפשר אַלץ דערציילן, ווייל איינמאָל האָט זי איטאַן אויך געזען שטיין און רעדן מיט אַ חבר. חיים, אָדער חיימל, ווי מען פלעגט אים רופן, איז געווען אַ שיין ייִנגל מיט אַ געקרייזלטן קאָפּ האָר, אַ שטילער, אַ שע-מעוודיקער. דאָס בן-יחידות איז אים געלעגן אויפן פּנים. קיסאַ איז ביי אים געווען די ערשטע, ווו ער האָט גענוצט זיין מוט צו באַשטימען אַ באַגעגעניש. קיסאַ האָט אויך ביז דעם טאָג מיט קיינעם נישט אַריינגעלאָזט זיך אין טיפע רייד, אַ חוץ מיט איטאַן. עפּעס האָט זי ביי יענער יאָ עפּעס באַמערקט, אָבער נישט געלייגט קיין באַזונדערן אַכט אויף דעם. ביי קיסאַן איז דאָס איצט נישט געווען וויכטיק. ביי איר איז געווען גוט דאָס, וואָס זי אַרבעט גוט און דער אויפזעער לויבט זי ביי יעדער אסיפה. זי האָט געהאַלטן, אַז אויב אַ מענטש וויל עפּעס דערגרייכן אין לעבן, דאַרפן זיינע פירונגען אַרויסרופן די געהעריקע אויפמערקזאַמקייט.

נאָך דער אַרבעט איז קיסאַ געגאַנגען צום באַשטימטן אָרט. חיימל האָט שוין געוואַרט אויף איר און באַגריסט זי מיט אַ „שלום". מען הייבט אָן צו שפּאַצירן. אומזיסט איז געווען איר טראַכטן, עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זיינען נישט די איינציקע. צווישן די ביימער האָבן זיך געזען נאָך פּאָרלעך. זי האָט וועגן דעם קיין אַנונג נישט געהאַט. דער ערשטער געשפּרעך איז באַשטאַנען פון באַקענען זיך, ווער און פון וואַנעט? ווער זיינען די עלטערן? די בילדונג פון ביידע. דער בחור האָט כסדר געקוקט אויף קיסאַן, ווי ער וואָלט נאָך קיין מיידל נישט געזען. קיסאַ האָט דאָס באַמערקט. ער איז געווען אַן איידל דערצויגן ייִנגל מיט אַ גוטן כאַראַקטער, נאָר געווען אונטער דער מאַמעס השפּעה. זי האָט אים אָנגעזאָגט: „חיימעלע, זאָלסט גוט אַכטונג געבן מיט וועמען דו וועסט זיך באַגעגענען. די וועלט איז גרויס, פאַראַן אַלערליי מענטשן. דו ביסט נאָך יונג, דו קענסט נאָך נישט דאָס לעבן, די מענטשן".

אָפּגעשמועסט דעם אָוונט און זיך צעגאַנגען. חיימל

האָט שוין אָנגעהויבן טראַכטן אין ערנסט -- זי געפעלט אים. נישט אומזיסט האָט ער איר נאָכגעקוקט. קיסאַ האָט דער באַגעגעניש נישט אָפּגעגעבן קיין באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. איטאַן האָט זי בלויז געזאָגט, אַז זי האָט זיך געטראָפן מיט אַ בחור. עס זיינען נאָך דעם געקומען מער באַגעגענישן, וואָס זיינען אויך פאַרלענגערט געוואָרן אין צייט.

איינמאָל נאָך דער אַרבעט איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער ס'איז אויפגעטראָטן אַ שליח פונעם מרכז הציונית. אין לויף פון זיין רעדע האָט ער געמאָלדן, אַז אין דער רומענישער שטאָט דאָרנאַ וואַטראַ, וועט פאָרקומען אַ קאָנגרעס און אַ פייערונג פון פאָרשטייער פון חלוצים אין בעסאַראַביע און רומעניע. מען דאַרף דאָ צוליב דעם אויסקלייבן פינף דעלעגאַטן, פאַר וועלכע די פירערשאַפט וועט צאָלן 50 פראָצענט פון די הוצאות. חוץ דעם קענען נאָך צוויי חלוצים פאָרן ווי אַלטערנאַטיווע דעלעגאַטן, אָבער זיי וועלן דאַרפן צאָלן זייערע אייגענע קאָסטן. אויף דעם קאָנגרעס וועלן פאָרקומען סעמינאַרן, רעפעראַטן, אויפקלערונגען. עס וועלן אויך זיין אויספלוגן אין דער אַרומיקער געגענט, אין גערטנער, אויף הויכע בערג, ווו ס'וועלן געצונדן ווערן פייערן מיט געזאַנג און טענץ לויטן נוסח פון חלוצישן פאָלקלאָר.

האָט דער גורל צוגעשפּילט און ביידע, חיים און קיסאַ, זיינען אויסגעוויילט געוואָרן ווי דעלעגאַטן צום קאָנגרעס. זיי האָבן באַדאַרפט איינצאָלן זייער חלק פון די הוצאות אין צוויי וואָכן אַרום. זיי האָבן באַלד אַוועקגעשיקט בריוו צו זייערע עלטערן, אַז זיי מוזן האָבן דאָס געלט זייער שנעל. זיי האָבן אויך געשריבן וועגן דער רייזע, וואָס שטייט זיי פאָר. זיי וועלן פאָרן מיט אויטאָבוסן ביז אַ געוויסן וואָקזאַל, ווו אַלע וועלן זיך צונויפקומען. פון דאָרט וועלן זיי פאָרן מיט אַ ספּעציעלן באַן-וואַגאָן ביז דאָרנאַ וואַטראַ. זיי האָבן דאָן באַקומען די פּראָגראַמען, וואָס ס'וועט פאָרקומען אויף דעם פאָרום. דאָס האָט זיי נאָך מער דערנענטערט, ווייל זיי האָבן צוזאַמען דורכגערעדט די דעטאַלן פון דער רייזע. זיי זיינען נישט געווען קיין אויסנאַם. עס האָבן זיך פאַרמירט אַ סך פאָרלעך, טייל פון זיי גאַנץ ערנסט, מיט פּלענער פאַר דער צוקונפט.

* * *

דאָרנאַ וואַטראַ איז אַ רומענישע שטאָט ביי דער אונגאַרישער גרענעץ, מיט רייכע פעלדער און סעדער פון אַלער־ליי פרוכטן, רייך אין וויטאַמינען און זיסקייטן. דאָס איז אויך איינס פון די שענסטע קורערטער און היילונגס־פּלעצער פאַר טובערקולאָז, לונגען־אָנצינדונג און אַנדערע ענלעכע קראַנקהייטן. ווי דו גייסט ביסטו צווישן בוימער. די ערד איז דאָרט רייך מיט מינעראַל וואַסערן און נישט גאָר טיף. ווען מען גראָבט פון צוויי ביז פיר מעטער טיף, שפּריצט שוין אַרויס מינעראַל וואַסער פון אַ הויכן קוואַליטעט.

אין מיטן פון שטאָט ציט זיך אַ טייך, וואָס הייסט „ביסטריצאַ". דאָס וואַסער איז גוט צום טרינקען. עס לויפט זייער שנעל, יאָגט מיט אַ גרויסער גיכקייט. עס טרעפט זיך, אַז נאָך זיבן חדשים רינט אַוועק דאָס גאַנצע וואַסער און דער טייך ווערט טרוקן. די האָלץ אינדוסטריע ברענגט צונויף אָנ־געהאַקטע סטאָלבעס, קלאַפּט זיי צוזאַמען, שטעלט אפילו אויף זיי הילצערנע שטיבלעך. דערנאָך הייבט דאָס וואַסער אויף דאָס האָלץ און פאַרפירט עס צום נויטיקן פּלאַץ. דאָ קען מען זיך אויך באָדן. די שטאָט ציט פרנסה פון די קורערטער, סאַ־נאַטאָריעס און אַנדערע הייל־אַנשטאַלטן.

אין דער שטאָט שטייט אַ שיינע געביידע, אַ שלאָס. אינעווייניק שטייען צוויי מענטשן אין ספּעציעלע שיינע קליי־דער, וועלכע סערווירן אַרום 500 גלעזער מיט מינעראַל וואַסער אָן אָפּצאָל. מען קען טרינקען וויפל מען וויל אינעווייניק, נאָר נישט אַרויסטראָגן. אַהין קומען מענטשן זיך צו היילן, אָדער גלאַט אַזוי פאַרברענגען, פון רומעניע, בעסאַראַביע, אונגאַרן, בולגאַריע, טערקיי, און אפילו פון די אַמעריקאַנער לענדער און קאַנאַדע. אין די גאַסן הערט זיך פיינע מוזיק ביז שפּעט אין דער נאַכט. די גאַסן זיינען אַספאַלטירט און אומעטום איז ריין. רעגנס קומען פאָר אין זומער, אָבער קיין בלאָטע זעט מען קיינמאָל נישט.

אַרום דאָרנאַ וואַטראַ זיינען פאַראַן הויכע בערג, גרינע, באַוואַקסענע און באַזעצטע מיט בוימער. אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג וווינט אין די אַרומיקע דערפער, אויף די אונטערשטע טיילן פון די בערג. זיי באַשעפטיקן זיך מיט סעדער און ערד־ווירטשאַפט. כמעט אין יעדן הויף קענט איר געפינען אַ ברונעם מיט מינעראַל וואַסער. דאָ איז שטענדיק וואַרעם, פיל מאָל גרויסע היצן, אָבער מען פילט זיי

נישט. דער ווינטער איז כמעט ווי נישטאָ, ווייל ער איז זייער קורץ.

די באַפעלקערונג איז זייער אַרבעטסזאַם און פירט אַ פול צופרידן לעבן. זי באַשטייט פון: דייטשן, רומענער, אונגאַרן און בולגאַרן. יידן זיינען דאָ זייער ווייניק. די יידן וואָס לעבן דאָרט זיינען מערסטנטייל רייך. קיין אַנטיסעמיטיזם איז דאָרט נישט פאַראַן. אַלע נאַציאָנאַליטעטן לעבן דאָרט האַרמאָניש.

די ציוניסטישע פעדעראַציע האָט געהאַט די פולע פריי־הייט זיך צו באַוועגן אומעטום ווו זיי האָבן זיך געגוויטיקט, לויט די באַפעלן פון דער רומענישער רעגירונג. אַ גאַנצן מעת־לעת זיינען זיי געפאָרן, הונדערטער חלוצים, יינגלעך און מייד־לעך, אין באַזונדערע גרויסע וואַגאָנען. דאָרט איז נישט שטיל געוואָרן אויף קיין רגע -- אַ סך געלעכטער, אַנעקדאָטן, געזאַנג און אַלץ אין עברית. ס'האָט זיך באַמערקט אַ ספּעציעלע פריי־לעכע אַטמאָספערע, וואָס איז תמיד צוגעטיילט דער יוגנט. ווי ברידער און שוועסטער זיינען זיי געווען גרייט איינער דעם צווייטן צו העלפן.

חיים און קיסאַ האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, אומע־טום אין איינעם געגאַנגען: אויף די רעפעראַטן, געקלעטערט אויף די בערג, אין די שפּאַציר־ערטער, אויף אַלע פאַרווײלונגען, געזאַנגען, מאַרשן, געטאַנצט אַרום די אָנגעצונדענע פייערן, ביים עסן די מאָלצייטן, ביים טרינקען דאָס מינעראַל־וואַסער פון ביסטריצע טייך, אין די דערפער און גערטנער. מיט איין וואָרט -- שטענדיק צוזאַמען, אַ חוץ ווען ס'איז געקומען צייט צו גיין שלאָפן. ווייל חלוצים און חלוצות זיינען געשלאָפן אין באַזונ־דערע באַראַקן. ביים אָנהייב האָט קיסאַ געטאָן דאָס אַלץ מיט אַ גלייכגילטיקייט, ווי ס'וואָלט זי געלאַנגווייליקט. אָבער מיט דער צייט האָט זי אייגעזען, ווי ליב זי האָט אים באַ־קומען און אַז זי וואָלט נישט געקענט זיין אָן חיימלען. ווען זי האָט דאָס אים געזאָגט האָט עס אים געמאַכט זייער גליקלעך.

געקומען צוריק אין דער הכשרה־פאַרם אין אַ גוטער שטימונג און מיט אַ באַגאַזש פון נייער אינפאָרמאַציע. זי מעלקט די בהמות און חיימל טרינקט די מילך. זיי האָבן זיך, יעדער באַזונדער, אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן לאַנגע בריוו צו זייערע עלטערן. קודם־כּל האָבן זיי באַשריבן זייערע דערפאַ־רונגען אין דאָרנאַ וואַטראַ, ווי זיי האָבן געלערנט און שיין

פאַרברענגט. זיי האָבן פאַרגעזעצט אין זייערע בריוו, חיימל ווענן קיסאַן, און קיסאַ וועגן חיימלען. אָנגעהויבן פון אָנהייב ווי אַזוי זיי האָבן זיך געטראָפן, ווי זיי זיינען אויסגעוויילט געוואָרן ווי דעלעגאַטן און צוזאַמען געפאָרן אויפן קאָנגרעס, פאַרברענגט צוזאַמען און זיך פאַרליבט איינער אין אַנדערן. צום סוף האָבן זיי געשריבן, אַז זיי ווילן זיין אין דער צו־קונפט צוזאַמען, ווייל זיי טראַכטן ערנסט וועגן זייער לעבן. זיי האָפן, אַז די עלטערן וועלן זיין צופרידן מיט זייער דעציזיע און זיי העלפן אין דעם היגזיכט. יעדער בריוו האָט געהאַט פאַרשריבן דעם אַדרעס פון די אַנדערע עלטערן, כדי זיי זאָלן זיך צוזאַמען קומען, זיך באַקענען און אַדורכרעדן וועגן דעם.

ווען שמעון האָט באַקומען קיסאַס בריוו האָט ער אים געלייענט עטלעכע מאָל. עפּעס האָט זיך אים נישט געוואָלט גלויבן, אַז זיין טאָכטער איז שוין אויף אַזויפיל אויסגעוואַקסן, אַז זי רעדט שוין וועגן פאַרבונדן איר לעבן מיט אַ יינגל. ער איז באַלד אַוועק צו חיימלס עלטערן, לויטן אָנגעוויזענעם אַד־רעס. חיימלס פאָטער איז געשטאַנען אין אַן עסנוואַרג־געשעפט. ווי נאָר ער האָט זיך באַקענט מיט שמעונען, האָט ער גלייך פאַרמאַכט דאָס געשעפט און אים פאַרבעטן צו זיך אין הויז, וואָס איז נישט געווען ווייט פון געשעפט. שמעון האָט זיך באַ־קענט מיט פרוי לעווין און זיי האָבן זיך געטוישט מיט די בריוו, וואָס זיינען געווען כמעט פון איין אינהאַלט. ביידע מענער האָבן געמאַכט אַ לחיים און געוווּנטשן מזל־טוב. די מוטער האָט געלאָזט אַ טרער. עס איז באַשטימט געוואָרן, אַז מען זאָל זיך ווידער טרעפן, ספּעציעל ווען ס׳וועלן אָנקומען בריוו פון די קינדער.

שמעון האָט באַלד דעם זעלבן טאָג אָנגעשריבן אַן ענטפער צו קיסאַן. ער האָט איר געשריבן קודם־כּל, אַז ער איז צופרידן וואָס זי האָט געפונען עמעצן ליב צו האָבן. אויב זי איז גליקלעך מיט איר אויסוואַל איז ער אויך גליקלעך. ער האָט אויך געשריבן וועגן זיין באַזוך ביי חיימלס עלטערן, ווי וואַרעם ער איז אויפגענומען געוואָרן פון זיי און זיי האָבן זיך שוין אָפּגעגעבן אַ מזל־טוב. ער האָט דערמיט איר געגעבן אָנ־צוהערן, אַז זיי זיינען צופרידן מיט זייער זונס אויסוואַל. ער האָט זי געבעטן, אַז איידער זי באַשטימט אויף זיכער, זאָל זי אויספאָרשן זיין כאַראַקטער, זיין אינטעלעקט און אויפפירונג.

שמעון האָט אויך דעם זעלבן טאָג אָנגעשריבן אַ בריוו

צו זלאַטען. ער האָט איר גענוי באַשריבן וועגן קיסאַן און אירע פּלענער פֿאַר דער צוקונפֿט. וועגן זיך האָט ער געשריבן, אַז ס'הייבט זיך ביי אים אָן אַ ניי בלעטל אין זיין פֿאַמיליע-לעבן.

זלאַטע האָט באַקומען דעם בריוו און זי האָט באַשלאָסן צו פֿאָרן קיין קישענעוו. דער דירעקטאָר האָט איר נישט געוואָלט געבן קיין דערלויבעניש אַוועקצופֿאָרן, ווייל אָן איר איז אים שווער. זי האָט אָבער פֿאַר אים אויסגעלייגט אַ ריי תירוצים פֿון איר קרובה אין קישענעוו, אַז ער האָט איר געגעבן פֿינף טעג, אָבער אונטערגעשטראָכן -- נישט מער. . .

זלאַטע איז געקומען קיין קישענעוו, זי איז אַריין צו איר קרובה אויף אַ ווייל און איר געזאָגט, אַז זי איז געשיקט געוואָרן פֿון דער אַרבעט און זי וועט זיין באַגרענעצט מיט פֿרייער צייט. זי האָט זיך קוים דערוואַרט ביז 6 אַזייגער און זי איז אַוועק צו שמעונען, לויטן אַדרעס, וואָס ער האָט איר געשריבן. ווען ער האָט זי דערזען, איז ווי זי וואָלט פֿון הימל אַראָפּגעפֿאַלן. זיי האָבן זיך פֿיין צעקושט, זי אַריינגעפֿירט ווו קיינער שטערט זיי נישט. ער האָט מיט גרויס צופֿרידנקייט זי אויפֿגענומען מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט. ער האָט זיך נישט געריכט אויף אַזאַ פֿלוצעמדיקן, טייערן גאַסט.

זיי האָבן אָפּגעגעסן, געכאַפּט אַ ביסל שטאַרקס און זיך געווונטשן לחיים. נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אַ ביסל באַרויִקט האָט מען אָנגעהויבן שמועסן, ווי אַזוי מען הייבט עפּעס אָן צו טאָן? שוין באַשטימען אַ זמן חתונה קענען זיי נישט צוליב קיסאַן. מען וועט מוזן וואַרטן ביז זי וועט פֿאַרענדיקן די הכשרה. דעמאָלט וועט מען זען, וואָס מיט איר וועט זיין. ס'איז איר נאָך געבליבן איין חודש. נו, וועלן זיי מוזן וואַרטן. זיי האָבן געמאַכט פּלענער אָן אויפֿהער. זי וועט מסתמא דאַרפֿן אויפֿגעבן די אַרבעט, פֿאַרקויפֿן דאָס הויז. ס'איז נאָך פֿאַרבונדן מיט שוועריקייטן. אָבער אַלץ וועט זיך איינאָרדענען מיט דער צייט. מיט די פּלענער איז זי אַהיים געפֿאָרן. פֿאַר איר אַוועקפֿאָרן האָבן זיי פֿאַרברענגט עטלעכע טעג צוזאַמען.

קיסאַ האָט חתונה

קיסאַ האָט געענדיקט די הכשרה און באַקומען אַ דאָקומענט, ווי אַ גוטע אַרבעטערין. איצט דאַרף זי וואַרטן אַ שטיקל צייט צו באַקומען אַ סערטיפיקאַט פון דער ענגלישער מאַנדאַטן-מאַכט, אַז זי האָט די רעכט אַריינצופאָרן אין לאַנד אַריין. עס זיינען געווען עטלעכע טעג פון רו האָט שמעון מיט קיסאַן איינגעלאַדן חיימלען מיט זיינע עלטערן צו זיך. חיימל האָט נישט געקענט וואַרטן. שוין דעם צווייטן טאָג האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט צו קיסאַן, ווען שמעון איז געווען ביי דער אַרבעט. זיי האָבן ביידע באַשלאָסן צו פאָדערן פון די עלטערן צו באַשטימען אַ זמן חתונה. זיי ווילן אָנהייבן אַ לעבן צוזאַמען און ווילן נישט וואַרטן צו לאַנג.

די עלטערן האָבן אויסגעפרעגט זייערע קינדער צי זיי האָבן זיך ליב? ביי אַ גלעזל ווין און אַ צובייס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די חתונה זאָל פאָרקומען אין צוויי חדשים אַרום. ווען ס'איז אַרויפגעקומען די פראַגע וועגן חתונה-הוצאות האָט חיימלס פאָטער אויסגערופן, אַז ער נעמט אויף זיך אַלע הוצאות. ער האָט איין קינד, ווי אַן אויג אין קאָפּ, און ער וויל נישט, אַז עמעצער אַנדערש זאָל חתונה מאַכן זיין קינד. ס'איז געווען צו באַוווּנדערן די פיינקייט פונעם פאָטער. מען האָט זיך ווידער צעקושט, ספּעציעל חיימל און קיסאַ, און נאָכאַמאָל געגנוי באַשטימט די דאַטע פון דער חתונה. עס איז אויך אָפּגערעדט געוואָרן, אַז מען זאָל זיך אָפּטער טרעפן, כדי אַרומצורעדן קלענערע דעטאַלן, ווי אויך העלפן אין די צוגרייטונגען, ווייל חיימלס פאָטער איז אַ שטאַרק פאַרנומענער מענטש. שמעון האָט זיי דאָס צוגעזאָגט, ווי אויך דאָס פאַרליבטע יונגע פּאָרל.

נאָך דעם אַלעמען האָט שמעון זיך אַוועקגעזעצט און דערציילט קיסאַן אַלץ וועגן זיין צונויפטרעף און זיין פאַרבינדן זיך מיט זלאַטען. קיסאַ האָט אים אויסגעהערט און געענט-פערט, אַז ס'איז זייער גוט אויב ער וויל זיך מיט עמעצן פאַר-בינדן. וואָס שייך חתונה האָבן דאַרף ער זיכער, ווייל צו זיין אַליין איז נישט פאַר אים. „ווען איך וועל אַוועקפאָרן", האָט זי צוגעגעבן, „דאַרפסטו עמעצן האָבן מיט דיר, ספּעציעל אויב זי איז אַ פיינע פרוי, ווי דו זאָגסט. אפשר וועסטו נאָך מיט איר אויך קומען קיין ארץ-ישראל. אַלע יידן, יונג און אַלט, דאַרפן קומען אין אונדזער לאַנד. מיר דאַרפן בויען אַ יידישע מדינה און נישט זיין צווישן אַנטיסעמיטן".

שמעונען איז אויסגעקומען צו אַרבעטן אויף עטלעכע פראָנטן: זיך גרייטן צו דער חתונה; אויסקליידן קיסאַן, כאָטש זי שרייט, אַז אויספּוצונגען דאַרף זי נישט. ער דאַרף אויך טראַכטן וועגן זיך. ער טאָר בשום אופן נישט פאַרנאַכלעסיקן זיין אַרבעט, ווייל דאָרטן דאַרף מען אים האָבן. ער איז אַוועק צו זיינע עלטערן און זיי אַלץ דערציילט. זיינע שוועסטער זיינען שוין אַוועקגעפאָרן קיין ארץ-ישראל און ס'איז שוין אָנ-געקומען אַ בריוו, אַז זיי זיינען אויפן אָרט, אויף זייער גע-קויפטער ערד. יאַנקעש מיט באַשען, זיינע עלטערן, זיינען שוין געווען אויף דער עלטער. זיי זיינען געווען צופרידן, וואָס שמעון איז געקומען צו זיי און זיי אַלץ דערציילט. זיי האָבן אים גע-ענטפערט, אַז אויב ער נויטיקט זיך אין געלט אָדער אין אַ מתנה, מיט דעם קענען זיי אים העלפן. זיי האָבן אים גע-ווונטשן דאָס בעסטע און געזאָגט, אַז ער טוט זייער ריכטיק, וואָס ער וויל חתונה האָבן. ס'איז נישט גוט צו זיין אַליין. ער האָט דערפריידט די עלטערן מיט דעם וואָס ער איז געקומען און זיי אַלץ דערציילט. ער האָט זיי געמוזט צוזאָגן, אַז ער וועט שיקן קיסאַן צו זיי און אפשר מיט איר באַשערטן. ער האָט גלייכצייטיק זיי דערציילט וועגן דעם יינגל און וועגן זיינע עלטערן, וועלכע זיינען גאָר פיינע מענטשן.

זלאַטע האָט באַקומען אַן איינלאַדונג צו קיסאַס חתונה. זי איז אַריינגעגאַנגען צום דירעקטאָר, אים געוויזן די איינלאַדונג און געבעטן דערלויבעניש צו פאָרן. דער דירעקטאָר האָט זי גענומען ציען ביי דער צונג און געזאָגט: „עפּעס איז ביי דיר נישט אינגאַנצן אין אָרדענונג. נישט לאַנג צוריק ביסטו געווען אין קישענעוו. איצט ווידער אויף אַ חתונה.

אַזויפיל יאָרן ביסטו נישט אַרויסגעפאָרן אין ערגעץ. קלערסטו נישט אַמאָל אונדז צו פאַרלאָזן? זאָג!" דאָ האָט זלאַטע זיך פאַרלוירן און אָנגעהויבן צו דערציילן אַלץ, נאָר נישט מיט וועמען זי גייט חתונה האָבן. זי האָט צוגעגעבן, אַז זי וועט מוזן פאַרלאָזן די אַרבעט. ער קען אָנהייבן זוכן אַ צווייטע אויף איר אָרט און זי וועט יענער העלפן איבערנעמען איר פּאָסטן. מעגלעך, אַז זי וועט פאַרקויפן איר הויז און אַרויס־פאָרן פון סאַראָקע. זי וועט אים נאָך שפּעטער דערציילן אַלע איינצלהייטן.

* * *

עטלעכע טעג פאַר דער חתונה זיינען אָנגעקומען די סערטיפיקאַטן. זיי זיינען געווען גילטיק אויף זעקס חדשים. במשך דער צייט האָבן די עולים געמוזט אָנקומען אין לאַנד. כאָטש מען האָט זיך אויף דעם געריכט, מען האָט וועגן דעם גערעדט, איז עס דאָך געווען אַ גרויסע אויפטרייסלונג פאַר די עלטערן. די יונגע מענטשן האָבן זיך שטאַרק דערפרייט. ביים בלויזן רעדן וועגן דעם איז נאָך געווען גרינג. אָבער ווען מען האָט דערזען די סערטיפיקאַטן און פאַרשטאַנען, אַז דער שָעת הַכּשֶר איז אָנגעקומען, איז ביי די עלטערן געוואָרן שווער אויפן האַרצן. שמעון האָט געטראַכט, אַז אָט פאָרט קיסאַ אַוועק און ווער ווייסט צי ער וועט זי נאָך זען. ביי דער לעווין משפּחה איז אויך געווען דער זעלבער געדאַנק. חיימלס מוטער האָט געקלאָגט, וואָס איר איין־און־איינציקער זון פאָרט אַוועק אַזוי ווייט. דער פאָטער האָט זי געפּרוּווט באַרוּיקן און איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז עס איז בעסער ווי צו גיין דינען ווי אַ סאָלדאַט אין דער רומענישער אַרמיי. „ס'קען זיין מעגלעך", זאָגט דער פאָטער, „מיר האָבן געלט, אפשר וועלן מיר אויך דאָרט אַהין עמיגרירן. ביי גאָט קען אַלץ פאַסירן".

מען האָט צעשיקט די איינלאַדונגען צו דער חתונה. אין שטאָט האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די לעווינס מאַכן חתונה זייער בן־יחיד צו שמעון בערמאַנס בת־יחידה און נאָך דער חתונה וועט דאָס יונגע פּאָרל אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל. וועגן דעם האָט גערעדט קינד און קייט.

די חתונה איז געווען זייער אַ שיינע, אַרום 250 איינ־געלאַדענע געסט אין אַ גרויסן טעאַטער־זאַל. אין דרויסן זיינען

געשטאַנען די בעלי-עגלות, וועלכע האָבן געבראַכט די געסט און געוואַרט אויף זיי. אַ שיינער אָרקעסטער האָט געשפּילט צום טאַנצן. קיסאַס חברטעס האָבן געהאָלפן אויספּוצן די כלה, אַז זי זאָל זיין די שענסטע. אַ סך חלוצים און חלוצות זיינען דאָרט געווען, ווי אויך פאָרשטייער פונעם ציוניסטישן פאַריין. עס זיינען אויך געקומען הויכגעשטעלטע רייכע געסט. צו דער חופּה האָט די כלה געפירט נאָר שמעון, ווייל מיט זלאַטען האָט ער נאָך נישט געקענט. די חתונה איז דורכגעגאַנגען אַ פריילעכע, אַ צופרידענע, מיט די בעסטע מאכלים, געטראַנקען, מיט די שענסטע טענץ. זלאַטע איז אויך געווען צווישן די געסט, כאָטש ווייניק מענטשן האָבן געוווסט, וואָס פאַר אַ שייכות זי האָט צו דער חתונה.

די זיידע-באָבע בערמאַן און דער זיידע יאַנקל בירענבוים האָבן זיך שטאַרק געפרייט און געדאַנקט דעם רבונו-של-עולם פאַר דער זכיה צו דערלעבן זייער אייניקלס חתונה. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי זיינען שוין געווען אויף דער עלטער און אַ ביסל שוואַך, ספּעציעל זינאָס פאָטער, האָבן זיי דאָך שיין פאַרברענגט און אפילו געכאַפּט אַ טענצל מיט די חתן-כלה.

יידן טאַנצן

די עליה קיין ארץ-ישראל

נאָך דער חתונה האָט דאָס יונגע פּאָרל דערווייל געוווינט ביי די לעווינס, ווייל זיי האָבן געהאַט מער פּלאַץ. שמעון מיט זלאַטען האָבן באַשטימט זייער זמן חתונה תיכף נאָכן אָפּפאָרן פונעם יונגן פּאָרל. שמעון האָט זלאַטען באַקענט מיט קיסאַן אוןביידע זיינען זיך געפעלן געוואָרן און זיך באַפריינדעט.

קיסאַ און חיימל האָבן אָנגעהויבן צוגרייטן אַלע פּאַפּירן, וואָס זיינען נויטיק געווען. זיי האָבן איינגעקויפט עטלעכע זאַכן און איינגעפּאַקט אַלץ, וואָס זיי נעמען מיט. אַ חודש שפּעטער זיינען זיי געפאָרן צום רומענישן פּאָרט קאָנסטאַנץ. פון דאָרט האָט די שיף זיי געפירט ביז חיפה. זיינאַס פאָטער יעקב, קיסאַס זיידע, איז געוואָרן פּאַראַליזירט, אָפּגעלעגן אַ וואָך צייט אָן באַוווסטזיין און געשטאָרבן אין אַ הויז פאַר עלטערע מענטשן. שמעון קומט באַזוכן זיינע עלטערן, זיצט מיט זיי און שמועסט, אָדער לייענט די בריוו פון ביידע שוועסטער פון ארץ-ישראל.

נאָך קיסאַס חתונה איז זלאַטע אַהיים געפאָרן, פאַרקויפט איר אייגענע שטוב, אויפגעגעבן די אַרבעט און גלייך געקומען צו שמעונען. זיי האָבן חתונה געהאַט קורץ נאָכדעם. ס'איז געווען אַ שטילע חתונה, בלויז עטלעכע צענדליק מענטשן. זיי האָבן געוווינט ביי שמעונען אין וווינונג. זי האָט זייער געוואָלט אַרבעטן, האָט איר שמעון צוגעזאָגט צו געפינען עפּעס אַן אַרבעט. דערווייל איז זי געווען אַ נייע בעל-הביתטע און שמעונען איז געוואָרן היימלעכער. זיי האָבן געפירט אַ שיין לעבן.

חיימלס עלטערן זיינען געווען יונגער און רייכער פון שמעונען. ווען ס'האָבן אָנגעהויבן קומען גוטע בריוו פון חיימלען און קיסאַן, האָט דער מחותן איבערגעשיקט אַהין געלט, געקויפט באָדן אין ארץ-ישראל, אין פתח תקוה. מיט אַ צייט שפּעטער האָט ער פאַרקויפט זיין קלייט און עולה געווען קיין ארץ-ישראל. שמעון האָט דאָס נישט געקענט טאָן. נישט ער האָט געהאַט גענוג געלט און נישט געוואָלט איבערלאָזן זיינע עלטערן אויף גאָטס באַראָט.

פון קיסאַן מיט חיימלען פלעגט שמעון קריגן אָפטע בריוו. ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין ארץ-ישראל זיינען זיי אַריין אין אַ קיבוץ, נישט ווייט פון ים המלח. זייער אַ וואַרעמער קלימאַט, אפילו היצן, נאָר מיקען זיי איבערטראָגן. זיי האָבן זייער אייגענעם ווינ-אָרט. קיסאַ האָט נישט אויפגעהערט זיך צו פרייען, אַז סוף-כּל-סוף זיינען זיי אין זייער אייגענער היים. אין אירע בריוו שרייבט זי: „אַרום אונדז זיינען סאַמע ברידער און שוועסטער. מיר דאַרפן און מוזן בויען אַ היים פאַר אונדזער פאָלק".

קיסאַ איז שוואַנגער געוואָרן. אין קיבוץ האָט זי געבוירן אַ צווילינג -- אַ ייִנגעלע און אַ מיידעלע. זיי האָבן דאָס ייִנגעלע אַ נאָמען געגעבן יעקב, נאָך איר זיידן, זינאַס פאָטער. דאָס מיידעלע האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן זיסל, נאָך קיסאַס „זיסער" מוטער זינאַ. זי האָט תמיד געטראָגן דער מוטערס בילד ביי זיך אין טאַש און זייער אָפט געקוקט אויף דעם. ווען זיי האָבן זיך אַריינגעצויגן אין זייער וווינונג אין קיבוץ, איז דאָס ערשטע וואָס זי האָט געטאָן איז געווען דאָס אויפהענגען אויף דער וואַנט זינאַס בילד. זי האָט נאָך נישט אין גאַנצן שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז זי איז נישט שולדיק אין איר מוטערס טויט.



אַנטיסעמיטיזם אין בעסאַראַביע

דער אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט געהערשט אין די יידישע ישובים אין בעסאַראַביע, האָט אויך פאַרכאַפּט דאָס שטעטל טעלענעשט. דאָס איז געווען אין די דרייסיקער יאָרן, אונטער דער רומעניִשער הערשאַפט, כאָטש די באַציִונגען זיינען געווען קאָרעקטע צווישן די יידן און דער נישט-יידישער באַפעלקערונג. מ׳האָט געהאַנדלט צוזאַמען, געווען פאַרבונדן מיט דער שפּראַך, געלערנט אין די זעלבע שולעס. דאָך האָט זיך די שׂנאה געפילט מיט זיין אַנטיסעמיטישן גיפט.

נישט ווייניק פאַלן זיינען געבליבן, וואָס קענען גרינג נישט פאַרגעסן ווערן ביזן היינטיקן טאָג; פאַלן, וואָס קענען דינען ווי אַ ביישפּיל צו באַשטעטיקן די טיפקייט פון דעם בי-טערן סם. אָט איז אַ פאַל: אין אַ שולע אין שטעטל, אין די ווינטער חדשים, אין אַ יידישן הויף. ביי אַ יידן, איצל בענדער, איז געווען אַ לערן-שולע, געדונגען פון אים פאַר יידישע און נישט-יידישע קינדער. דער דירעקטאָר און לערער איז געווען איינער מיטן נאָמען באדרוג, אַ באַוווּסטער יידישער בלוט-פרעסער. מאַכט זיך אַ פאַל, אַז די יידישע פעלדשערין, ראָזאַ קאַגאַן, איז געקומען, ווי מ׳פלעגט אין יענע צייטן זאָגן: „שטעלן פּאָקן" די שילערס. ווען די פעלדשערין איז געווען פאַרנומען מיט איר אַרבעט, האָט דער צורר היהודים באדרוג אונטערגעהייצט דעם אויוון, פאַרמאַכט דעם קוימען, און פאַראורזאַכט אַן אַלגעמיינעם טשאַד, וואָס האָט פאַרסמט די פרייע לופט. ווען די יידישע פרוי האָט פאַרלאָזט די שולע, האָט דער דירעקטאָר אויפגעהויבן אַ געשריי, אַז די יידישע פעלדשערין האָט דעם טשאַד ספּעציעל פּראָוואָצירט. . . מען האָט די אומשולדיקע פרוי אויסגעפאַרשט. נאָך אַ לענגערן אַרעסט און נישט ווייניק אַנגסטן, דורך אינטערווענצן פון די בני-העיר און אַדוואָקאַטן -- האָט מען די פרוי באַפרייט. ס׳איז

דערנאָך באַשטעטיקט געוואָרן, אַז דאָס איז געווען אַ געמיינע פּראָוואָקאַציע פון דעם לערער-דירעקטאָר, דעם אַנטיסעמיט, דער אַזוי-גערופענער דערציער פון אַ קומענדיקן דור. . .

אַ צווייטער פּאַל: ביי אַ יונגער יידישער משפּחה. יוסף סטרולאָוויטש, אַן אויסגעצייכנטער אַדוואָקאַט, אַ געבוירענער אין אַלט רומעניע, אין דער שטאָט באַטאַשאַן, האָט חתונה געהאַט מיט אַ טעלענעשטער יידישער טאָכטער -- זלאַטע כאַר-קאָווער. אַחוץ זיין אַן אַדוואָקאַט, איז ער אויך געווען אַ גוטער פּעדאַגאָג. האָט ער געדינט אַלס לערער אין אַן אָרטיקער שולע. דער שטעטלדיקער גלח האָט געהאַט אַ זון, אַ שייגעץ, האָט ער אים געשיקט אַלס שילער צום געליבטן פּע-דאַגאָג סטרולאָוויטש. אָבער ווען דער תכשיט האָט זיך אַרויס-געוויזן ווי אַן אמתער גוי-גמור און נישט געוואָלט לערנען, האָט סטרולאָוויטש אים אַהיים געשיקט. דעם זעלבן טאָג האָט מען סטרולאָוויטשן אַרעסטירט אויף דער באַשולדיקונג, אַז ער האָט בלוטיק צעשלאָגן דעם גלחס זונדל. און אַזוי ווי ס'איז ערב פּסח, דאַרפן יידן בלוט. . . (דער אַלטער באַוווסטער בילבול).

פאַרשטענדלעך, אַז די ידיעה האָט ווי אַ בליץ פּאַר-כאַפּט די גאַנצע יידישע און נישט-יידישע באַפעלקערונג. זיינע קאָלעגן, די באַוווסטע יוריסטן: פון טעלענעשט -- אַדוואָקאַט איידעלשטיין; פון אורהיוו -- אַדוואָקאַט פּיסאַרעווסקי, און אַנ-דערע נישט-יידישע אַדוואָקאַטן, האָבן אויפגעוויזן דעם נאַרישן בילבול פון די שונאים. דעם אַדוואָקאַט סטרולאָוויטש האָט מען באַפרייט, און אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דער תכשיט האָט מודה געווען זיין אייגענעם געניאַלן איינפאַל -- מיט אַ שטיקל גלאָז האָט דער שייגעץ זיך די האַנט צעשניטן, ווייל מ'האָט אים אַהיים געשיקט.

אַזעלכע זיינען זיי געווען. ס'געדענקען זיך די צייטן פון „קוזאַ-גוגאַ", שניידן בערד און פּאות פון יידן אין די באַנען. דאָס זיינען געווען אַקציעס פון קאַדריאַנער סטודענטן. אויך קען מען נישט פאַרגעסן די אָרטיקע טעלענעשטער שונאי-ישראל, ווי די שכנישע „פּאַליפּעס", די מערדערס, חיות בצורת אָדם. פּראָפעסיאָנעלע חזרים הענדלער, קצבים, מיט זייערע שאַרפע מעסערס, פלעגן שטענדיק דראָען יידישע לעבנס און יידיש האָב-און-גוטס. יאָ, ס'געדענקט זיך גוט, ווי אומעטום האָט געהערשט שנאה און אַלץ איז געווען הפקר.

בעסאַראַביע

די וועלט ווייסט פון דיין שוואַרצער פעטער ערד,
מענטשן דערציילן און מענטשן האָבן געהערט.
וועגן בעסאַראַביע אַ סך פלעגט מעןריידן.
באַליבט ביי אַלעמען אין פריידן און אין ליידן.

ס'איז אַ לאַנד פון שאָף און רינדער;
גוטע ווײַנען טרינקען אפילו קינדער.
באַרימטע ווײַנען פון פאַרשיידענע סאָרטן,
נישט געווען אין ערגעץ אַזעלכע ווי דאָרטן.

פּאָווידלע מאַכט די באָבע אין ערדענעם טעפּל,
פון פרוכטן באַטעמטע -- פלוימען, באַרן, עפּל.
מען עסט מאַמעליגע מיט אַ געזאַלצן פישל --
קעז, פּוטער, ברינזע געשטעלט אויפן טישל.

די געטריבענע טשערעדע עפנט דעם פרימאָרגן,
קייעט דאָס גראָז צופרידן, אָן זאָרגן
פאַרנאַכט אַהיים זיי גייען מיט געהילך,
ברענגען מיט זיך פולע אייטערס מיט מילך.

עס קוועלט מיט פרייד יעדער ייד און גוי,
די זאַנגען און קווייטן -- נאַסע פון טוי.
עס פליסן שטראָמען פון בערגלעך און טאָלן.
נישטאָ געגנוג געלט פאַר דעם אַלעם צו באַצאָלן.

געווען אַ מחיה אַ שפּאַציר צו מאַכן
אויף דיינע ברייטע, באַוואַקסענע שליאַכן.

לענג-אויס אַ טייך, אין טונקעלע וועלדער,
אין פּרוכטן-סעדער, אויף געאַקערטע פעלדער.
הויך-געוואַקסענע שיינע זין און טעכטער,
אַרבעטן אין פעלד מיט געזאַנג און געלעכטער.
די זון פאַרגייט, דער טאָג גייט אַוועק,
אַ רויִקייט צעשפּרייט זיך פון עק צו עק.

דו ביסט געגאַנגען פון האַנט צו האַנט,
פיל-שפּראַכיקע מעלדונגען געהאַנגען אויפן וואַנט.
טערקן, גריכן, רוסן און רומענער --
פרעמדע רעזשימען, פרעמדע פּנים.

די זכרונות, זיי פליען סתּם אָן אַ סדר:
די ערשטע יאָרן, די שולע, דער חדר,
דאָס שטיבל וווּ געשטאַנען איז מיין קינדער-בעטל,
דאָס קבר וווּ ס׳ליגט מיין הייליקע מוטער עטל.

געצוווּנגען געווען פון דאָרט אַוועקצופאָרן.
דער קאָפּ שוין גרוי, אָבער פריש דער זכרון.
סיבענקט אַזוי שטאַרק נאָך יענע גוטע צייטן,
נאָך בעסאַראַביע -- מיין לאַנד דעם ווייטן.



קאָפּרעשט

קאַפּראַ הייסט אין דער רומענישער שפּראַך -- אַ ציג און מיין געבוירן-שטעטל, וואָס איז געווען טאַקע אַ קליינס, טראָגט דעם נאָמען קאָפּרעשט. קאָפּרעשטער יידן האָבן נישט געוואָלט שיקן אין ערגעץ זייערע קינדער. זיי האָבן געשאַפן אַ פּירערשאַפט, צונויפגעזאַמלט געלט, אויסגעבויט אַ „בית-עם", אַז נישט נאָר יידן, נאָר ווער ס׳וועט וועלן, זאָלן זיך דאָ פילן ווי ביי זיך אין דער היים. די מלחמה האָט אָפּגעווישט קאָפּרעשט פון גאָטס ערד. דאָרט איז פאַרבליבן איין ייד, וואָס היט די טויטע אין די קברים. די לעבנגעבליבענע האָבן נישט געהאַט וווהין זיך אומצוקערן.

די רוסישע אַרמיי, וועלכע איז אַריינגעקומען אין 1940, האָט אָפּגעשטעלט די בויונג פונעם „בית-עם", און נאָך דער מלחמה האָט מען בכלל אויסגעמעקט דעם נאָמען, קאָפּרעשט פון דער געאָגראַפישער מאַפּע, ווי גלייך ס׳איז קיינמאָל אַזאַ שטעטל נישט געווען. מ׳האָט עס פאַראייניקט מיט אַן אוקראַי-נישן דערפל „פּראַדענעשטי" וווהין קיין יידן קומען נישט.

געפירט האָט מען גאָר אַן איינפאַך לעבן, אָן איבע-ריקע חכמות און פאַלשע געדאַנקען. קיין שפּיגל צוםביישפּיל, איז אין ערגעץ נישט געווען, אפילו ביי די גאָר רייכע מענטשן. כ׳געדענק ס׳איז געקומען מיין פאָטער מיט זיין שותף צו דעם פריץ אַוואַליעוו. דעם פריץ איז דערלויבט געווען אויסצובויען פאַר זיך אַ הויז, ענלעך צום קעניגס. נאָר מיט אַ באַדינג, אַז ס׳זאָל זיין ווייניקער מיט איין פענצטער. גייען אַריין מיין פאָטער מיטן שותף אין דעם פּאַלאַץ -- זיי קומען אַריין, מ׳גייט זיי אַנטקעגן. זיי גריסן זיך, מען גריסט זיך אַנטקעגן אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט זיך געגריסט, ביז זיי האָבן זיך אָנגעקלאַפּט מיט זייערע נעזער אין דעם גרויסן שפּיגל. קאָפּרעשטער יידן זיינען

אין אַזעלכע פּאַלאַצן נישט געקומען.

אַמאָל, ווען כ'בין געווען אַ לערער אין אַ דאָרף גאַוזען, נאָענט צו קאָפּרעשט האָט זיך מיר פּאַרגלוסט נאָכן לערנען, אַ שפּאַציר טאָן אין פעלד אויף דער פרישער לופט, און כ'בין אַזוי פאַרקראָכן אויפן פריצישן „פּאַרמעגן". דער פּריץ בכבודו, גייט אַהין און צוריק אויפן באַלקאָן. מיט טונקעלע אויגן-גלעזער, אויסגעפּוצט ריין, אַזוי אָנגעטאָן האָט מען קיין געוויינטלעכן קריסט נישט געזען. זיך דערוווּסט, אַז דאָס גייט אַ יידישער לערער, האָט ער באַפוילן, און איינס-צוויי, האָט מען מיך אָנגעכאַפּט ביי די הענט און פיס, אַרויסגעפירט פון זיין „פּאַרס", אַז ס'זאָל זיך ביי אים קיין יידישער „דעך" נישט געפינען.

אין בעסאַראַביע האָט קיין אַנטיסעמיטיזם נישט גע-פעלט. ווי באַוווּסט, איז דער שאַרפסטער רוסישער אַנטיסעמיט אין דער מלוכהשער „דומאַ" געווען דער אַכזר קרושעוואַן, אַ בעסאַראַבער פּריץ. קיין קאָפּרעשט האָבן פון קרושעוואַנס מענטשן נישט אַריינגעדרונגען. ס'איז געווען אַן אייגענע פּאַרטיידיקונגס גרופּע, וועלכע איז באַשטאַנען פון עטלעכע ברייטפּלייציקע יאַטן, געזונטע חברה, ביי וועמען אַ פּאַטש איז נישט אָנגעקומען שווער. וואָס שטאַרקער די פּאַרטיידיקונג, אַלץ מער איז געווען דאָס גלויבן אין זיך.

צוליב מיין שטיפמאַמע, בין איך אַוועק פון דער היים קיין קישענעוו. רייכע בעסאַראַבער יידן זיינען געווען רעליגיעזע. זיי פּלעגן העלפן מיט דער ברייטער האַנט יתומים און אַלמנות. מיט זייער הילף, האָב איך פאַרענדיקט די גימנאַזיע. מיט דער צייט בין איך געוואָרן אַ פירער פונעם יוגנט „אַנטי-פּאַשיסטישן קאָמיטעט", וועלכן די רומענער האָבן דערנאָך גע-שלאָסן, מיך פאַרבעטן אין דער „חד-גדיא" אַריין, נישט אויף לאַנג. . . נאָר ס'איז דאַן נישט געווען צו פאַרשטיין וווּהין גייט רומעניע? ס'איז געקומען דאָס יאָר 1933, דער אַנטיסעמיטיזם איז גלייך אַריין אין פּאַרלאַמענט. די צייטונג „אָנזאָג פון דער צייט" („פּאַרונקא ווּרעמעני") האָט געגוואַלדעוועט מיט כּעס. . . פּראָפעסאָר קוזאַ מיט זיין פּאַרטיי האָבן אָפן גערופן צו פּאָגראָמען. די יידישע יוגנט האָט אָנגעהויבן טראַכטן פון „תּכלית" -- וואָס וועט זיין מיט זיי אין דער צוקונפט? פיל פון זיי האָבן געטראַכט: אפשר איז בע-סער זיך אַריבערפּעקלען איבערן דניעסטער, אינעם לאַנד, ווו

מען בויט דעם סאָציאַליזם, ווו יידן האָבן גלייכע רעכט, צווישן די גלייכע, און ס'איז נישט פאַראַן קיין עקספּלואַטאַציע צווישן מענטש און מענטש? וועגן דעם האָבן זיי געהערט פון דער מאָסקווער ראַדיאָ -- און אין יענער צייט, ווער ס'האָט גע-וואָלט גלויבן, האָט גאַנץ ערלעך געגלויבט.

מיר זיינען געווען פינף: צוויי בחורים און דריי מייד-לעך. די חברים פון דער „אונטערגרונט"-באַוועגונג האָבן אונדז געהאָלפן געפינען אַ קאָנטראַבאַנדיסט, וועלכער וועט אונדז אַריבערפירן אויף דעם אייז איבערן דניעסטער, אויף יענער זייט גרענעץ קיין רוסלאַנד. אַזוי זיינען מיר געלעגן אין אַ נישט-געהייצטן שייער אינעם דאָרף אלטשעדאר און געוואַרט ווען ס'וועלן גיין זיך אָנוואַרעמען די רומענישע גרענעץ-וועכ-טערס. נאָר זיי האָבן צייט -- זיי רויכערן, קלאַפּן זיך אין די פיס פאַר קעלט, שפּאַנען אַהין און אַהער. צום סוף, קריכן מיר אַרויס. נעמט זיך דער קאָנטראַבאַנדיסט אונטער אַריבער-צופירן נאָר דריי. פירט ער אַריבער די דריי מיידלעך. אויפן צווייטן טאָג האָט ער געזאָלט אַריבערפירן די אַנדערע צוויי. האָט אַ מיידל פאַרלוירן דעם פּאַספּאָרט פונקט אויפן שניי. האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאַניקע. דערווייל איז אָנגעקומען די פּאָליציי. איינע פון די אַריבערגעפירטע מיידלעך האָט זיך פאַר-גלוסט איבערצושיקן אַ בריוו אויף מיין נאָמען און דער בריוו פאַלט אַריין אין די הענט פון דער פּאָליציי. קומען אַריין צו מיר צוויי הויכע יונגעלייט, די „גוטע ברידער". מ'זוכט אומע-טום, מען פאַרפעלט גאָרנישט -- אַ קלייניקייט, געכאַפּט אַזאַ שפּיאָן. . . חברים פון דעם אונטערגרונט האָבן געפונען פאַר מיר אַ גוטן אַדוואָקאַט, נאָר מ'האָט מיך אָפּגעהאַלטן גאַנצע פינף מאָנאַטן.

די מיידלעך אונדזערע, וועלכע זיינען אַריבער צו זייערע רוסישע „ברידער", האָט מען באַשולדיקט אין שפּיאָנאַזש פאַר רומעניע. מ'האָט זיי אַוועקגעשיקט קיין סיביר. איינע, וואָס כ'האָב שפּעטער באַגעגנט, איז אַלט געווען 35 יאָר, נאָר אויס-געזען ווי אַן אַלטע צעבראָכענע יידענע.

אין יוני 1940, לויט דעם אָפּמאַך צווישן היטלערן מיט סטאַלינען, קערט זיך אום בעסאַראַביע צו רוסלאַנד -- די רו-מענער טרעטן אָפּ. מען טיילט איין ביקסן צווישן דער יידישער יוגנט, מען שאַפט אַ זעלבסשוץ, ס'זאָל חלילה נישט אויסברעכן

קיין פּאָגראָמען. דאָ גרייטן צו די אונטערערדישע קאָמוניסטן אַ צעטל, ווער ס'וועט אַנטקעגנטראָגן ברויט מיט זאַלץ, דער קומענדיקער רוסישער מאַכט. כ'געדענק פון די קריסטן איז געווען דער גלח פּאָפּאָוו. די מיידלעך האָבן זיך פאַרקעמט, פאַרפּוצט, באַזונדערס די וועלכע האָבן געטראָגן די בלומען. . . און אָט קומט אָן אַ גרויסאַרטיקע מאַשין און צוויי טאַנקען. די טאַנקיסטן זיינען אַזש צעטומלט געוואָרן פון דעם אומגע-ריכטן „קבלת פּנים". גאַסן פולע מיט מענטשן, מיידלעך טאַנצן, אַ רווישנדיקע יום-טובדיקע אַטמאָספּערע, פריילעכע מוזיק. מען באַוואַרפט די טאַנקען מיט בלומען. זיינען אַרויסגעקומען די טאַנקיסטן, האָבן זיך אָנגעהויבן געשרייען. אַך, ווי מיר האָבן אויף אייך לאַנג געוואַרט! אויף דער נאַכט האָט אַ שכּורער טאַנק-מאַן, אַן אָדעסער בחור, מיר אַריינגעזאָגט אין אויער: ווען איר וואָלט אונדז געקענט, וואָלט איר אויף אונדז נישט געוואַרט. . .

דערנאָך איז אַלץ געגאַנגען לויטן סאָוועטישן שטייגער. ס'האָבן זיך אַרויסגעיאַוועט אונטערזאָגערס און צוטראָגערס -- מ'איז געשטאַנען אין די רייען נאָך אַ ברויט. מענטשן האָט מען צוגענומען און אַרויסגעשיקט אין טיפן סיביר. מיר זיינען געגאַנגען צו דער מיליטער מאַכט, געפאָדערט מ'זאָל אונדז געבן ביקסן -- מיר ווילן קעמפן קעגן די פאַשיסטן. אויפן צווייטן טאָג האָט מען ביי אונדז צוגענומען די פּאַספּאָרטן און אונדז געגעבן ביקסן פון 1881-סטן יאָר און צו צוויי קוילן. מיר האָבן געטראַכט, אַז מ'לאַכט פון אונדז, וואָס מ'גיט אונדז אַזעלכע ביקסן. האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז אַזעלכע געווער האָט מען געגעבן אַ'יעדן. ווען מיר זיינען נאָר אַריבערגעגאַנגען דעם דניעסטער, האָט מען ביי אונדז צוגענומען די ביקסן און אונדז געהייסן זיך צעגיין, וווּהין די אויגן וועלן טראָגן. . . איז אונדז דעמאָלט שווער געווען צו פאַרשטיין -- פרייע סאָוועטי-שע מענטשן, פאַרוואָס טרייבט מען אונדז? מיר קומען צו זיי מיט אָפענע הערצער -- מיר זיינען גרייט צו פאַרגיסן אונדזער בלוט פאַר רוסלאַנד. . . אויפן צווייטן ברעג דניעסטער האָב איך איבערגעלאָזט מיין יונגע פרוי מיט אַ פינף-חדשימדיק מיי-דעלע. אַלץ איבערגעלאָזט -- טאָ, פאַרוואָס שפּייט מען אונדז אין דער נשמה? די דייטשן האָבן אונדז באָמבאַרדירט אין פּערוואָמייאיסקי, אין קיראָוואָגראַד, ס'האָבן זיך נאָך נישט אָנ-געהויבן די גרויסע שלאַכטן, בין איך שוין פאַרווונדעט געוואָרן

אין אַ פּוס מיט אַ שטיק אייזן.

די איבערלעבענישן פון פיר יאָר מלחמה אין אוקראַינע, הינטער מאָסקווע, הינטער לענינגראַד און ווייס-רוסלאַנד -- איז נישט צום באַשרייבן. מיין דריטע פאַרווונדונג איז געווען די שווערסטע. כ'בין געווען אויפן שוועל פונעם טויט -- כ'האָב זי באַקומען נאָך פּסקאָוו, פאַר קעניגסבערג, ווען כ'בין געלעגן מיטן פּולימיאָט, איז אויף דער אויבערשטער זייט געווען אַ פענצטערל, און דורך דעם האָט מיר דער דייטשישער „סנאַי-פּער" געשיקט אַ קויל. זי האָט מיר אָפּגעריסן אַ שטיק אויער און איז אַריין אין דער לונג. מיין חבר גאָלדשטיין האָט באַ-וויזן מיר צו העלפן אויף זיך צו דערשלאָגן צו די אָקאָפּעס. מיינס אַ בן-עיר יאָסקע האָט מיר פאַרבאַנדאַזשירט די וווּנד. ער איז דערביי געפאַלן מיט אַ דורכגעלעכערטן קאָפּ פון אַ „סנײַפּער". אָן קיין טרערן קען מען זיך דאָ נישט באַגיין, אַז מען טוט זיך דאָס אַלץ דערמאָנען -- אַז אַרויסראַטעווען זיך פון די בלאָטיקע אָקאָפּעס, האָב איך אַנדערש נישט געקענט, ווי צו טרעטן אויף יאָסקעס קערפּער. . . דערנאָך, אין „גאָרקי" מיליטער שפּיטאָל, ווען ס'האָט זיך מיר אָנגעהויבן שאַפן אַ גאַנגרענע, האָט מען מיר אָפּגעזעגט פיר ריפּן און אַרויסגענומען די קויל פון דער לונג. אַ צאָל קליינע שפּליטערס זיינען פאַר-בליבן אין מיין קערפּער. זיי שטערן מיר זייער, אין אַ שלעכטן וועטער, ביזן היינטיקן טאָג.

אין דריי יאָר אַרום נאָכן קריג, אין 1948, האָט זיך צעשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מען שיקט אַרויס פון מאָלדאַוויע קיין טיף-סיביר, ווי מ'האָט אַרויסגעשיקט די גרעקן, טאַטאַרן, טשיטשענצעס, דייטשן און אַנדערע. האָט מען געקענט אַזעל-כעס גלויבן? כ'בין דאָך שוין געווען אַ סאָוועטישער מענטש, האָב איך אַלץ געקענט גלויבן. איינמאָל פאָרט צו צו מיין הויז אַן אויטאָ מיט מיליטערלייט און זיי שפּאַנען גלייך צו מיין הויז. אַ שרעק האָט מיר מיט מיין פרוי אַרומגעכאַפּט. פאַר-וואָס? די מיליטערלייט מיט אַן אָפיציר בראש זיינען געגאַנגען גלייך צו די טרעפּ פון מיין הויז, און זיך פאַרקירעוועט צו דער טיר פון מיין שכן. פון דאָרט האָבן זיך דערהערט קולות, געוויינען פון פרויען און פון זייערע קינדער.

מיך האָט מען נישט גענומען, נאָר אין דער פרי בין איך געוואָויר געוואָרן, אַז מען איז געקומען פאַרנעמען מיין פאָטער. איז אָבער מיין פאָטער נישט געווען אין דער היים,

האָבן זיי פֿאַרנומען די צוויי מיידלעך, מיינע שוועסטער. ביטע-רע געפֿילן האָבן מיך אַרומגענומען נאָך מיין פֿאָטער, ווען ער איז געגאַנגען אין ק.ב.ג. מיט אַ טענה: איר האָט צוגענומען מיינע קינדער, נעמט מיך אויך צו מיט דער פֿרוי. איך בין אויך געגאַנגען אַהין. כ׳האָב זיך דעוווסט, אַז עלטערן פֿון קינ-דער-אינוואַלידן פֿון די שלאַכטן, קען מען נישט אַרויסשיקן קיין סיביר. די מיידלעך האָט מען צוריק געבראַכט פֿונעם „עשעלאָן", ווו ס׳זיינען געלעגן די אומגליקלעכע מאָלדאַווישע מענטשן פֿון קישענעוו און אַרום.

פֿון דאַן אָן, זיינען אַוועק אַ סך יאָרן, וועלכע דערמאָנען זיך מיר מיט אַ שווער האַרץ. איך באַמי זיך דאָס אַלץ צו פֿאַרגעסן, ווייל אַז כ׳דערמאָן זיך, טרויער איך נאָך מיין געבוירן-שטעטל קאָפּרעשט, די קינדהייט, דער רעהוט, וועלכער גיסט זיך אַריין אינעם דניעסטער, די ציגן אפילו, וועלכע מיר פֿלעגן קענען אויך זייערע נעמען; דער שבת-קודש, דער יום-טוב, די שטילע, רויִקע, נישט-איילנדיקע בירגער, וועל-כע אונטערשיידן זיך פֿון אונדז -- יונגע אויפֿגערודערטע, וואָס איילן זיך -- פֿאַרוואָס, ווייס איך נישט. זיי האָבן געגלויבט אין אַ ליכטיקער צוקונפֿט. אַזוי האָבן זיי געפֿירט זייער יידישן לעבן, ווי ס׳האָבן געלעבט זייערע עלטערן און אור-עלטערן. פֿון דאָרט זיינען מיר אַנטלאָפֿן און וואָס האָבן מיר דערגרייכט? איך לעב דאָ אין טאָראָנטאָ, אָבער מיט דער נשמה, בין איך נאָך דאָרט אינעם שטעטל קאָפּרעשט און דאָס וועט מסתמא זיין מיין גאַנצן לעבן. . .

מיין היים-שטעטל

(אויסצוג פון אַ גרעסערער פּאָעמע)

געווען איז אַ שטעטל ערגעץ-ווו דאָרט --
מ'קען דערציילן וועגן דעם מיט איין וואָרט:
געווען זיינען דאָרטן געוועלבער און קלייטן,
און מיידלעך יידישע שיין ווי די קווייטן.

שלאַנקע ייִנגלעך -- שטאָל און אייזן --
שטענדיק גרייט וווּנדער צו באַווייזן.
געווען איז אַ שול דאָרט פאַר געבעט און תּפילה,
און אַ מיל אויף צו מאַכן מעל אפילו.

זיסע פּרוכטן -- דאָ און דאָרטן,
וויינטרויבן וואַקסן מִכָּל הַסאָרטן.
באַרימטע וויינען -- פולע פעסער,
איינער איז פון צווייטן בעסער.

די ערד באַאַרבעט לאַנגע יאָרן כּסדר,
מיט מי און מיט קענטעניש האָט איעדער,
אפילו אָן אַ טראַקטאָר, אָן מאַשינען --
ווי האָניק וואָס סיוועדט געמאַכט פון בינען.

געלעבט אָט אַזוי אויף בעסאַראַבער ערד;
מיט פּראַצע ערלעכער -- געווען איז באַשערט.
רויִק, שטיל, אָן פּלאָנטער און אָן זאָרגן,
נישט געוואָלט טראַכטן וואָס ברענגען וועט דער מאָרגן.

געפירט אַ שיין לעבן אונטערן בלויען הימל,
אָן אַ גערויש און אָן אַ געטומל.
דער טאָג איז העל, די נאַכט איז טונקל.
יעדער געלעבט זיך אין זיין אייגן ווינקל.

און ווען געמאַכט זיך, ס'איז עפּעס געשען --
אַ שיינע שׂמחה אָדער אַ לוויה געווען --
האָבן אַלע פון דער שׂמחה געשעפּט נחת,
און געזעסן שבעה צוזאַמען, ביַד-אחת.

כמאַרעס אויפן הימל, די פויגל פול מיט שרעק,
צוזאַמען מיט די יידן פון שטעטל אַוועק.
פאַרטיליקט געוואָרן דורך הונגער און נויט --
פריי געבאַלעבאַטעוועט האָט דאָרט דער טויט!

אָט יענע יאָרן -- יענע שיינע צייטן,
דערמאָנען מיר היינט דאָ פון דער ווייטן.
די פריידן, די ליידן, וואָס האָבן דאָרט געטראָפן --
דאָך נישט פאַרלוירן דעם גלויבן און דאָס האָפן.

ווינטער אין שטעטל (צייכענונג פון נחום אַלפּערט)

זכרונות פון הילף און דערמוטיקונג
אין די אַלטע יידישע שטעטלעך

אין מיין עסיי דאָ וויל איך, אַז עלטערע לייענער, ווי אויך יונגערע זאָלן לייענען, וויסן און זיך דערמאָנען, ווי מיר יידן האָבן אַמאָל געלעבט אין די קליינע שטעטלעך פון בע-סאַראַביע, רומעניע, פוילן, אוקראַינע און רוסלאַנד.

אין מיין עלטער (קרוב צו אַכציק) פאַרגעסן זיך טייל-מאָל געשעענישן פון מיט אַ יאָר צוריק, אַ חודש צוריק, אָדער נעמען פון נאָענטע חברים ווערן אַפילו אויף אַ ווײַלע פאַר-געסן. אָבער דאָס וואָס כ'וויל דאָ דערציילן איז אַ טייל פונעם לעבן אין די אַלטע צייטן, וואָס שטייט נאָך פאַר מיינע אויגן. דאָס זיינען בילדער פון אמתער פריינדשאַפט און הילף, וואָס יידן אין די קליינע שטעטלעך האָבן אַרויסגעוויזן איינער לגבי דעם צווייטן אין דער צייט פון נויט.

ס'פלעגן געשאַפן ווערן אינסטיטוציעס ווי: „עזרת חולים" צו קענען העלפן ברידער און שוועסטער בשעת אַ קראַנקייט; „גמילת חסדים" ווו יידן פלעגן באָרגן געלט אין אַ נויט, כדי צו עפענען אַ קלייטל, קויפן אַ שטיבל, חתונה מאַכן אַ מיידל און פאַר אַנדערע נויטווענדיקע פאַלן. ביי יעדן ייד איז געווען אַ חוב צו געבן צדקה פאַר אָרעמעלייט, אַרויסהעלפן די שטאָטישע אָרעמע יידישע איינוווינער, זיי זאָלן האָבן פון וואָס צו לעבן. דאָס ווייכע יידישע האַרץ האָט גע-עפנט די האַנט און געגעבן אין דער פושקע פון „מאיר בעל הנס".

* * *

כּוויל דאָ דערמאָנען עטלעכע עפּיזאָדן פון יענע יאָרן, וועלכע כ'געדענק נאָך זייער גוט. ס'איז פאַר קיינעם נישט גע־ווען קיין סוד, אַז ביי אונדז אין שטעטל זיינען געווען קבצנים, און נישט גלאַט אַזוי קבצנים, נאָר אַזעלכע, וואָס האָבן געקענט גיין אין אַ פאַרמעסט בנוגע אָרעמקייט מיט אַנ־דערע שטעטלעך פון בעסאַראַביע. . . מילא, צו באַזאָרגן דאָס טעגלעכע שטיקל ברויט, אָדער אַ שטיקל חלה פאַר שבת און יום־טוב, האָבן זיך געפונען בעלי־רחמים. אָבער ווען די קינדער האָבן אָנגעהויבן וואַקסן, קיין עין הרע, ווי אויף הייוון, דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די אמתע זאָרג, וואָס האָט געטראָגן גאָר אַן אַנדערן כאַראַקטער. אָט וואַקסט אויס אַ מויד און צוזאַ־מען מיט איר -- אַ בינטל דאגות. . . אין יענע צייטן איז ביי יידן דאָס חתונה־מאַכן אַ קינד, איבערהויפּט אַ מיידל, געווען אַ לעבנס־פּראַגע. מען האָט באַדאַרפט געלט אויף חתונה־הוצאות, נדן, קעסט, אַ דירה, פּרנסה; דערנאָך, ווען ס'קומען אייניקלעך א.אַ.וו. אָט אַזעלכע זיינען געווען נישט ווייניק.

עס האָבן זיך געפונען גוטע מענטשן, וועלכע האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין דער הילף. ביי אונדז האָט איר אָפּט גע־קענט טרעפן אין די געסלעך די פרוי לאהקע בוזשאקער, אָדער ווי מ'פלעגט זי רופן: לאהקע די „קאַצעבטע", ווייל איר מאַן איז געווען אַ קצב. כאָטש זי איז געווען אַ דיקע, אַ שווער־וואָגיקע, און דאָס אַרומלויפן איז איר געווען אַ ביסל שווער־לעך, האָט דאָס איר נישט צוריקגעהאַלטן צו באַזוכן כמעט יעדן טאָג אַן אַנדער ווינקל פון שטאָט, ווו ס'האָבן געוווינט אָרעמע, נויטבאַדערפטיקע יידן, ספּעציעל די הייזער ווו ס'האָבן זיך געפונען בתולות, גענוג אַלט פאַר חופּה וקידושין. . . לאהקעס מאַן, לייזער קצב, האָט קיינמאָל נישט געשטערט זיין פרוי אָנצוגיין מיט איר וווילטעטיקער אַרבעט.

לאהקע האָט געהאַט פיל באַקאַנטע יידן אין די אַרו־מיקע דערפער נאָך פון די צייטן, ווען זי פלעגט אַרבעטן ביי איר פאָטער אין רעסטאָראַן. די גאַנצע סביבה האָט געקענט לאהקען פון יענע צייטן און האָבן בייגעשטייערט אויף „הכנסת כלה" מיט אַ ברייטער האַנט. לאהקע איז געווען, ווי מען קען זאָגן, די „מאַמע" פון די אָרעמע מיידלעך אין נויט. . . צו דער אַרבעט האָט זי אויך געהאַט עטלעכע שטאָטישע פרויען, וואָס האָבן איר צוגעהאָלפן. ביז מ'האָט דאָס מיידל נישט חתונה געמאַכט, האָט מען זיך נישט באַרויִקט.

די אָרעמע מיידלעך פלעגן זיך אַריינכאַפּן אין די שפּע-טע שָעהן, האַלב שעמעוודיקע, צו לאהקען דורך דער הינטער טיר, אַ שמועס צו טאָן, אָנטאַפּן דעם דופק, ווי דער ענין האַלט. . . (די ערשטע באַגעגענישן צווישן אַ פּאַרפּאָלק, זיינען געוויינלעך געווען ביי לאהקען). אַז גאָט האָט געהאָלפן און ס'איז געוואָרן אַ שידוך, און לאהקען מיט די פרויען איז גע-לונגען צונויפצושטעלן דאָס גאַנצע „קלאַפּערגעצייג", אַלץ גרייט צו דער חתונה, האָבן זיך אָנגעהויבן די חשבונות און דאָס פּלאַנירן אַלץ כדת וכדין. דער עיקר -- דאָס מיידל זאָל נישט פאַרשעמט ווערן, חלילה. . .

אויף דער חתונה האָט זיך לאהקע געפּאָרעט ווי אַן אמתע מחותנתטע, אַ צופרידענע, אַ פרייליכע, פון דער גוטער זאַך, וואָס זי האָט אויפגעטאָן. מסתמא טאַקע אָפּגעשפּאָרט פאַר זיך אַ ביסל עולם הבא.

דאָס איז מיר אַלץ גוט באַקאַנט. איך האָב אין ישראל געטראָפן עטלעכע פרויען, וועמען לאהקע האָט טאַקע געהאָלפן אין ענלעכע נויט-פאַלן. זיי האָבן גערעדט וועגן איר, ווי זי וואָלט געווען זייער אייגענע מאַמע. זיי האָבן דערביי גע-וווּנטשן לאהקען אַ „ליכטיקן גן-עדן" פאַר אירע גוטע מעשים. ס'איז כדאי צוצוגעבן, אַז לאהקע האָט ביי זיך אויפגעהאָדע-וועט איר פאַרשטאָרבענער שוועסטערס טעכטערל, וועלכע איז געבליבן אַ יתומה, אַלט זייענדיק בלויז 9 חדשים. זי האָט דאָס מיידעלע, מאַניע, דערצויגן און חתונה געמאַכט, ווי ס'וואָלט געווען איר אייגנס.

לאהקע איז געווען נאָר איינע אַזעלכע פון אַ צאָל מע-נער און פרויען אין שטעטל, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט צרכי ציבור. זאָלן זייערע אַלע נעמען און גוטע מעשים ווערן געבענטשט און דערמאָנט ווערן צום גוטן מיט כבוד. זאָל זייער שם-טוב פאַרבלייבן אויף אייביק אין זכרון.

* * *

אין אַלע צייטן, אפילו אין די מלחמה יאָרן, האָט אַ גרויסער טייל יידישע איינוווינער פון די דערפער, שטעט און שטעטלעך פון בעסאַראַביע, רומעניע, פּוילן און רוסלאַנד זיך אויסגעצייכנט מיט הילף אין צייטן פון נויט, טראָץ דעם, וואָס

זיי אַליין זיינען געווען אויף גרויסע צרות. דאָס איז געשען אויך אין דער לעצטער מלחמה.

די שווערע, טראַגישע מלחמה-צייטן האָבן געלאָזט אַ טיפן ווונד אין טויזנטער יידישע הערצער. אַ וואַרעם וואָרט און קאָנקרעטע הילף אין יענער צייט איז געווען זייער נויטיק. דאָ פאָלגן נאָך עטלעכע אומפּאַרגעסלעכע, טראַגישע פאַלן, איבערגעלעבטע אין די שווערע טעג פון וואַנדערונג („עוואַקואַציע") אין ווייטן רוסלאַנד.

דער דייטשער מערדער האָט שוין פריער געלאָזט הערן זיינע חיהשע טריט. זיינע קוילן-וואַרפערס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער די קעפּ פון די בירגער און געשיט זייער פייער. די שרעק אויפן יידישן געסל אינעם שטעטל איז געווען אומגעהויער שטאַרק. די יידישע באַפעלקערונג האָט געקלערט: וואָס טוט מען?. . . וווהין לויפט מען?. . . די ידיעות, אַז די בעסטיאַלע נאַצי-מאַשין דערנענטערט זיך, האָבן אָנגעוואָרפן אַ גרויסע אימה אין די הערצער פון גרויס און קליין. פיל, פיל שווערער איז געוואָרן די לאַגע ווען די רומעניש-דייטשע עראָפּלאַנען האָבן זיך געהערט אין די הימלען און געוואָרפן אין אַלע ווינקלען פייער און חורבן.

אין דער צייט האָבן מיר, 14 אָרטיקע טעלענעשטער יונגעלייט, באַשטימט פרייוויליק זיך צו מאָביליזירן אין סאָוועטישן מיליטער קעגן דעם יידישן שונא. מיין פרוי איז געבליבן אַליין מיט אַ זעקס-חדשימדיק קינד. די פאָלגנדיקע געשעענישן האָט מיר דערציילט מיין פרוי, נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך ווידער פאַראייניקט נאָכן קריג:

אין אַ געוויסן טאָג איז געקומען אַ פרוי, אַ מאָלדאַוואַנקע, וועלכע האָט אַלע יאָרן באַדינט די משפחה פונעם אַדוואָקאַט סטרולאָוויטש, זי האָט געהייסן פּאַנאַגיצע. האָט זי דערציילט בסוד-סודות, אַז די 2 ברידער, מאָלדאַוואַנער, מיטן נאָמען זאַגאַרניאַן, האָבן באַשלאָסן צו הרגענען מיין פרוי און קינד, מאָטיווירנדיק דאָס, וואָס אין דער צייט ווען כ'האָב געאַרבעט אין דער פּירערשאַפט פונעם קאָמונאַלן סאָוועט איז זיי עפּעס נישט געפעלן געוואָרן. כ'בין שוין דאַן געווען אַ לערער אין אַ שולע און שוין נישט געהאַט קיין שום שייכות מיט דעם.

די געשיכטע האָט אויך געהערט די פאַמיליע סטרולאָ-

וויטש. ווי אמתע גוטע פריינד האָבן זיי אַריינגעזעצט מיין פרוי מיטן פיצעלע קינד אין אַן עוואַקואַציע-וואָגן צוזאַמען מיט זיי, און טאַקע אַ דאַנק זיי זיינען מיין פרוי און קינד געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט. שלעפּנדיק זיך אין טרויער און אין געפאַרן האָט מען זיך געטיילט מיטן לעצטן שטיקל ברויט. געפאָרן אויף גאָטס באַראָט נישט וויסנדיק וווהין, בלויז מיט גלויבן און האָפענונג.

* * *

נאָך אַ פאַל וועגן דער גוטסקייט פון יידן אין די מלחמה-יאָרן. מיין פרוי מיטן פיצעלע קינד איז געווען אין ווייטן קאַזאַכסטאַן, אין דעם קאָלכאָז „וואָראָשילאָוו". זי איז קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און געווען כמעט צווישן לעבן און טויט. דאָ האָבן זיך געפונען טעלענעשטער יידן, ווען סיהאָט געדירט דאָס האַרץ און זיי האָבן געהאָלפן מיין פרוי מיט אַלע מעגלעכקייטן. ענצע כיילאָמסקאַיאַ האָט גענומען דאָס קליינע נפשל צו זיך און עס געהאַלטן ווי אַ מוטער. חיים ברונשטיין, מויסעי קאַגאַן און אברהם בענדער האָבן צונויפגע-שטעלט אַ מנין יידן און צוגעזעצט מיין קראַנקער פרוי דעם נאָמען „חיה", ווי אַ סגולה צו געזונט און לאַנגע יאָרן. און אפשר אַ דאַנק דעם איז זי געבליבן אַ לעבעדיקע מוטער צו דעם קינד, וואָס איז אויך געראַטעוועט געוואָרן.

* * *

צום סוף פון דער מלחמה האָט זיך מיין פרוי מיטן קינד אומגעקערט אינעם שטעטל טעלענעשט. פאָרנדיק אין וואַ-גאָן לעבן טשקאָלאָוו, האָבן רוסישע גנבים איר גרינגער גע-מאַכט דאָס פאָרן. זיי האָבן ביי איר צוגענומען דעם טשעמאָדאַן מיט אַלץ, וואָס זי האָט פאַרמאָגט. זי איז גע-בליבן נאָר מיטן קינד און דאָס וואָס זי האָט געטראָגן אויפן לייב. זי איז אָנגעקומען אין שטעטל צו איר ברודער משה סאָראָקער. ער מיט זיין פרוי און טאָכטער פאָליוניע זיינען גע-לעגן קראַנק אויף טיפוס. דאָס האַרץ פון אַ שכנה, פייגע אקשטיין, איז זייער געדירט געוואָרן. זי האָט אַריינגענומען צו זיך מיין פרוי און איר געגעבן אַ צימער. „דאָ קענט איר זיין

ביז אייער מאַן וועט קומען פונעם שפּיטאָל. (איך בין דאַן גע־לעגן אַ פאַרוווּנדעטער אין אַ מיליטער שפּיטאָל אין גאָרקי אין אַ זייער קריטישער לאַגע אַרום אַ יאָר צייט). פייגע האָט באַ־האַנדלט דאָס קינד ווי זי וואָלט געווען איר אייגענע מוטער. אַזעלכע גוטע מענטשלעכע באַציִונגען און אַזעלכע וואַרעמע יידישע ווערטער קען מען הערן נאָר ביים יידישן פאָלק.

* * *

און צום סוף נאָך אַ רירנדיקער פאַקט: זאלמינע וואַ־סילקאָווסקי, אַ טעלעגנעשטער איינוווינער, איז געפאַלן אין דער מלחמה. זיין פרוי הענע האָט זיך עוואַקויִרט מיט אירע צוויי מיידעלעך, 4 און 6 יאָר אַלט, אין טיפן קאַזאַכסטאַן. ביים סוף פון קריג איז זי צוריקגעקומען אין שטעטל. ביי איין סטאַנציע זעצט זי אַוועק די קינדער און לויפט נעמען אַ ביסל וואַרעם וואַסער -- דאַן דאָס איינציקע מיטל צו דערהאַלטן די נשמה. איבערגייענדיק די רעלסן, ווערט זי דערהרגעט פון אַ לויפנדיקן צוג. די קינדער ווערן איבערגעשיקט קיין בעלץ, מאָלדאַוויע, אין אַ קריסטלעכער קינדער־היים.

מיין פרוי, אין אירע אייגענע צרות, האָט די געשיכטע פאַרקלעמט ביים האַרץ. זי און נאָך אַ פרוי, ש. בורמאַן, פאָרן אַהין און נעמען אַרויס די צוויי קליינע קינדער פון דער קינ־דער־היים. מיין קראַנקער שוואָגער נעמט די עלטערע צו זיך; די יונגערע נעמט צו זיך אַן אַנדער ייד, מאשביץ. אַזוי האָט מען אָפּגעראַטעוועט צוויי יתומות פון אונטערגאַנג.

אַזעלכע פאַלן דאַרפן און קענען נישט פאַרגעסן ווערן. זיי זיינען אַ סימבאָל און שטאָלץ פונעם יידישן פאָלק. זיי װעלן אויף אייביק בלייבן ווי אַ ביישפּיל פון יידישער און מענטשלעכער גוטהאַרציקייט.

מיין ויידע דוד

כאָטש מיינע האָר זיינען שוין גרוי געוואָרן
און אַוועק פון מיר זיינען מיינע יונגע יאָרן,
אַ שווער פּעקל דורכגעטראָגן מיט מיין דור,
אָבער דיך נישט פאַרגעסן אפילו אויף קיין האָר.

איך זע דיך איצט פאַר מיינע אויגן,
ווי דו זיצט איבער דער גמרא איינגעבויגן.
דו לערנסט כסדר מיט גרויס התלהבות,
יעדן טאָג אין יאָר און אפילו שבת.

ביסט געווען פול מיט גלויבן אינעם בורא.
טאָג און נאַכט -- געלערנט זיין תורה.
און וועגן פּרנסה פאַרן היינט און מאָרגן,
זיך פאַרלאָזט אויף גאָט -- ער וועט באַזאָרגן.

דו האָסט קיין וויכּוח נישט געפירט מיט גאָט,
געהיטן האָסטו זיין תורה און זיין געבאָט.
דיין גאַנץ וועזן געווען איז פול מיט גלויבן
אין אייביקן גאָט, אין דעם „וואָס לעבט אויבן".

דו האָסט נישט געקענט זיצן און רוען,
שטענדיק געזוכט עפּעס צו טוען.
ווען דער טאָג איז קורץ, דו האָסט געטראַכט,
ווי אַזוי באַרגט מען עטלעכע שעה פון דער נאַכט.

אַלץ איז געווען ביי דיר אויף חידוש --
דאָס אָפּהיטן דעם שבת, דאָס מאַכן דעם קידוש.
דיין כבוד כּיוועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן,
ביי דער מזרח-וואַנט אין שול דו ביסט געזעסן.

צו קריגן אַ מצווה ביסט אויסגעגאַנגען מיילן,
פאַר אָרעמע מענטשן צדקה צו פאַרטיילן.
ברויט אין דער וואָכן, אויף שבת אַ שטיקל חלה,
פאַר אלמנות, יתומים און פאַר „הכנסת כּלה".

געטראָגן האָסטו שטענדיק אַ ריינע קאַפּאָטע,
אויסגעפּוצטע שיך אפילו אין דער בלאָטע.
דיין בערדל, די פּאות כּיגעדענק נאָך פון יאָרן.
געבליבן ביסטו, זיידע, אין מיין האַרץ און זכרון.



צוויי ברידער זוכן פרייהייט
און גלייכהייט. . .

די געשיכטע האָט זיך פאַרלאָפן אין די יאָרן, ווען דער היטלעריזם האָט זיך שוין פאַרזיכערט זיין בלוטיקע הער־שאַפט, -- פאַרפעסטיקט זיך אין דייטשלאַנד, און אָנגעהויבן פאַרשפרייטן זיין נעץ איבער אייראָפּע. דעמאָלט האָט זיך אין רומעניע געגרינדעט די מערדערישע אָרגאַניזאַציע „די אייזערנע גוואַרדיע" אונטער דער אָנפירערשאַפט פון דעם רוצח זעליע קאָרדיאַנו. צווישן דער יידישער יוגנט האָט זיך דאַן געשאַפן אַזאַ בלאָנדזשענדיקע אַטמאָספערע, ווען די יונגע מענטשן, איבערהויפט פון די קליינע בעסאַראַבער שטעטלעך, האָבן אָנ־געהויבן זוכן „פּראָגרעסיווע" וועגן פאַר זייער עקזיסטענץ. זיי האָבן נישט מסכים געווען מיט דעם טאָג־טעגלעכן לעבן פון זייערע קליינבירגלעכע עלטערן, וועלכע לעבן נאָר מיטן היינט. זיי האָבן געזוכט אַן אָרט, ווו זיך אַהינצוטאָן, ווו ס'הערשט אַן אַטמאָספערע פון גלייכהייט און פרייהייט. . .

צוויי ברידער -- איציק און אייזיק האָבן זיך פאַר־טראַכט וועגן דער צוקונפט פון זייערע קינדער -- וואָס וועט זיין מיט זיי? זאָלן זיי ווייטער לעבן דאָ צווישן די אַנטיסע־מיטן, אין דעם לאַנד, ווו ס'באַווייזן זיך און פאַרשפרייטן זיך די וואָרצלען פון דעם פאַשיזם? נישט בעסער זיך אַריבער־פעקלען איבערן דניעסטער אין דעם לאַנד ווו מ'בויט דעם סאָ־ציאַליזם, דאָרט ווו זייערע קינדער וועלן זיין גלייך צווישן גלייכע. ס'איז דאָרט נישט פאַראַן קיין עקספּלואַטאַציע פון מענטש צו מענטש און ס'הערשט אַ גליקלעך לעבן. ס'האָבן זיך געפונען די נויטיקע פאַרבינדונגען צווישן זייערע חברים פון

דער אונטערגרונט באַוועגונג (די קאָמוניסטישע באַוועגונג איז דאַן געווען אויסערן געזעץ). יענע האָבן זיי געהאָלפן -- און אין אַ זומער-נאַכט אין 1936, זיינען זיי אַריבער מיט די פרויען און קינדער דעם דניעסטער, אַריבערגעשווומען צו דעם סאָוועטישן „גן-עדן". אַז דאָרט איז ממש אַ גן-עדן -- וועגן דעם האָט מען געקענט הערן אויף דער מאָסקווער און קיעווער ראַדיאָ. זיי האָבן אַליין דאָס געהערט און געלייענט די פּראָקלאַמאַציעס. נאָר, פאַרוואָס איז עפּעס דאָ נישט אַזוי באַקוועם? אויף יעדן טריט און שריט, זיינען פאַראַן אַזעלכע פאַרדעכטיקע בליקן, אויספאָרשונגען, אָן אַ סוף, אין פאַרלויף פון דער גאַנצער נאַכט, און ביזן ווייסן טאָג אַריין?

ס'האָבן זיך אין זיי אַריינגעכאַפּט מוראדיקע געפילן, אומרויִקייט, נערוועזיטעט. איינמאָל האָט זיך געלאָזט הערן אין אייזיקס אויערן אַזאַ שטימע: אָט זיינען די „זשידעס" אָנגעפאָרן, נאָכוואָס? ווער דאַרף זיי דאָ האָבן? ווייניק זיינען זיי פאַראַן ביי אונדז?

פּלוצים, אין אַן אומגעריכטער שעה, האָט מען זיי אַלעמען צונויפגענומען צוזאַמען מיט נאָך אַ גאַנצער גרופּע, און זיי „אַרויסבאַגלייט" קיין קאַזאַכסטאַן. דאָרטן האָבן זיי זיך איינגעשטעלט, געקומען צו זיך, מיינענדיק, אַז מיט דעם איז אַלץ פאַרענדיקט. סוף כּל סוף, וועלן זיי אַרבעטן, לעבן אין דער סאָוועטישער געזעלשאַפט. זיי זיינען געווען איינגעגלויבט אין דער סאָוועטישער אָנפירערשאַפט, אַז פון איצט אָן און ווייטער, וועט אַלץ זיין פונקט ווי זיי שטעלן זיך פאָר.

אין איין פרימאָרגן פאַר זון-אויפגאַנג, איז צו זייער הויז, וווּ ס'האָט געוווינט אייזיק צוגעקומען אַ שוואַרצע מאַשין, פון וואַנען ס'זיינען אַרויסגעקומען דריי מענטשן אין איינפאַכע בירגער-מלבושים און באַפוילן אייזיקן און זיין פרוי אויף שנעל זיך אַריינצוזעצן אין דער מאַשין. געבליבן איז אין הויז נאָר די קליינע דריי-יאָריקע אַסיאַ, וועמען די עלטערן האָבן קוים באַוויזן צו שענקען דעם לעצטן קוש. די זעלבע שוואַרצע מאַשין האָט זיך באַוויזן ביי דעם שכנישן הויז, וווּ ס'האָט געוווינט איציק און זיין פרוי. דאָרט האָט זיך איבערגעחזרט די זעלבע באַפעלערישע „צערעמאָניע". אין זייער הויז איז געבליבן דער זיבן-יאָריקער זונדל. ער האָט אויך בייִם געזעגנען זיך פון די עלטערן באַקומען זייער קוש. זיינע געשרייען און גוואַלדן האָבן זיך געהערט ווייט אַרום און אָפּגע-

קלונגען אין די אויערן פון איציקן מיט זיין פרוי.ביידע פּאָר־לעך זיינען פאַרדעכטיקט געוואָרן אין שפּיאָנאַזש־אַקטיוויטעטן, געשיקטע פון אויסלאַנד.

די ערשטע פּאָר, אייזיק מיט זיין פרוי, זיינען לויט דער באַשטימונג פון דער מאַכט, דערשאָסן געוואָרן. איציקן מיט זיין פרוי, פּאָר דער זעלבער באַשולדיקונג (ס׳איז נישט פאַרשטענדלעך פאַרוואָס) האָט מען פאַראורטיילט אויף 10 יאָר, אין אַ שטרענגן לאַגער, באַזונדער אים און זיין פרוי. אויפן צווייטן טאָג איז נאָכאַמאָל צוגעפאָרן די שוואַרצע מאַשין, מ׳האָט צונויפגערופן די שכנים, און זיי געוואָרנט: אַז אויב ס׳וועלן זיך מענטשן פון זיי דערוויסן עפּעס, וואָס זיי האָבן געזען, וועלן זיי דערשאָסן ווערן, ווי פאַררעטער פון זייער לאַנד. די קינדער האָט מען פאַרנומען און אַוועקגעפירט אין פאַרשיידענע קינדער־היימען, יעדן באַזונדער. אין די פּראָטאָ־קאָלן, איז געשריבן געוואָרן וועגן די קינדער: „געפונענע אויף דער גאַס קינדער, וועלכע זיינען איבערגעלאָזט געוואָרן פון אומבאַקאַנטע עלטערן". זיינען די קינדער אַזוי געוואַקסן נישט וויסנדיק איינער פונעם אַנדערן, געלערנט אַ מלאכה אין דער מלוכה־שולע. אַז זיי זיינען אַ ביסל עלטער געוואָרן, האָט זיי אַלץ געעקבערט דער געדאַנק: פאַרוואָס זיינען זיי פאַרוואָרפע־נע, אומבאַהאָלפענע, פאַרגעסענע יתומים?

איציק האָט פאַרענדיקט זיינע פאַראורטיילטע 10 יאָר, און האָט זיך אומגעקערט צו זיין געבוירן־אָרט מאָלדאַוויע. ער האָט אַקטיוו גענומען זוכן די שפּורן פון זיין משפּחה. האָט ער אָנגעהויבן שרייבן אין אַלע אינסטאַנצן, געריכט־אַנשטאַלטן, אָנ־געהעריקע אינסטאַנצן, וועלכע האָבן אַ שייכות צום ברודערס שיקזאַל, פון וועלכן ער האָט קיין אַנונג נישט געהאַט, און אוודאי נישט פון די קינדער אויך.

איציקס עקשנותדיקייט האָט זייער צערייצט די סאָוועטישע מאַכטהאָבער. האָט מען נאָכאַמאָל פאַרשיקט איציקן אויף אַ צווייטן טערמין פון 7 יאָר אין אַ שווערן לאַגער. אויב ער האָט פריער געוווּסט, אַז מ׳האָט אים פאַררעכנט פּאַר אַ שפּיאָן פון אויסלאַנד, האָט ער דאָסמאָל גאָרנישט געוווּסט, אין וואָס ער ווערט באַשולדיקט, אפילו נישט וואָס מ׳האָט אים צוגעמשפּט.

איציקס פרוי, זייענדיק זיכער, אַז איר מאַן וועט נישט אויסהאַלטן דעם שווערן רעזשים אין דעם שוידערלעכן לאַגער

האָט, אָפּזיצנדיק אירע 10 יאָר, חתונה געהאַט דאָס צווייטע מאָל פאַר אַ גרוזין, מיט וועמען זי האָט פאַרבונדן איר שיקזאַל נאָך זייענדיק אין סיביר. זי איז מיט אים געפאָרן קיין גרוזיע, אין דער שטאָט קוטאַיסאַ, נאָר איר זון האָט זי געזוכט און אים געפונען, גענומען אים צו זיך און אים פאַר־שריבן אויף דער פאַמיליע פונעם נייעם מאַן. דעם זון האָט זי נישט דערציילט פון זיין יידישן אָפּשטאַם. ער איז געוואָרן אַ טאָקער, חתונה געהאַט מיט אַ רוסישער פרוי.

אינעם לאַגער, דאָס צווייטע מאָל, האָט איציק זיך זייער באַפריינדעט מיט צוויי יידישע חברים, אויך פון מאָלדאַ־וויע. דורכגעדרונגענע מיט גוואַלדיקער שנאה צו דער סאָוועטי־שער מאַכט, האָבן אַלע זיך געגעבן אַ שבועה: אַז ווען זיי וועלן אויסגעלייזט ווערן און קומען אויף דער פריי, זאָלן זיי אַנטלויפן פון רוסלאַנד.

אַז איציק האָט זיך אומגעקערט נאָך דעם צווייטן „אָפּזיצן", האָט ער זיך אומגעקערט געוויינטלעך קיין מאָלדאַ־וויע. ער האָט דאָרט חתונה געהאַט פאַר זיינער אַ פריינדין, נאָך פון קינדווייז־אָן. איציק האָט זיך נישט געקענט אָפּזאָגן פון זוכן זיין משפחה. ער האָט נאָכאַמאָל אָנגעהויבן שרייבן אין אַלע אינסטאַנצן, געזוכט זיין זון. ער האָט זיך פאָרגע־שטעלט, אַז מ'האָט אים אַריינגעגעבן אין אַ קינדער־היים און אַז ער איז לעבן געבליבן ערגעצוו. האָט ער זיך דערוווּסט דורך זיינע חברים, אַז זיין פרוי האָט חתונה געהאַט און גע־נומען דעם זון צו זיך. באַלד איז איציק אַוועק קיין קוטאַי־סאַ, דאָרט האָט ער געפונען זיין זון, וועלכער האָט שוין חתונה געהאַט מיט אַ רוסישער פרוי און אויך זייערס אַ יינגעלע. איציק האָט דערציילט זיין זון פון זיין יידישן אָפּ־שטאַם, און זיין מוטער האָט דאָס באַשטעטיקט. איציק האָט פאַרלאַנגט, אַז דער זון זאָל אויסוויילן, צי ער וויל בלייבן אַ ייד און קומען צו אים. אַלע האָבן באַשלאָסן און אפילו דעם זונס רוסישע פרוי האָט אויך געגעבן איר הסכמה, אַריבערצו־פאָרן צו זיין פאָטער. די מוטער, איציקס פריערדיקע פרוי האָט אויך געגעבן איר צושטימונג. נאָר זי אַליין האָט געזאָגט אַז זי איז אַלט, זייער אויסגעמוטשעט. וויל זי נישט צעברעכן איר פאַמיליע־לעבן און זי איז געבליבן מיט איר צווייטן מאַן אין קוטאַיסאַ.

איינמאָל האָט איציק געשפּאַצירט מיט זיין צווייטער

פרוי אין אַ גאַס פונעם קוואַרט אין דער שטאָט טראַסקאָ-וועץ, וווהין זיי זיינען געקומען אויף וואַקאַציע. איציק האָט דאָ פלוצים באַגעגנט זיין חבר פונעם לאַגער. דער גוטער פריינד האָט איציקן געזאָגט אַזוי: פאַר צו קיין קישענעוו אויף דעם אַדרעס, דאָרט וווינט אַ פרוי, וואָס האָט געוווינט אין קאַזאַכסטאַן ווי אַן עוואַקואירטע, גראָד אַ שכנה פון וואַנען מיהאָט אייך אַלע פאַרנומען. זי ווייסט דעם גורל פון דיין ברודער אייזיק און פונעם מיידעלע אַסיאַ, וועמען זיי האָבן איבערגעלאָזט. איציק האָט איבערגעריסן זיין וואַקאַציע און איז באַלד אַוועק אויף דעם אָנגעוויזענעם אַדרעס, צו דער פרוי.

זי האָט אים אַלץ אויסדערציילט מיט אַלע פּינקטלעכ-קייטן ווי אַלץ איז געשען. אויך אַז דאָס דריי-יאָריק מיידעלע אַסיאַ, האָט מען אַריינגעגעבן אין אַ קינדער-היים. ווען זי האָט פאַרענדיקט די שולע, האָט מען זי פאַרשיקט צו אַר-בעטן אין אַ „זאַוואָד" אויף דער פינלאַנדישער גרענעץ. דאָס איבערשרייבן זיך מיט אַסיאַן האָט געפירט איציקס פרוי און זי האָט געטראַכט, אַז זי האָט מסתמא חתונה געהאַט מיט אַ רוסישן מענטשן און זי וועט נישט גוט אויפנעמען די גאַנצע געשיכטע, דערוויסנדיק זיך פון איר אָפּשטאַם. אַסיאַ האָט טאַקע חתונה געהאַט מיט אַ רוסישן בירגער און פון אים גע-בוירן אַ ייִנגעלע.

ביי אַסיאַן איז געשען אַן אומגליק: איר מאַן איז זיך געגאַנגען באָדן און איז דערטרונקען געוואָרן. אַסיאַ איז שוואַנגער געבליבן מיטן צווייטן קינד. איצט איז זי נאָכאַמאָל פאַרבליבן עלנט ווי אַ שטיין, אָן אַ פריינד, אָן אייגענע, דערצו אין גרויס אָרעמקייט. פלוצים דערלאַנגט איר דער פאָסט-טרע-גער אַ בריוו פון דער ווייטער מאָלדאַוויע. זי דערוווּסט זיך וואָס ס'איז געשען, עמעצער אינטערעסירט זיך גאָר מיט איר שיקזאַל, עמעצער זוכט זי, מ'שרייבט גאָר צו איר, נאָך מיט אַזעלכע איידעלע אויסדרוקן, פיינע ווערטער, נאָענט צום האַרצן. זי האָט דאָס אין איר לעבן קיינמאָל נישט געהערט, קיינמאָל דאָס נישט דערפילט און דאָס האָט איר אַזוי געפעלט אין לעבן. איז זי מיט דעם בריוו אַריינגעלאָפן צו דער רוסישער שכנה (זי איז דאָרט געווען איין ייִדישקע און אפילו נישט געהאַט קיין אַנונג וועגן איר אָפּשטאַם) צו האַלטן זיך מיט איר אַן עצה וואָס צו טאָן. די פויערטע האָט איר גע-

וואָרנט: „זיי פאַרזיכטיק, ס׳זיינען פאַראַן נישט קיין פיינע על-טערן, וועלכע לאָזן איבער די קינדער אויף די גאַסן, דערנאָך, ווען זיי ווערן אַלט און נויטיקן זיך אין זיי, זוכן זיי אָפּ, ווענדן זיך צו זיי נאָך הילף". באַקומענדיק אַזאַ דערקלערונג פון דער שכנה, האָבן אירע רייד אויף אַזוי פיל געווירקט, אַז אַסיאַ איז פאַרבליבן אונטער איר איינפלוס. זי האָט גלייך אָנ-געשריבן אַזאַ ענטפער: איך האָב נישט קיין שום פריינד, וואָס פלוצים, און פון וואַנען האָט איר געקראָגן מיין אַדרעס? דער בריוו אייערער איז עפּעס פול מיט חשד.

אַזאַ אומפריינדלעכער ענטפער פון אַסיאַן האָט געקענט אַנטוישן יעדן איינעם, אָבער נישט איציקן. ער איז איבערצייגט געווען, אַז זי איז זיין אומגעקומענעם ברודערס קינד אַסיאַ. שיקט ער אַוועק אַ טעלעגראַמע מיט אַ באַצאָלטן ענטפער -- „שיק מיר דיין פאַמיליע-נאָמען פון מיידלווייז". האָט זיך גע-מאַכט אויף דער פּאָסט אַ מיספאַרשטענדעניש מיט אַן אַרבע-טער, און די טעלעגראַמע איז פאַרפאַלן געגאַנגען. איציק האָט אָפּגעוואַרט נאָך 10 טעג און ער האָט אַסיאַן אַרויסגערופן דורכן טעלעפאָן אויף אַ געשפּרעך: זאָג מיר אַסיאַ, ווי ביסטו פאַרשריבן? ווי איז דער מיידלשער פאַמיליע-נאָמען דיינער? איז עס נישט אַקערמאַן? נאָך אַ קורצן שווייגן, האָט איציק דער-הערט אַ געשריי: אָי, אָי, ס׳האָבן זיך אָפּגעפונען מיינע פריינד! איציקן האָט פאַרהאַלטן דער אָטעם. מער האָט ער נישט געקענט רעדן. דעם טעלעפאָן האָט געמוזט איבערנעמען זיין נאָענט-שטייענדיקע פרוי. ביי אַסיען האָט זיך אַלץ אויסגעמישט -- דאָס רעדן מיט געוויין -- ס׳איז געווען קוים מעגלעך עפּעס צו פאַרשטיין פון איר רעדן -- אָבער דאָך האָט זי געזאָגט: קומט צו אונדז -- איך צו אייך קען נישט קומען, כ׳בין זייער אָפּגעשוואַכט. שיקט אייער אַדרעס, וועל איך מיך אָנשטרענגען באַקומען פאַר אייך אַ דערלויבעניש צו קומען, ווייל איך בין ביי דער גרענעץ. . . איציק מיט זיין פרוי האָבן איינגעקויפט צוויי וואַליזעס, מיט אַלעם גוטן -- קליידער און עסנוואַרג און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. צוויי מעת-לעת געפאָרן. ווען איציק האָט געעפנט די טיר, האָט ער פאַר זיך געזען אַ יונגע פרוי. זי האָט פאַרמאָגט אַלע ענלעכע שטריכן פונעם דערשאָ-סענעם ברודער אייזיק. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה קושערייען, געמישטע מיט הייסע טרערן. די געשפּרעכן האָבן זיך פאַרצויגן ביזן ווייסן טאָג אַריין. אַסיאַ האָט באַטראַכט

די בילדער פון איר יונגן פּאַטער אייזיק וועמען די סאָוועטישע מאַכט האָט פאַרקירצט די יונגע יאָרן. זי האָט זיך צוגעהערט צו די דערציילונגען וועגן די צוויי ברידער, ווי זייערע האָפענונגען און שטרעבונגען האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט אַזעלכע איבערלעבענישן; וועגן דעם טויט פון אירע עלטערן, וועגן דעם שווידערלעכן לעבן פון איר פעטער. נאָכדעם האָט אַסיאַ אויסגעשריגן אויף אַ קול: ווי איר זייט, וויל איך אויך זיין מיט אייך, מיין לעבן וועט זיין נאָר מיט אייך!

דאָרטן אין שטאָט האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אַסיא איז אַ יידישע פרוי, ס׳האָט זיך אָפּגעזוכט איר אייגענע משפחה. ס׳איז אַריבער אַ קורצע צייט, אַסיאַ האָט געבוירן דאָס צווייטע קינד, אַ מיידעלע. ס׳זיינען געווען שוועריקייטן, מיטן צושרייבן איר קיין קישענעוו, האָט זיי איציקס אַ „לאַגער"-חבר זייער פיל געהאָלפן. ער האָט געהאַט גרויסע פאַרבינדונגען דאָרטן. ס׳איז געקומען די צייט, זיך אָפּצורוען פון די שרעקלעכע צרות אוןליידן. שפּעטער, האָבן זיך אָנגעהויבן הערן פאַלן, אַז מען באַקומט דערלויבענישן עולה צו זיין קיין ארץ-ישראל.

איציק האָט געהאַט אַ ברודער אין ישראל, וואָס איז אַהין געפאָרן נאָך פאַר דער מלחמה. האָבן זיי אַלע אַריינגעגעבן ביטעס פאַר אַ דערלויבעניש צו פאָרן קיין ישראל. ס׳איז געווען נישט קיין גרינגער וועג אַהין. שווער איז געווען דאָס איינאָרדענען זיך אין לאַנד. נאָר אַלע שוועריקייטן זיינען שוין לאַנג פאַרביי.

איציק מיט זיין פרוי, זיין זון מיט דער משפחה, אַסיאַ די פלימעניצע מיט אירע צוויי קינדער -- אַלע דערוואַקסענע אַרבעטן אין ישראל -- די קינדער לערנען, רעדן פון קליין ביז גרויס אַ גוטן עברית אין פרייען לאַנד ישראל.



אין ציגן-לאַנד

וואָס איך וויל דערציילן אין מיין ליד,
איז ריינער אמת, ווי איך בין אַ ייד.
עס איז נישט שייך זיך שפּרייטן מיט אַ ליגן --
עס גייט אַ שמועס דאָ וועגן די קאָפּרעשטער ציגן.

שלעכטע, גוטע און אפשר נאָך בעסערע,
יונגע, קליינע, אפילו די גרעסערע.
זיינען פלינק און שפּרינגען אין געלויף
איבער די געסלעך -- גאַס אַראָפּ, גאַס אַרויף.

ווייסע, שוואַרצע, טייל מיט גרויסע פלעקן,
אין די ווינקלען, אין די ליקן, אין אַלע עקן.
זיי האָבן געבאַלעבאַטעוועט ביז העט-שפּעט,
פונקט ווי געגאַנגען אין אַ ציגענעם געוועט.

פריי פאַר זיי דאָס שטעטל -- גאָר אַ תענוג --
אויך ביי חיה-גיטלען אויפן גאַניק.
אַ שפּרונג ביי די קלויזן, ווי אויך ביי די מילן,
וווּ נאָר סיפּאַרגלוסט זיך און ווען זיי ווילן.

געפילט זיך שטאַרק, מיט קרויזן אויפן שטערן,
קיין מורא פאַר הינט, פאַר וועלף און פאַר בערן.
און ווען געיאָגט זיי האָט ווער מיט אַ שטעקן,
האָבן זיי ברוגז גענומען הילכיק מעקן.

אַ ציג איז דאָך אַ מַזיק -- דאָס לייקענען קען קיינער --
קריכט אומעטום, אויף העלצער און אויף שטיינער.
און אָפט פלעגט אַזעלכעס אויך פּאַסירן,
אַז אַריין זיי זאָלן טאַקע אין אָפענע טירן.

זיי האָבן דעם שטעטל געגעבן אויך פיל נוצן,
פיל געשמאַקע שפּייזן און אויך מילך שפּריצן.
נישט איינמאָל זיי פלעגן זיך אַריינמישן,
פּסח צום סדר, ביי די געדעקטע טישן.

לאָכן קליינע, גרויסע, יעדער, יעדער איינער,
ברוגז ווערן, חלילה, ווערט פון דעם נישט קיינער.
ציגן וואַקסן אין שטעטל שוין לאַנגע יאָרן,
ציגן-לאַנד פאַרבליבן אויף שטענדיק אין מיין זכרון.

דער בעל שם-טוב און טעלענעשטער ווײַן

איינמאָל האָט זיך געיאָוועט אַ ייִד אין שטעטל טעלענעשט און געשפּאַנט איבער די גאַסן. יעדער וואָס האָט אים געזען, האָט באַמערקט, אַז דער מענטש איז מיד פֿון אַ ווייטן וועג. ער איז געווען אַ הויכער ייִד, אָנגעטאָן אין פּויערישע מלבושים. ער האָט אויסגעזען אַן אָפּגעלאָזטער, ווי אַ פּשוטער גראָבער יונג. אויפֿן אַקסל האָט ער געטראָגן אַ פּעקל מיט זאַכן, אפשר עסנווארג און מסתמא אַ טלית און תפילין. ווער ווייסט?. . . אָט אַזוי שפּאַנט זיך לאַנגזאַם דער ייִד אויפֿן וועג, אויף די טראָטואַרן. אויף זיין געזיכט איז צו באַמערקן אַ טרויעריקייט, אַ זאָרג. מיט ריטמישע טריט איז ער אַריין אין אַ שמאָל געסל און צוריק אַרויס פֿון דאָרט; נאָכאַמאָל אַריין און צוריק אַרויס. עפּעס אָדער עמעצן האָט ער געזוכט... ער האָט אויף אַ מינוט זיך פֿאַרהאַלטן ביי אַ הויז, אַרויס-גענומען אַ פּאַפּירל, דאָס באַטראַכט, עפּעס אַ וואָרטשע געטאָן צו זיך. . . ווען עמעצער איז אים געקומען אַנטקעגן האָט ער יענעם אָפּגעשטעלט און אים שטיל געפֿרעגט וועגן אַן אַדרעס. נאָכדעם ווי ער האָט באַקומען דעם ענטפֿער איז ער ווייטער געגאַנגען, ביז ער איז צוגעקומען צום הויז, וואָס ער האָט גע-זוכט. ער איז געבליבן שטיין אַ ווילע פֿאַרן אַריינגאַנג, אַ ביסל געוואַרט. צום סוף געגעבן אַן איידעלן קלאַפּ אין טיר, איין מאָל און נאָכאַמאָל, ביז די טיר האָט זיך געעפֿנט.

פֿאַר אים איז געשטאַנען ר' זוסע, אַ רייכער, בכבודיקער בעל-הבית פֿון שטעטל. ער איז געווען אַן אייגנטי-מער פֿון וויינגערטנער, אַ צדקה-געבער, באַקאַנט מיט מעשים טובים, און דערצו נאָך אַ קלוגער, געלערנטער אין חכמת

תורה.

ר׳ זוסע האָט איינגעלאַדן דעם יידן אין שטוב אַריין. דער פרעמדער גאַסט האָט מיט דער רעכטער האַנט געקושט די מזוזה און איז אַריינגעקומען אין סאַלאָן. ר׳ זוסע האָט אויסגעשטרעקט די האַנט פאַר „שלום-עליכם" און דער גאַסט, ווי ס׳פירט זיך, האָט אים געענטפערט „עליכם-שלום".

ר׳ זוסע האָט פאַרבעטן דעם גאַסט צום טיש, אים אויפגענומען מיט געבעקס און אַ טרונק לויטן מנהג פון „הכנסת אורחים". דער גאַסט האָט זיך געוואַשן די הענט, געמאַכט אַ ברכה, און פאַרזוכט פונעם געבאַקענעם, נאָכדעם ווי ער האָט געכאַפּט אַ טרונק בראָנפן. ר׳ זוסע האָט באַטראַכט דעם אורח און אין האַרצן געטראַכט: מסתמא קומט ער פון ווייטע מקומות און לויט זיין קליידונג -- אַ קבצן. ער נויטיקט זיך אוודאי אין הילף. אפשר האָט ער אַ קראַנקן אין דער משפחה, אָדער אַ טאָכטער וואָס איז שוין אין עלטער פון ווערן אַ כלה. אַזוי ווי ר׳ זוסע איז אַ באַוווסטער פילאַנטראָפּ מיט אַ וואַרעם האַרץ און אָפענער קעשענע, האָט זיך ביי אים אָנגעצונדן אַ געפיל פון רחמנות און זאָרג פאַר דעם גאַסט. ער האָט ביי זיך אין האַרצן באַשלאָסן: „מ׳דאַרף העלפן!"...

דער גאַסט האָט געעפנט דעם שמועס און געזאָגט: „כ׳בין געקומען צו אייך מיט אַן אויפגאַבע... מיט אַ שליחות פונעם בעל שם-טוב"... ר׳ זוסע, דערהערנדיק דעם נאָמען האָט זיך אויפגעשטעלט, ברייטער צעעפנט די אויגן און מיט איבעראַשונג אַ פרעג געטאָן: „וואָס? פונעם בעל שם-טוב צו מיר?... וואָס פאַר אַ זכות! זאָגט, זאָגט וואָס איז דער ענין?" דער אורח רעדט ווייטער: „ס׳איז באַוווסט, אַז איר זענט אַ שומר מצוות און אַ בעל-הבית פון גערטנער מיט באַרימטע ווייַנען; אייערע וויינען זיינען שטרענג אָפּגעהיטענע אין כשרות. בעט דער צדיק ר׳ ישראל אַ ביסל פון אייער וויין, כדי מקיים צו זיין די מצוה פון די ארבע כוסות אין דער סדר נאַכט פון פסח און איין כוס פאַר אליהו הנביא, צו פאַרהייליקן דווקא אייער געלויבטן, כשרן וויין".

צו ר׳ זוסעס פרייד איז קיין גרענעץ נישט געווען. צו די סוחרים פון שטעטל איז תיכף דערגאַנגען דער „נס" מיטן גרויסן כבוד, וואָס דאָס גאַנצע שטעטל האָט באַקומען. אַ קלייניקייט -- דער הייליקער צדיק, איינער פון די גרעסטע אין אונדזער דור, דער בעל שם-טוב וועט בענטשן און פאַרהייליקן

דעם ווײַן פֿון טעלענעשט. . . און אויך אליהו הנביא וועט פֿאַרזוכן דעם טעם פֿונעם שטעטלדיקן ווײַן.

די ידיעה האָט זיך בליץ שנעל צעטראָגן ווי אויף פֿלי־געלעד. גרופּעס איינוווינער פֿון שטעטל זײַנען געקומען צו ר׳ זוסען אין הויז, כדי צו וואַרפֿן אַ בליק אויף דעם געשיקטן; זען מיט אייגענע אויגן דעם שליח פֿונעם גרעסטן, הייליקסטן מענטש אין יענע צײַטן; אָנצורירן מיט דער האַנט אַן עק פֿון זײַן מלבוש; אַ שמעק טאָן צו אים, ווײַל אין דעם שליח מוז דאָך זײַן כאָטש אַ פֿונק פֿונעם גרויסן צדיק, ר׳ ישראל בעל שם־טוב.

די איינוווינער זײַנען אַרויס אין די גאַסן פֿון קליין ביז גרויס, מיט פֿרייד און געזאַנג: „ווי גרויס איז אונדזער זכות, וואָס דער הייליקער בעל שם־טוב וועט נוצן אונדזער ווײַן אויף פּסח". דער גליקלעכסטער פֿון אַלעמען איז, פֿאַר־שטענדלעך, געווען ר׳ זוסע. ער האָט זיך גענומען צו דער מצווה מיט גרויס התלהבות. מיט די אייגענע הענט האָט ער צוגעגרייט די כלים -- אַלץ שטרענג כשר. ער האָט אַליין אויס־געקוועטשט די טרויבן, געמאַכט דעם ווײַן ס׳זאָל זײַן כשר למהדרין; געמאַכט זיכער, אַז קיין פֿרעמדע האַנט זאָל זיך נישט צורירן צום ווײַן און, חלילה, טריפֿה מאַכן.

ווען די גאַנצע צוגרייטונג האָט זיך פֿאַרענדיקט, האָט ר׳ זוסע געלאָזט וויסן דעם בכבודיקן גאַסט, אַז ער, ר׳ זוסע אַליין, וועט אים באַגלייטן אויפֿן וועג צו דער גרענעץ פֿון פּאָדאָליע, צווישן כאָטין און קאַמעניץ, ביז צום גרויסן טײַך פּרוט. מען האָט אײַנגעשפּאַנט דעם וואָגן מיט צוויי שטאַרקע, רירעוודיקע פֿערד און ר׳ זוסע מיטן שליח זײַנען אַרויסגעפֿאָרן אין וועג אַרײַן.

ווען ר׳ זוסע האָט זיך מיט אַ שטיקל צײַט שפּעטער אומגעקערט אין שטעטל, האָט ער דערציילט זײַנע נאָענטע, אַז דער שליח איז איינער פֿון די תּלמידים פֿון בעל שם־טוב, אַ הויכגעשעצטער מאַן, אַ געלערנטער אין דער תּורה. זײַן יעדעס וואָרט איז אַ ראָזשינקע. ער האָט דערציילט ר׳ זוסען געשיכ־טעס און זאַכן, אין נאָמען פֿון בעל שם־טוב. עס זײַנען אַריבער טעג, וואָכן און חדשים און אין בית מדרש און אין די קלייזלעך האָט מען נישט אויפֿגעהערט צו דערציילן געשיכ־טעס וועגן לעבן, זאָגעכצער און נסים פֿון ר׳ ישראל בעל שם־טוב.

ר׳ ישראל בן אליעזר -- דער בעל שם-טוב אָדער בעש״ט -- איז געבוירן געוואָרן אין 1700, ביי אָרעמע עלטערן אין אָקאָפּ, פּאָדאָליע. ער איז יונגערהייט פאַריָתומט געוואָרן. צו אַכצן יאָר האָט ער חתונה געהאַט און געצויגן אַן אָרעמע פּרנסה אַלס מלמד, שול-שמש און שוחט. נאָך זיבן יאָר האָט ער, צוזאַמען מיט זיין פרוי, זיך צוריקגעצויגן אין די קאַר-פּאַטן-בערג, דאָרט איז ער געוואָרן אַ שומר אין וועלדער. גלייכצייטיק האָט ער זיך אַריינגעטאָן מיט לייב-און-לעבן אין לערנען תורה און אין התבוננות. זיינע תלמידים פלעגן דער-ציילן וועגן די נסים, וואָס האָבן מיט אים געטראָפן. ער אַליין האָט זייער ווייניק פאַרשריבן, אָבער זיינע נאָכפאָלגער האָבן אָנגעשריבן פיל ספרים וועגן בעל שם-טוב.

ער איז שפּעטער באַרימט געוואָרן ווי אַ גרויסער צדיק און אַ שטאַרקער זייל אין חסידיזם. צווישן זיינע תלמידים און מיטצייטלער זיינען געווען: ר׳ דוד בער, דער מגיד פון מעזריטש; ר׳ נחמן פון קאָסאָוו; ר׳ פּנחס פון קאָזיץ; ר׳ נחמן בראַצלאַווער און פיל אַנדערע. ר׳ ישראל, דער בעל שם-טוב, איז געשטאָרבן אין 1760.

פאַר לאַנגע יאָרן און דורות פלעגן טעלענעשטער איינ-וווינער נאָכדערציילן וועגן דעם „נס״ מיטן שטעטלדיקן וויין, וואָס דער בעל שם-טוב האָט פאַרהייליקט מיטן מקיים זיין די מצווה פון די פיר כוסות וויין ביים סדר אין יאָר 1743 -- מיט 250 יאָר צוריק.

תעשיית יין־כשר

פסח אין שטעטל

אויף דער גאַס ליגן גרויסע בלאָטעס,
די ערד פאַרצויגן, ווי מיט שוואַרצע לאַטעס,
רוקט זיך די זון און טוט פאַמעלעך רייטן.
זיצן יידן און קוקן פון דער ווייטן,
ווי ס׳פאָרן פורלעך אָן אויפן וועג,
זיי קנעטן אויס דעם בלאָטיקן שטעג.

אַריבערגיין פון איין זייט אויף דער צווייטער,
נאָר איבער שטיינער אָדער אַ ברעט אַ ברייטער.
אַ קאַלאָש אָדער אַ שטיוול אַ נאַסן?
אַבי דו ביסט אַריבערגעגאַנגען די גאַסן.

שטייען קלייטניקעס אויף זייערע שוועלן,
צופרידן טוען זיי פון די קונים קוועלן,
ווי ס׳טראָגט אַן אַלטע יידענע די „לעיעס"
אינעם טאָרבעלע דאָרט די פּאָר מטבעות.

לויפט אַ ייִנגעלע מיט אַ טאַש אויף די פּלייצעס,
ווי אַ פערדל דאָרט, לויפט אָן די לייצעס,
שלעפט פון דער בלאָטע די פיסלעך צוזאַמען --
איילט אין שולע ער זאָל נישט פאַרזאַמען.

אין די הימלען, גרויסע וואָלקנס שפּרייזן,
סימָנים פון דעם פרילינג טוען זיך באַווייזן.
צו פאַרטרייבן ווייט אַוועק די שנייען,
הויבן אָן אַרום וואַרעמע ווינטן ווייען.

ס'האָט נאָך אַ שמיץ געטאָן אַ קליין רעגן --
דערנאָך הויבן אָן צו טריקענען די וועגן.
ריין די לופט און שמעקט מיט פרילינג אַרום,
גרייטן אַלע זיך צום יום-טוב אומעטום.

מען הויבט אָן טראַכטן יעדן פרימאָרגן,
ווי אַזוי מיט מצות זיך באַזאָרגן.
נחום בעקער און זיין ברודער לייבל, זאַלבענאַנד,
זיי זיינען מיט זייער מצה-באַקן גוט באַקאַנט.

ווייסן פויערים, וואָס יידן איצט באַדאַרפן,
יעדע אַנדערע אַרבעט, איצט זיי פאַרוואַרפן.
קלערן, זוכן, קראַצן זיך די קעפּ --
ברענגען צום פאַרקויפן ערדענע טעפּ.

כשרט מען מיט געברענטע אָנגעגליטע שטיינער,
גאָפּלען, מעסערס, לעפלען -- יעדער איינער,
און מען שלעפּט אַראָפּ צוערשט און קודם,
טעלער, שיסלען, כּוסות פונעם בוידעם.

עס קומט אויף יעדן איינעם אַ ניי לעבן,
אַ שיינעם יום-טוב האָט גאָט געגעבן.
ס'איז פון דורות, בירושה אונדז פאַרבליבן,
נאָך פון מצרים-צייטן -- אין חומש אַלץ פאַרשריבן.

דעם סדר, די מנהגים, ריכטיק אָפּצוהיטן
און אויך די מענטשלעכע, די יידיש-גוטע זיטן.

הייבט אָן דער זיידע זאָגן דעות:
פאַרקעמען זאָל מען באָרד און פאות;
זיך באָדן, ריינוואַשן, אָפּפרישן די ביינער,
צום יום-טוב גרייטן זאָל זיך יעדער איינער.

בודק-חמץ זיין, זוכן אין יעדן ווינקל,
מיט אַ ליכטל זוכן אין דער סאַמע טונקל,
נישט בלייבן זאָל חלילה קיין שום ברעקל --
אויסטרייסלען אפילו די קעשענעס פון רעקל.

כַּשֶׁרט מען ביי איוווטשערן די גרויסע מיל,
מ׳רייניקט די ווענט און מ׳רייבט דעם דיל;
און ביי בערענשטיינען די „מאַסלע-בוינע",
חתמעט אַ הֶכְשֶׁר דער רָב, ר׳ יונה.

איז דען מעגלעך דאָס אַלץ אָפּצומאָלן,
ווי עס פלעגט זיך כּשר מעל דאָרט מאָלן?
אָדער כּשר שֶׁמֶן לְפֶּסח זאָל אין עמער זיך גיסן? --
דערפון פלעגט דאָס גאַנצע שטעטל געניסן.

רוט נישט בערל זיצער -- גייט שוין אַוועק
אין טיפן בעסאַראַביע, אין יענעם ווייטן עק,
פרישע פיש, וואָס וואַרפן זיך, דערטאַפן
אין בעסטן אָרט, ווו מ׳פלעגט זיי דאָרט כאַפּן.

די טייערע ייִנגעלעך און די שיינע מיידעלעך,
אין נייע שיכעלעך און אין נייע קליידעלעך,
אויסגעפּוצטע, ריינע, קינדערלעך צאַרטע,
גרייטן זיך צו אָט די טעג, לאַנג געגאַרטע.

יעדער מיט זיין פרייד, יעדע מיט איר קוועלן,
זוכט זיך צו פאַרמעסטן, זיך אויסצושטעלן,
סיי ווער ס׳איז קליין, סיי ווער ס׳איז גרעסער,
ביי וועמען זעט עס שענער אויס און אפילו בעסער.
מיט רויִקן געמיט און גייסטיק-צופרידן
האָבן דעמאָלט דעם פּסח געמאַכט אַלע ייִדן --
קליינע דאגות, וויניק טראַכטן און זאָרגן,
וואָס היינט איז, זיין וועט אויך מאָרגן. . .

האָט איבער אַלעמען גערוט די שכינה,
אין יעדן הויז, אָפּקלאַנגען און האַרציקע נגינה.
אַ מאָל אויך פריילעך זיין און לוסטיק לאַכן,
פלעגן שאָלטיקעס אַ „טרעיאַטער" מאַכן:

גלייך אין די אָפענע, צעפּראַלטע טירן,
אַן אויסגעפּוצטע ציג גלייך אַריינפירן.
געוואַרט האָט מען אויף אליהו הנביא אַליין,
קומט גאָר אַ בידנע ציג צו גיין?

איז ביי דעם זיידן אַ צאָרן, אַ גערעכטער,
אָבער אַנדערע קאַטשען זיך פאַר געלעכטער;
מאַכט נישט אויס, זאָל מען קאַטאָוועס טרייבן --
ווער קען מיט ווערטער אָט דאָס אַלץ באַשרייבן?

ווײנט דאָס האַרץ: פונעם שטעטל קיין זכר ניט געבליבן,
אַלץ איז לאַנג פאַרשוואונדן, אַלעמען פאַרטריבן.
איז ווער נאָר געדענקט און גוט אַלץ פאַרשטאַנען,
וועט לייענען און אַלץ מיט בענקשאַפט דערמאָנען. . .

איסאַק באַבעל. זיין לעבן און שאַפן

איסאַק עמאַנועלאָוויטש באַבעל (1894-1941) איז איינער פון די גרעסטע פאָרשטייער פון דער רוסיש-יידישער ליטעראַטור אין דער סאָוועטישער עפּאָכע אין רוסלאַנד. אַלע זיינע שאַפונגען זיינען געבונדן מיט דער יידישער קולטור-היסטאָריע. ער האָט געשריבן אין רוסיש מיטן יידישן סטיל און אויסגענוצט די יידישע פּערסאָנאַזשן. זיינע שאַפונגען זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אין פיל וועלט-שפּראַכן.

איסאַק באַבעל איז געבוירן געוואָרן אין אָדעס אויף דער מאָלדאַוואַנקע. אָדעס איז אַ היסטאָרישע שטאָט. דאָרט האָבן דעביוטירט אַ סך יידישע שרייבערס, דיכטערס און הויכגעלערנטע יידישע פּערזענלעכקייטן. מיר ווען דאָ נאָר דערמאָנען עטלעכע פון זיי: מענדעלע מוכר ספרים, דער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור; שמעון פרוג, חיים נחמן ביאַליק. אַזוי אויך אַ גרויסע צאָל ציוניסטישע פּירער, ווי: אחד העם, משה לייב ליליענבלום, יהושע חנא ראַווניצקי, לעאָן פּינסקי און זאב זשאַבאָטינסקי.

ער איז געבוירן געוואָרן אינעם שטאָט-ווינקל פון דער אונטערוועלט. פאַר דער רעוואָלוציע האָבן דאָרט פריי געוועלטיקט גנבים, רוצחים, גענגסטערס און אַנדערע פיינע לייט. פאַר באַבעלן איז דאָס דערנאָך געווען אַ קוואַל פון טעמעס, וואָס ער האָט אַזוי רעאַל און מייסטעריש, מיט שכל און חכמה באַשריבן. זיין פאָטער איז געווען אַ סוחר. ער האָט אַלץ געטאָן, אַז זיין זון זאָל לערנען יידיש און אויך עברית, תנ״ך און תלמוד. ער איז דערנאָך אַריין אין דער שולע „די קאָמערץ גימנאַזיע", אויפן נאָמען פונעם אימפּעראַטאָר ניקאָלאַי דער ערשטער. אין דער שולע האָבן געלערנט זין פון אויסלענדישע הענדלערס, סוחרים, מעקלערס און רייכע פּאָליאַקן.

איסאַק באַבעל איז געווען אַ פּיין בחורל, פול מיט ייִדישער חכמה און פאַרשטאַנד, רייך מיט שלום-עליכמס הומאָר. ער האָט אַרויסגעוויזן פעיִקייטן צו מאָלן און באַשרייבן שטעטלדיקע עפּיזאָדן פון דער ייִדישער גאַס, אַריינגעדרונגען אין יעדער ריכטונג און געשאַפן ביז גאָר קינסטלערישע דערציילונגען מיט פיינע אָפּקלאַנגען און רייכן הומאָר.

פון 1917 ביז 1924 איז ער אַוועק צווישן מענטשן. אין דעם פּעריאָד ווערט ער אויך אַ סאָלדאַט. דעם עיקר שרייבן האָט ער אָנגעהויבן אינעם יאָר 1924. זיינע ערשטע דערציילונגען זיינען געווען: „זאַלץ", „בריוו", „דאָלגאָוויטשעס טויט", „דער קאַראָל", אַלץ געשריבן אין רוסיש. מ'האָט זיי איבערגעזעצט אין ייִדיש.

פּאַוסטאָווסקי האָט אַמאָל דערציילט, אַז נאָך אין 1921 האָט ער געזען ביי באַבעלן 22 דערציילונגען, ווי ס'איז געווען „ליובקע קאָזאַק". באַבעלן איז געווען פרעמד דער ראָמאַנטישער זשאַנער. ער האָט זיך איבערגעגעבן צום לעבעדיקן, רעאַלן לעבן און פון דאָרט געשעפּט זיין שעפערישקייט, געבויט אינהאַלט. גאָרקי האָט אויף אים געמאַכט דעם בעסטן איינדרוק. ער האָט אים אויסגעהערט ווי אַ תלמיד זיין לערער און אים געעצהט. „מ'דאַרף, האָט אים געלערנט גאָרקי, זיך אַריינלאָזן אין די מאַסן, אויסשטודירן זייער לעבנס-גאַנג און עס ברענגען אין דער עפנטלעכקייט". אויף דעם פּראָנט פונעם בירגערקריג האָט זיך ביי אים אויסגעקלאָרט דער וועג, מיטן אַרויסגעבן דאָס בוך „די פערד-אַרמיי". דאָרט ווערן געמאָלן די שטעט און שטעטלעך, די ייִדישע רייכע געשטאַלטן, באַציִונגען פון מענטש צו מענטש.

זייענדיק אין דער אַרמיי האָט ער געפירט אַ טאָג-בוך, אַנאַליזירט יעדע געשעעניש און דאָס מאַטעריאַל אויף וועלכער באַזע ער האָט אַרויסגעגעבן די ביכער: „פּריטשעפּאַ", „די גרויסע קרעניצע", „גאַפּאַ בוזשע", ווו ער באַצייכנט דאָס רעאַלע, ייִדישע טאָג-טעגלעכע לעבן. צו קריגן מער מאַטעריאַל וועגן דעם לעבן פון די ייִדן, וועלכע באַוויינען די שטעט און שטעטלעך, איז ער זיך אַרומגעפאָרן אין די ראַיאָנען פון אוקראַינע און בעלאָרוסיע (ווייסרוסלאַנד). אַלע געשעענישן אין די עפּיזאָדן זיינען באַשטעטיקט דורך דאָקומענטירטע באַווייזן פון די דאָזיקע ערטער. זיין לעצט צוגעגרייט בוך אין 1931 איז שוין נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן ביי זיין לעבן.

דאָס בוך „קאָני-אַרמי" („די פערד-אַרמיי") האָט אַרויס-גערופן גרויסע קריגערייען אין מאָסקווע. דער עיקר האָבן קרי-טיקירט די אָפיצירן און די קאָמוניסטן, זיי האָבן זיך אפילו אויסגעדריקט, אַז אַזוי קען נאָר שרייבן אַ „בעלאָגוואַרדייעץ" (פון דער ווייסער גוואַרדיע), אַ קאָנטער-רעוואָלוציאָנער. דאָס האָט שוין געשמעקט מיט פולווער. אין דעם בוך זיינען דאָ דערציילונגען: „גדליה און דער רבי", „דער אַלטער שלמה", „גאָספּאָדין אָפּאָלעק", „סאַשע קריסטאָס" און „שבת נחמו". די סיבה פון דער קריטיק איז געווען: פאַרוואָס ווערט נישט דער-מאָנט אין בוך די העלדישקייט, וואָס די סאָלדאַטן ווייזן אַרויס אינעם קאַמף מיטן שונא? נישטאָ די מאַסן, נישטאָ די קאָמוניסטן. אַלע דערציילונגען האָבן נישט קיין שום שייכות דערמיט.

איסאַק (יצחק) באַבעל

דער רעוואָלוציאָנערער פּראָבלעם האָט זיך אין יענע יאָרן געשטעלט ביי באַבעלן ווי אַ ביין אין האַלדז. די פראַגע איז געשטאַנען: ווי האַנדלט מען ווייטער? די צערודערונג האָט זיך ביי אים אָנגעהויבן גלייך אין יאָר 1920, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט: „שיסן איינער דעם צווייטן איז נישט קיין רע-וואָלוציע! בודיאָני טראָגט דעם קאָמוניזם און די באַבקע ווײנט און קלאָגט". די רעכט פון דער רעוואָלוציע ברענגט ער אין דער דערציילונג „גדליה". „אַלע", זאָגט ער, „קעמפן פאַר פרייהייט און אַלע אינאיינעם ראַבעווען". באַבעל קען נישט רוען. מיט מורא שרייבט ער לידער פאַר דער רעוואָלוציע, פון אומרעכט און שווידערלעכע מאָרדן אין נאָמען פון דער צוקונפט.

די פּסיכאָלאָגיע פונעם סאָלדאַט, דאָס זיין גרייט צו

שיסן, הרגענען, רויבן, טויטן און צונעמען; די אוממענטשלעכע באַציִונגען אפילו צו זיינע חברים, די שׂנאה צו דער פריערדי-קער וועלט, האָט פאַרנומען דעם אויבן אָן. ער פאַרלירט די מענטשלעכע איידלקייט, די מענטאַליטעט; גרייט צו פאַרזייען די קוילן אין אַלע פיר עקן פון דער וועלט, בכדי צו באַקומען אָן אַנדער צוקונפט.

אין באַבעלס נאָוועלן קען מען געפינען סיי געלעכטער, סיי טרערן, צוזאַמען מיט אויסערגעוויינלעכע שווידערלעכקייטן, מערדערייען, אוממענטשלעכקייט. גלייכצייטיק דערמיט האָט איר פּאָעטישע שיינקייטן, טראַגעדיעס און יום-טובדיקע מנהגים, אַנעקדאָטן און אַפּאָריזמען. ס׳האָט זיך באַקומען, אַז די רעוואָלוציע האָט געמוזט קומען, אָבער נישט געקענט אויס-קומען אָן שׂונאים, קעגנערס, שטערערס. און אויב ס׳זיינען נישט פאַראַן אַזעלכע, דאַרף מען זיי שאַפן. אַנדערש הייסט דאָס נישט קיין רעוואָלוציע.

אַחוץ די באַשרייבונגען פון „די פערד-אַרמיי" האָט באַ-בעל אָנגעשריבן אַ ציקל דערציילונגען, געווידמעט דער שטאָט אָדעס. דאָס אַלגעמיינע, פּאַראַדאָקסאַלע לעבן פון דער שיינער דרום-שטאָט -- און באַזונדערס פון דער אונטערוועלט -- די מאָלדאַוואַנקע. . . דאָ האָט ער אויסגעדריקט זיין גוואַלדיקן אינטערעס אין זיינע קלוגע שאַפונגען מיט טעם און געפיל.

אין 1924 זיינען אַרויס פון דרוק זיינע דערציילונגען וועגן „בעני קריג", אַ פּראָטאָטיפּ פון דעם באַוווסטן באַנדיט אין אָדעס „מישקאַ יאַפּאָנטשיק". דאָס איז געווען אַ ציקל דערציילונגען אויף וועלכע ער האָט זיך אין די שפּעטערדיקע יאָרן ברייט אָפּגעשטעלט. אויף דער טעמע איז אויך אין 1926 אַרויס דער זעקסטער טייל. אין זעלבן יאָר דערשיינט די סצע-נאַריע פונעם פילם „בעני קריג", וועלכע פיגורירט אויך אינעם בוך „זונפאַרגאַנג" און איז געדרוקט אין 1928 אין דער „נייער וועלט". דריי פון זיינע טעאַטראַלע פּיעסעס זיינען אויסגעפירט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג אין ישראל פון דער „הבימה", ווי אויך אין אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע, דייטשלאַנד און אַמערי-קע. אין רוסלאַנד איז פאַרווערט געווען זיי צו שטעלן, אויך נישט די פילמען. אַלע זיינע ווערק האָבן דערגרייכט אין די מערבדיקע לענדער.

באַבעל איז געווען דער איינציקער שרייבער אין דער

סאָוועטישער ליטעראַטור, וועלכער האָט, נישט קוקנדיק אויף זיין אָפּשטאַם, אַפּעלירט צו די רעליגיעזע הויכקייטן אויף וועלכע די וועלט שטייט. איסאַק באַבעלן האָט מען אַרעסטירט אין 1939. קיין שום פּרטים פון זיין אַרעסט זיינען נאָך ביז היינט נישטאָ. ס'איז נאָר באַקאַנט, אַז דעם 17-טן מערץ, 1941, האָט מען אים דערשאָסן אין טורמע.

יאָסקע דער שוסטער

יאָסקע דער שוסטער איז געווען באַקאַנט אין גאַנץ קאָפּרעשט, פון קליין ביז גרויס. אויך האָט מען אים געקענט אין די 13 דערפער אַרום. דאָרט האָט מען געוווּסט, אַז ווען מ'קומט צו יאָסקען, וועט מען שוין מיט קיין צריסענע שיך נישט אַרויסגיין. געווען איז יאָסקע אַ קורץ-געוואַקסן, אויסגע-דאַרט יידל. צו דערגרייכן צו זיין ווייב לאהן, האָט ער גע-מוזט הייבן דעם קאָפּ אין דער הויך. ער איז שוין אַזוי צוגע-וווינט געוואָרן פאַר די 30 יאָר פון זייער צוזאַמענלעבן. זיין גאַנץ לעבן האָט אים שטענדיק געפעלט 99 צום הונדערטער. דערפאַר איז ער אָבער געווען אַ „טוב-לב". ביים אָפּשאַצן דעם פּרייז, וויפל דער קונה זאָל באַצאָלן, האָט זיך אַרויסגעיאָוועט פון דער קיך זיין לאה און אַ ווונק געטאָן צו אים, אַז ס'איז ווייניק וויפל ער שאַצט אָפּ די אַרבעט.

ווען לאה האָט זיך צעשריגן אויף די קינדער, פלעגט יאָסקע נישט קענען פאַרליידן. „מ'קען דאָך אַלץ פּועלן ביי זיי מיט גוטן" -- פלעגט ער טענהן. -- „אַ גוט וואָרט מאַכט אַן אָרט". ווען די קינדער פלעגן עפּעס דאַרפן, פלעגן זיי זיך ווענדן צום פאָטער, אָבער לאה פלעגט אַלץ באַשטימען. דאָס גוטסקייט האָט ער געהאַט פון זיין זיידן, יעקב מאיר שוסטער. ער פלעגט אים אָפּט דערמאָנען צום גוטן. אַ טייערער ייד גע-ווען. ער האָט זיך ביי אים דערצויגן, ווייל ער איז קליינער-הייט געבליבן אַ יתום.

יאָסקע האָט זיך געגרויסט מיט זיין מלאכה, אונטער-זינגנדיק אַ זמרל אין יידיש ביי דער אַרבעט. אין שול פלעגט קומען צו רייד אין פּאָליש, וועגן שוסטעריי, האָט ער געקענט אויסרעכענען אַ גאַנץ צעטל מיט גרויסע געלערנטע מענטשן,

וואָס קומען אַרויס פון שוסטערס. ער פלעגט זיך דערמיט גרויסן. די פלעקל־קלאַפּערס און די דראַטווע־ציערס זיינען אַ גאַנצע מחנה אויף דער וועלט. אַנו, טראָגט אַ פּאָר שטיוול אין די קאָפּרעשטער בלאָטעס, און סימאַכט זיך אַ קליין לעכעלע, בייט זיך תיכּף אייער שטימונג און עס פייפט ביי אייך, ווי פורים ביי דעם שיכּורן קלעזמער.

קיין נייע שיך האָט יאָסקע נישט גענייט. דערפאַר, אַז ער האָט פאַרנייט דעם שוך מיט צוויי שורות, איז דאָס געווען אַן אייביקע זאַך, סיידן די שיך וועלן זיך אינגאַנצן צערייסן. אין שניידער־שוסטער קלייזל פלעגט מען טאַקע וועגן אים שמועסן: אַ לאַטקעלע לייגן איז נישט געווען זיינס גלייכן. אַרומגענייט ווי פון דער פאַבריק, אָנגעשמירט מיט אַ ביסל „אימאַלין" אַרום און אַרום, אַ וויש געטאָן מיט אַ שטיקל פליוש און „פאַר ווייטער", פלעגט ער אַ זאָג טאָן, געוויינטלעך נאָכן איבערקוקן זיין מעשׂה־יָד. אַזוי איז יאָסקע געווען צוגע־שמידט צו זיין נעבעכדיקן וואַרשטאַט פון קאַיאַר ביז נאַכט.

דער וואַרשטאַט איז געווען אויף צוויי טרעפּלעך אַרויפצוגיין, גלייך אַנטקעגן פענצטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אין גאַס, כאָטש יאָסקע האָט ווייניק אַרויסגעקוקט. וואָס איז אויף דעם וואַרשטאַט נישט געווען? אַלערליי קאָלירן שיך, פּאָ־דעשוועס, נאַסקעס, קיילעכדיקע אָדער מאָדערנע לענגלעכע, טופליעס פאַר מענער און פרויען, שטיוול, קינדער שטיוועלעך. אַזוי ווי ער איז געווען אַ ספּעציאַליזירטער לאַטוטניק, זיינען זיי אַלע געווען „אינוואַלידן", וועלכע ער האָט געדאַרפט שטעלן „אויף די פיס". דערנאָך פלעקלעך, דראַטוועס, קלעי, „אימאַלין", טשוועקלעך און צוגעשניטענע פּאָדעשוועס, איינגעהאַנדלט ביי חיה־גיטלען, אַן אלמנה שוין אַ סך יאָרן מיט אַ זון. דער מאַן האָט איר איבערגעלאָזט דאָס געשעפט -- איינס אויפן גאַנצן ראַיאָן. איז יאָסקע געווען ביי איר אַ גאַנצער בן־בית. אַליין זיך אויסגעקליבן, וואָס ער דאַרף, גענומען אויף באָרג און זי פלעגט פאַרשרייבן.

ווען חיה־גיטל האָט שוין פאַרמאָגט אַ שיין ביסל געלט, האָט זי אָנגעהויבן טראַכטן, וואָס טוט מען מיטן זון? איז זי געפאָרן קיין קישענעוו און פאַרהאַנדלט פאַר איר זון אַן אינטעליגענטע מיידל, וואָס רעדט נאָר רוסיש (אַ שפּראַך, וואָס סיהאָט גערעדט נאָר די אינטעליגענץ), כאָטש יידיש האָט זי זייער גוט געקענט, נאָר גיי שריי „חַי־וְקַיָם", אַז זי איז

פאַרט אַן אינטעליגענטקע און סיפּאַסט אַנדערש נישט פאַר איר. יאַסקע האָט די שפּראַך אפילו אין חלום נישט געהערט, ער קען יידיש און מאָלדאַוויש. קומט יאַסקע אין קלייטל, ווי צו זיך אַ היים. ער רעדט צו איר יידיש, זי פאַרדרייט מיטן קאָפּ. יאַסקע זאָגט איר: „גיב מיר אַהער חיה-גיטלען". זי: „טשטאָ? טשטאָ?". ענדלעך איז חיה-גיטל אָנגעקומען. זי האָט דערזען יאַסקען, אים דערלאַנגט אַ ברייטן שלום-עליכם; ער איז דאָך דער פּרנסה-געבער אַזויפיל יאָרן. חיה-גיטל האָט זיך גענוג געמוזט צעברעכן די ציין, כּדי צו רעדן מיט איר שנור, ביז יענע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און גענומען רעדן אַ גוטן יידיש, אפילו מיטן מאַן און מיט די קויפערס אויך.

* * *

יאַסקע האָט שוין געוווּסט די צייט, ווען ס'דאַרף רע-גענען. אַז ס'רעגנט, פלעגט ער זאָגן, רעגנט מיט פּרנסה. אין האַרבסט מוז רעגענען און אפילו אָפּט, דאָס ווייסט ער שוין פון לאַנג פון זיינע שוסטערישע יאָרן. עס צעלייגט זיך אויף קאָפּרעשטער ברייטע גאַסן אַ בלאָטע, פון איין עק ביז צום אַנדערן. קינדער גייען אין די שולן, פאַריכט מען ביי יאַסקען די שיך. מ'שטעקט אַ מאָל אַריין די שטיוול אין אַ בלאָטיקן „טינטערל" און מ'שלעפּט אַראָפּ אַ פּאָדעשווע, קומט מען צו יאַסקען. אפילו אין די האַרבסט ימים-טובים מעג רעגענען, יאַסקען אַרט עס נישט. ער האַלט, אַז אויב אין דאַרף וואַרטן ערלים אויפן רעגן, כּדי דער ווייץ זאָל וואַקסן, דאַרף ער דעם רעגן, כּדי ס'זאָל רעגענען מיט צעריסענע שיך. ס'איז דאָך אַ גוטע סגולה צו דער פּרנסה. אָט די פירמע יאַסקע שוסטער האָט מען נישט געדאַרפט רעקלאַמירן.

ס'האָבן זיך שוין געפונען אין שטעטל בעלנים אויסצו-לערנען זיך פאַריכטן שיך, נאָר ווייס איך וואָס? ווי קומען זיי צו יאַסקען? יאַנקל קאַרנאָס איז זייער מקנא יאַסקען. ער האָט אַמאָל דורך ישראל שרייער אויסגעשריגן איבער אַלע גאַסן, אַז ער פאַריכט שיך און נעמט נישט טייער. נו, איז אפילו איין יאַסקעס קונה געגאַנגען צו אים? לא מיט אַן אַלף! נישט איבערגעטראַכטן זיין שוועל! און אַז ס'האָבן זיך געפונען אַזעלכע עטלעכע „חכמים", זיינען זיי איינמאָל געגאַנגען און דעם צווייטן מאָל אפילו נישט געטראַכט צו גיין. אַזוי לאַנג

און אַזוי ברייט, ביז יאַנקל קאַרנאַס האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן פון דער מלאכה.

אין די דערפער אַרום שטעטל, ווייסן שוין די איינ־ווױנער, אַז ווען מיקומט אָפּנעמען די פּאַריכטע שטיוול ביי יאָסקען, מוז מען ברענגען אַ הינדל, אַ צענדליק אייער און טאַקע אַ גוט פלעשל וויין. דערפון זאָגט זיך יאָסקע קיינמאָל נישט אָפּ. מיינט איר אוודאי פון דעם אַלעמען, אַז ביי יאָסקען איז אַלץ בסדר? האָט איר אַ טעות. ער טראָגט די קרוין פון אַ גוטן קבצן און איז מיטן דלות ענג פאַרבונדן. ער האָט דריי יינגלעך און צוויי מיידלעך און ווען מ׳נעמט אויס־רעכענען, וואָס אַזאַ משפחה דאַרף האָבן, דערצו וואַקסן זיי קיין עין הרע. מען מאָנט ביי אים אויך שטייערן, מוז מען דעם מאָנער עפּעס געבן „לא יחרץ" געלט אין דער האַנט אַריין.

אָבער ווען סיקומט דער שבת, לעבט יאָסקע אַ ביסל אויף. פאַר גרייטן דעם שבת זאָרגט לאה. ער דאַנקט יעדן טאָג דעם רבונו של עולם, וואָס ער האָט געגעבן די יידן דעם שבת. לאה שטייט אויף פרייטיק פאַרטאָג.

יאָסקע גייט אין שול אַריין, דאָרט זאָגט ער מיט גרויס כּוונה דעם „משיב הרוח ומוריד הגשם", דאַנקט גאָט פאַר געבן אַ רעגן, אַ סגולה צו פּרנסה. בכלל איז גוט צו זיין אַ ייד און האָבן אַ שבת קודש, אַ מתנה פון גאָט אַליין, טראַכט יאָסקע אַ צופרידענער.

פונעם מאַטעריעלן שטאַנדפונקט איז אוודאי דער דאָ־נערשטיק אויך נישט שלעכט. ס׳איז אַ מאַרק־טאָג, ווען די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער קומען זיך צונויף. זיי רופן יאָסקען, דער באַלעבאָס. אַי, וואָס איז ער פאַר אַ בעל־הבית? ער האָט גאָרנישט און דאַרף גאָרנישט. דאַרפן, דאַרף טאַקע לאה, זי איז די גאַנצע „קאַפּעל־מייסטערין". זי קאַסירט איין. ווי נאָר ער נעמט דאָס געלט פונעם קונה, גיט ער דאָס לאהן אײַנגאַנצן מיטן פּעקל זאָרגן.

מאַכט זיך אַ מאָל, יאָסקע זעט דורכן פענצטער שטיין אַ רעדל יידן און רעדן מיט די הענט. וועגן וואָס? אָט, למשל, האָט ער געהערט, אַז ס׳קען זיין דאָס מ׳זאָל אויסברוקירן אין שטעטל די גאַסן און אפילו די טראָטואַרן. ווער דאַרף דאָס? ס׳איז דאָך אַ קלאַפּ פאַר דער פּרנסה! אָדער מ׳רעדט, אַז מ׳וועט אָרגאַניזירן אַ „קאָאָפּעראַטיוו פון שוסטערס". ווער

דאַרף דאָס? פּרנסה ציט יאָסקע פון דער בלאָטע. און אַז ס'וועט זיין אויסגעברוקירטע וועגן און טראָטואַרן, וועט שוין זיכער נישט זיין דאָס זעלבע. הייסט אַ „קאָאָפּעראַטיוו"? מאָלט זיך אויס, אַז איך זאָל זיך דאַרפן טיילן מיט די שוסטערס, שניידערס, קאָוואַלעס? גענוג ווען איך דאַרף זיך טיילן מיט לאהן, טראַכט יאָסקע מיטן גאַנצן האַרצן.

מענדל קאָוואַל איז אַ געוווקסיקער ייד מיט צוויי וואָנצעס און מיט אַ שטענדיק צעשויבערטן קאָפּ האָר. ער פאַרמאָגט אַ שיינע שטוב און האָט אויך אַ בייכל דערצו. ער שטייט אויף פאַר זון-אויפגאַנג, האָט ליב צו באַטראַכטן דעם פרימאָרגן. מיט יאָסקען האָט ער קיין שום פאַרבינדונג נישט, ווייל וואָס האָט ער מיט אַ קבצן צו רעדן? קיין קינדער האָט מענדל נישט, נאָר אַ ווייבל, וועלכע האָט אַ פאַרשמירט פּנים מיט אַלערליי קרייטעכצער. נאָר פאַרוואָס טאַקע נישט צוטראָגן אַ גוטע בשורה דעם שכן? קומט ער אַריין פלוצעם צו יאָסקען זיך טיילן מיט די נייעסן. „יאָסקע" -- זאָגט ער -- „דו האָסט געהערט? די רומענער ווילן מאַכן אַספאַלט אויף די וועגן און טראָטואַרן, וועלן די רעדער זיך נישט ברעכן, די פאָטקעוועס פאַלן אַ סך ווייניקער".

יאָסקע רעדט אויס דעם קאָוואַל, וואָס פלעגט אים קיינמאָל קיין גוט-מאָרגן אפילו נישט זאָגן. „וואַרט, מיטוט דאָס נאָך נישט מאָרגן, אויב אפילו זיי זאָלן זיך נעמען דערצו, וועט זיך פאַרציען אַ סך יאָרן, אַז מיר וועלן נאָך קענען חתונה מאַכן אונדזערע קינדער". „יאָ -- זאָגט מענדל -- און טאָמער וועלן קומען די רוסן?" „די רוסן", גיט זיך יאָסקע אַ כאַפּ, „די רוסן שרייען דאָך, אַז זיי זיינען מיט די אַרבעטער „חברים". אַלץ וואָס זיי מאַכן איז אויף שנעל און ס'טויג אויף כּפּרות. דער אַספאַלט וועט זיך שנעל צעפאַלן. מ'וועט גיכער צערייסן די שיך און די פאָטקעוועס פון די פערד וועלן פאַלן אָפּטער. פרויען הייבן אָן טראָגן הויכע דינע קאָבלאַקן, וועלן זיי אַריין אין דעם טראָטואַר און דאָרט בלייבן שטעקן. צו וועמען וועט מען דאַרפן קומען? צו יאָסקען!" -- טוט ער זיך אַ קלאַפּ אין האַרצן. מענדל האָט זיך צוגעהערט צו יאָסקעס רייד און זאָגט: „הערסט, יאָסקע, האָסט מיר אַראָפּגענומען אַ שטיין פון האַרצן". אָבער יאָסקע האָט זיך נישט געמאַכט קיין גרינג האַרץ. ווער ווייסט, וואָס ס'קען נאָך זיין? האָט ער אָנגעהויבן פּלאַנירן: זיין זון מרדכי כאַפּט גוט אויף די מלאכה,

וועט ער אים דינגען אַ שטיבל אין עק שטאָט און זאָל ער
פּרוּוון מאַכן נייע אַרבעט, דער ערשטער אין שטעטל, פאַר-
וואָס נישט?. . .

דעם אַנדערן זון מעכלען וועט ער אַרויפנעמען צו זיך
אין וואַרשטאַט, אים שיקן אין די דערפער, זאָל ער אָננעמען
דאָרט אַרבעט ביי די מאָלדאַוואַנעס. נאָך אַ זון, גבריאל,
שניידט זיך צו זיין אַ סוחר. פון וואַנען האָט ער דאָס גענו-
מען, זאָל איך אַזוי נישט וויסן פון צרות. דאָס קליינע קעפּל
ביי יאָסקען האָט אָנגעהויבן אַרבעטן שנעל. יאָ, אָבער די צוויי
מיידלעך, דאָס זיינען „צוויי שטיינער אַרום דעם האַלדז". די
עלטערע, חוה, איז געוועזן זייער אַ שיינע, אַ הויכע, מיט גע-
גרייזטע לאָקן און אַ חן-גריבעלע אין דער רעכטער באַק; אַז זי
האָט אַ שמייכל געטאָן, האָט זי פאַרכאַפּט דעם צושויער; אויך
נישט געווען קיין נאַרישע. די קלענערע, בליומע, איז געווען
פּונקט דאָס פאַרקערטע. לאה פלעגט איר הייסן אַריינגיין אין
קיך, ווען ס׳איז געקומען עמעצער. ערשטנס, האָט זי אַוועקגע-
קוקט מיט אַן אייגל אין דער זייט, מיט אָפּגעלאָזטע האָר און
אַ ביסל צוגעהונקעט אויף אַ פוס. דאָס איז איר געבליבן פון
אַ קלאַפּ קליינערהייט. מענדל איז געוואָרן מיט יאָסקען
„קנעפּל שבקנעפּל", אָפּגעגעבן אַ „גוט-מאָרגן" יעדן טאָג און
אפילו געפרעגט וואָס ס׳הערט זיך עפּעס נייעס?

לאה האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט יאָסקען ביינאַכט,
ווען די קינדער זיינען נישט געווען, צו באַשליסן זייער גורל
אויף ווייטער. „זאָרג נישט, יאָסקע", זאָגט זי, „מיר זיינען
געבוירן געוואָרן אין דער בלאָטע, געוווינט מיט איר, נישט
היינט און נישט מאָרגן וועט זי זיך ביי אונדז ענדערן. לאָמיר
האָפן, אַז מיר וועלן נאָך אונדזערע קינדער חתונה מאַכן אין
דער בלאָטע".

ס׳זיינען אַוועק יאָרן. די רומענער זיינען אַוועק; די
רוסן זיינען געקומען. די דייטשע פליערס האָבן צעטריבן די
יידן פון שטעטל אין דעם גיהנום פייער. יאָסקעס קינדער
זיינען זיך צעפלויגן. לאה מיט יאָסקען האָבן דאָס אָרעמקייט
איבערגעלאָזט מיט דער צעלייגטער בלאָטע און אַוועק ווו די
אויגן האָבן זיי געטראָגן. די בלאָטעס, צוזאַמען מיטן שטעטל,
זיינען „אָפּגערייניקט" געוואָרן.

די געשיכטע פון אַ פּריוואַטן לערער

איר האָט אין גאַנץ בעסאַראַביע און אין רומעניע, אין די יידישע ספערן, נישט געקענט געפינען אַ יידישע משפחה, וועלכע זאָל נישט שיקן זיין קינד אין חדר צו לערנען יידיש און לשון קודש, אין צוגאָב צו די ערשטע קלאַסן פון דער מלוכה שולע. די עלטערע קינדער פלעגט מען דערנאָך שיקן אין די גרעסערע שטעט צו לערנען העכערע בילדונג. געווען אַזעלכע, וואָס זיינען מאַטעריעליש נישט געווען אימשטאַנד דאָס צו טאָן. פלעגן אַ סך פון די אונטערגעוואַקסענע קינדער זיך לאָזן אין די שטעט אויף גאָטס באַראָט. אין די גרויסע שטעט ווי קישענעוו, יאַס און אַפילו אין בוקאַרעסט, פלעגן יידן דינגען סטודענטן זיי זאָלן געבן פּריוואַטע יידיש-לעקציעס צו זייערע קינדער.

אין אַ געוויסן טאָג גייט דער ייד, שמחה אַבראַמאָ-וויטש אַרויס פון דער „מגן דוד" גימנאַזיע. אין דרויסן איז דער סטודענט לייבל געשטאַנען און גערעדט מיט זיינעם אַ חבר. הער אַבראַמאָוויטש רופט אים צו און פרעגט, צי ער ווייסט אפשר וועגן אַ לערער, וואָס וואָלט געקענט לערנען זיין מיידעלע אין דער היים יידיש און העברעיש. לייבל קוקט אים אָן פון אויבן אַראָפּ און טראַכט: פון וואַנעט האָט ער זיך גענומען? אוודאי האָט אים גאָט צוגעשיקט. ער ענטפערט אים מיט איבעראַשונג: „יאָ, דאָס בין איך טאַקע אַזאַ לערער". „אויב אַזוי", דערלאַנגט אים אַבראַמאָוויטש די האַנט, „אפשר וועסטו פאָרן מיט מיר אין מיין היים און מיר וועלן דאָרט רעדן וועגן דעם". לייבל ענטפערט אים, אַז ער איז גרייט, און

אין האַרצן ווערט ביי אים אַזוי גרינג און וואַרעם. ער קוקט שוין לאַנג אַרויס אויף אַזאַ שטעלע. ווען זיי קומען אָן אין אַבראַמאָוויטשעס היים, באַקענט ער אים מיט זיין פרוי. און ס׳טוט אַ שפרונג צו דאָס מיידל, ווי אַ ציגעלע צו די קני, שטרעקט אויס די האַנט און זאָגט: „און איך בין ריוואַ. . ."

ביי אַבראַמאָוויטשן איז דאָס טעכטערל געווען זייער אַ באַליבט קינד, אַ פאַרשאַרטע און אַ צעפּיעשטשעטע. זי האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז אַלץ מעג זי, און וואָס זי וויל דאַרף מען איר צושטעלן. דער פאָטער פלעגט זיין שטענדיק פאַרנומען. ער איז געווען אַן אָנגעשטעלטער אין אַ געשעפט און פיל מאָל געדאַרפט אַרומפאָרן אין די רומענישע שטעט. די מוטער האָט נישט געאַרבעט. זי פלעגט אַ סך לייענען, ווען ריוואַ האָט זי צורו געלאָזט. לייבל האָט באַטראַכט דאָס גע-זינדל און באַלד אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס ווילדע מיידעלע וועט מען דאַרפן איינשטילן. אויף אַזעלכע זאַכן איז ער געווען אַ ספּעציאַליסט.

בשעת דעם געשפּרעך פרעגט מען לייבלען ווו ער וווינט און ער ענטפערט: צווישן הימל און ערד. דאָס פּאָרפאָלק פירט אים אַריין אין אַ גרויס צימער, מיט אַ פענצטער אין דרויסן אַרויס. עס שטייט דאָרט אַ דיוואַן און אַ טישל מיט צוויי בענקלעך. ווען לייבל האָט דאָס דערזען, האָט ער נישט גע-קענט אויסרעדן קיין וואָרט. אָבער ווען מ׳האָט אים געפרעגט צי ס׳געפעלט אים, האָט ער געענטפערט מיט אַן איינגעהאַל-טענעם אָטעם: „וואָס-זשע דאַרף איך אייך צאָלן פאַר אַ חודש?" רופט זיך אָן אַבראַמאָוויטש, אַז דאָס צימער פאַרדינ-גען זיי נישט, אַזוי שטייט עס ביי זיי די גאַנצע צייט. ער קען ביי זיי וווינען במשך דער צייט וואָס ער וועט דאָ געבן די לעקציעס. די בעלי-בתים לאָזן אים איבער אַליין און גייען אַריין אין צווייטן צימער. זיי רעדן זיך צונויף און קומען צוריק אַריין. „ווו-זשע עסט איר?". „ווען איך עס -- אַ מאָל דאָ און אַ מאָל דאָרט". . . פרוי אַבראַמאָוויטש האַקט אַריין: „ביי אונדז וועט איר קריגן אַ שיינעם מאָלצייט. און אויב איר ווילט עפּעס אָפּקאָכן פאַר זיך, קענט איר דאָס טאָן ביי אונדז אין קיך. דער עיקר, אַז מיר זאָלן זיין צופרידן פונעם לערנען, קענט איר וווינען ביי אונדז און האָבן אַ מאָלצייט". „ווען זאָל איך אָנהייבן?" פרעגט לייבל. „אפילו שוין היינט".

לייבל איז אַוועק און געבראַכט זיין ביסל אָרעמקייט.

ער איז געווען אַ גליקלעכער. ער האָט זיך דאָס גאָרנישט פֿאָרגעשטעלט, דאָס איז באמת צוגעשיקט פֿון הימל. דאָס מיידעלע האָט אָנגעהויבן צו ווערן ווילד; פּלוצים אַוועק און אים געלאָזט זיצן אַליין ביים טיש. האָט ער זי צוריקגעברענגט, זי אַוועקגעזעצט און גערעדט מיט איר, אָבער נישט געלערנט. ער האָט אויסגענוצט די קינדערשע שפּראַך און גערעדט מיט איר וועגן אַלץ, וואָס סיהאָט זי אינטערעסירט. ער האָט איר דערציילט עטלעכע מעשהלעך, וועלכע זי האָט אויסגעהערט מיט שפּאַנונג. אַזוי אַרום האָט ער ביי איר אַלץ געפּועלט. אַזוי זיינען איבערגעגאַנגען עטלעכע טעג, ביז דאָס קינד האָט שוין געקוקט אויפֿן זייגער, זיך געזעצט ביים טיש און געוואַרט אויפֿן לערער. דאָס לערנען האָט איר אָנגעהויבן צו אינטערעסירן. זי פֿלעגט בעטן, אַז די מוטער זאָל זי פֿאַרהערן צי זי ענטפֿערט גוט. דער לערער איז געוואָרן די אויטאָריטעט, מער ווי די עלטערן. אויב האָט די מוטער וועגן געזאָגט, אַז זי וועט דערציילן דעם לערער, וואָס זי טוט, פֿלעגט זי בעטן נישט צו דערציילן און צוגעזאָגט, אַז זי וועט מער דאָס נישט טאָן. זיי האָבן געהאַט פֿריער אַ לערער, האָט ער זיך באַלד אָפּגעזאָגט פֿון דעם פּאָסטן. דעם איצטיקן לע-רער האָט דאָס מיידעלע ליב באַקומען, געזעסן שטיל מיט גרויס אויפֿמערקזאַמקייט, געשטעלט פֿראַגעס און באַקומען די ריכטיקע ענטפֿערס. דאָס לערנען איז געוואָרן אַ דערפֿאָלג. די עלטערן זיינען געוואָרן זייער צופֿרידן און פֿלעגן אים רופֿן צו עסן אַנדערע מאָלצייטן אויך. אים אויך מכבד געווען מיט געבעקסן.

לייבל איז געווען אַ שמח בחלקו און נישט געוואָלט קריגן מער וויפֿל עס קומט אים, לויט ווי מען האָט זיך צו-נויפֿגערעדט. ער פֿלעגט אויסמיידן צו זיין אין דער היים בשעת די מיטאָג שעהן, כדי מיזאָל אים נישט רופֿן צום טיש.

ריוואַלע איז ממש פֿאַרליבט געוואָרן אין לערער. אויב ער איז אַהיימגעקומען אַ ביסל שפּעטער, פֿלעגט זי פֿרעגן דער מאַמען, פֿאַרוואָס איז נאָך דער לערער נישטאָ. אויף אַזויפֿיל האָט ער זי פֿאַרכאַפּט מיט די מעשהלעך, וואָס ער פֿלעגט איר דערציילן. ביז זי האָט נישט געמאַכט די צוגעטיילטע לעקציעס פֿונעם לערער, איז זי נישט געגאַנגען עסן. די עלטערן פֿלעגן צווישן זיך איבעררעדן, וואָס עס איז געוואָרן מיט זייער טעכ-טערל. זיי האָבן אין איר געזען אַ גאָר אַנדער קינד. האָבן די

עלטערן, ווען נאָר מעגלעך, געוואָלט אַלץ מער באַלוינען דעם לערער.

לייבל האָט געהאַט אַ צאָל חברים און חברות, פֿון אַלערליי זשאַנערן, אַלערליי כאַראַקטערס און מיט אַלערליי אויסקוקן אויפֿן לעבן. אייניקע זיינען אויך אַריינגעצויגן גע-וואָרן אין פֿאַרשיידענע פּאַרטייען: ציוניסטן, קאָמוניסטן א.אַ. לייבל האָט זייער ליב געהאַט קינאָ, טעאַטער און קאָנצערטן. אין קישענעוו איז געווען אַ קינאָ-טעאַטער, דער גרעסטער שטאָט-טעאַטער. דאָרטן פֿלעגט קאָסטן דער אַריינגאַנג 6 לעי אַ בילעט. אָבער אַ סך סטודענטן האָבן נישט געהאַט פֿון וואַנעט צו קויפֿן בילעטן יעדעס מאָל. און צו זען און הערן צוזאַמען מיט אַלעמען, האָט זיך זייער געוואָלט. איז לייבל צוגעגאַנגען צו דעם, וועלכער שטייט ביי דער טיר און אים פֿאַרגעלייגט, אַז זיי זיינען אָרעמע סטודענטן און האָבן נישט פֿון וואַנעט יעדעס מאָל צו צאָלן 6 לעי פֿאַר אַ בילעט. זיי וועלן אים געבן 30 לעי פֿאַר 10 סטודענטן, מעג זיין אויפֿן באַלקאָן. דער שייגעץ זאָגט צו אים: „יאָ, נאָר איר דאַרפֿט זיך צונויפֿקומען ביי דער שוואַרצער טיר פֿון הינטן און אין אַ מינוט-צוויי זאָלט איר זיין אינעווייניק". דאָס געשעפֿט איז געמאַכט געוואָרן און אַזוי אַרום האָבן די סטודענטן, פֿאַר ביליקע פּרייזן, געזען אַלץ וואָס ס'איז פֿאָרגעקומען אין דעם זאַל.

לייבל האָט געהאַט נאָך צוויי פּריוואַטע לעקציעס און אים האָט געקלעקט צו לעבן אין דער גרויסער שטאָט. זיין פֿאָטער, אַ פּאַרנומענער מיט די גרויסע געשעפֿטן, פֿלעגט זיך טיילמאָל אַריינכאַפּן קיין קישענעוו, אים אָפּזוכן און נעמען אין אַ רעסטאָראַן עפּעס אָפּעסן צוזאַמען. ער פֿלעגט אים אי-בערלאָזן אַ ביסל קליין געלט, אפֿילו נישט פֿרעגנדיק ווי סגייט ביי אים. די צייט גייט. דאָס לעבן איז מאָנאָטאָנע, אַלע טעג זיינען די זעלבע -- לערנט זיך און לערנט יענעם. ער איז צופֿרידן פֿון זיך אַליין. ער איז אויך אָנגעזען ביי די שילער, ביי די עלטערן, ווי אויך אין דער גימנאַזיע פֿאַר קאָ-מערץ און אינדוסטריע. ער האָט געהאַט גענוג צייט אויף אַלעמען: צו לערנען, צו לייענען יידישע, העברעישע און רוסישע ליטעראַטור; שרייבן אַ מאָל אַ פּאָעמע, זי שרייבן, מעקן, אי-בערשרייבן עטלעכע מאָל; אַ מאָל שרייבן אַן אַרטיקל, וואָס איינס פֿלעגט מען דרוקן, אָבער פֿינף פֿלעגט מען אַריינוואַרפֿן אין קויש. נאָר ער איז קיינמאָל נישט אַראָפּגעפֿאַלן ביי זיך

און האָט ווייטער געשריבן.

אויסגעקליבן אַלס חברים האָט ער יידישע יינגלעך און מיידלעך. דעם גלחס שיקסל פון דער גימנאַזיע „גענעראַל בער-טאָלאַד" האָט געוואָרפן אַן אויג אויף אים, אויפן באַלקאָן פונעם טעאַטער. פלעגט ער אַ מאָל גיין אויף אַ שפּאַציר מיט איר. נאָר זי האָט זיך אים נישט געקלעפּט, אפילו מיט איר שיינקייט. ער האָט ליב געהאַט יידישע מיידלעך מיט זייער יידישן חן.

אַלץ איז געווען שיין, ווויל און גוט. איז ווי ס'קומט פאַר אַ מאָל אין לעבן, סיי גוטס און סיי שלעכטס, קומט עס אומגעריכט, אומשולדיק און אומדערוואַרט. דאָס האַקט איבער דאָס גוטע טאָג-טעגלעכע לעבן.

רומעניע האָט זייער מורא געהאַט פאַר דעם אַריינ-דרינגען פון קאָמוניזם אין איר לאַנד. 70 פּראָצענט פון די פּאָליציי אויסגאַבן זיינען פאַרנוצט געוואָרן אינעם קאַמף קעגן קאָמוניזם אין לאַנד. כאָטש רומעניע איז געווען אַ דעמאָקראַ-טיש לאַנד, איז אָבער בנוגע קאָמוניזם געווען אַ ספּעציעלער געזעץ. בלויז פאַר חושד זיין איינעם, אַז ער איז אַ קאָמוניסט האָט מען יענעם געמעגט אַרעסטירן, אפילו שלאָגן און אים צווינגען ער זאָל אַלץ מודה זיין. אויב ס'איז נישט געלונגען, איז ווי מ'זאָגט: „נישט געטאַנצט מיטן בער".

האָט מען באַגעגנט אַ בחור אָנגעטאָן אין אַ רויט העמדל, איז עס געווען גענוג באַווייז אים חושד צו זיין אין קאָמוניזם. עס זיינען געווען ספּעציעלע טורמעס פאַר קאָמו-ניסטן: דאָפטאַנא, זשילאַווא און אין יאַס. שוין אָפּגערעדט פון דער שטאַרקער וואַך בײַ דער גרענעץ מיט רוסלאַנד, דער טייך דניעסטער, ווו פיל זיינען אַריבער און פיל זיינען דערשאָסן געוואָרן ביים וועלן אַריבערגיין. ס'איז געווען אַ באַוווּסטע זאַך, אַז רוסלאַנד האָט געשיקט אַגענטן זיך צו פאַרבינדן מיט די אונטערערדישע פּאַרטיי קעמערלעך, כדי צו אַנטוויקלען די קאָ-מוניסטישע טעטיקייט. אָבער זייער אַ סך קרבנות זיינען געפאַלן אומזיסט.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן געהאַט דערלוי-בעניש פון דער מלוכה. זיי האָבן געקענט פריי דורכפירן זייער אַקטיווע אַרבעט. אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, ווי קולטור ליגעס און אפילו ליטעראַרישע אונטערנעמונגען, האָבן געדאַרפט צומערשט זיך ווענדן צו דער „סיגוראַנץ", אַ צענזור קאָמיסיע

פון דער מלוכה, אַריינגעבן אַן איבערבליק פון דער לעקציע, אָדער די טעמע וואָס דער לעקטאָר וועט רעדן, אין דער רו-מענישער שפּראַך. אַ סך מאָל פלעגט די „סיגוראַנץ" שיקן אַ פאָרשטייער פון דער פּאָליציי, ער זאָל זיין אָנוועזנד ביז צום סוף פון דער לעקציע. אין דער זעלבער צייט האָט דער פּאָ-ליציי פאָרשטייער אָבסערווירט צי עס זיינען אין זאַל פאַראַן אויך קאָמוניסטן. . .

איינמאָל איז לייבל צוגעקומען צום טעאַטער זען צי ס'איז דאָ עפּעס נייעס. עס קומט אים אַנטקעגן זיינער אַ באַקאַנטער, סערעבריצקי. אין דעם שמועס זאָגט יענער, אַז מאָרגן אין אָוונט, 8 אַזייגער, קומט פאָר אַ ליטעראַרישע לעק-ציע אין אַ קלוב, אויף דער טעמע: „מאַקסים גאָרקי און די סאָציאַלע אידייען". אויב לייבל וויל גיין, וועלן זיי זיך באַגע-גענען דאָ ביים ווינקל און וועלן גיין צוזאַמען. ער לויבט דער-ביי אויס דעם לעקטאָר ביז אין טאָג אַריין. . . לייבל איז שטענדיק געווען גרייט אויסצוהערן אַ ליטעראַרישע לעקציע. ער פלעגט זיך אפילו אינטערעסירן און נאָכפרעגן ווו ס'קומט ערגעץ פאָר אַזאַ לעקציע. האָט ער צוגעשטימט און צומאָרגנס זיינען זיי געגאַנגען צוזאַמען אויף דער לעקציע.

ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז דאָס געווען אַ פאַלשע פאַרזאַמלונג, אַ פּראָוואָקאַציע פון דער „סיגוראַנץ" מיטן אָנטייל פון עטלעכע פּראָוואָקאַטאָרן, וועלכע האָבן דאָס אָרגאַניזירט. ווי נאָר דער לעקטאָר איז אַרויסגעטראָטן, איז דער בנין געוואָרן אַרומגערינגלט דורך פּאָליציי. אַ טייל פון דער יונגער חברה איז געלונגען צו אַנטלויפן, אַנדערע זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי. אַ סך זיינען בפירוש געווען קאָמוניסטן, באַקאַנטע אין דער „סיגוראַנץ", אפילו אָפּגעזעסענע.

לייבלען און סערעבריצקין האָט מען גענומען אין פּאָ-ליציי פּרעצינקט. שוין די זעלבע נאַכט האָט מען זיי געשלאָגן, אַז זיי זאָלן אָנווייזן די פירערס און אַרויסגעבן מער דעטאַלן פון זייער אָרגאַניזאַציע. דאָס שלאָגן האָט גאָרנישט געהאָלפן, ווייל זיי האָבן באמת פון גאָרנישט געוווּסט. אין דער זעלבער צייט האָט די פּאָליציי געמאַכט אַ רעוויזיע אין די הייזער פון די אַרעסטירטע און דאָרט געזוכט אַגיטאַציע מאַטעריאַל.

אַבראַמאָוויטש איז געווען אַן אָנגעשטעלטער אין מרכז הציונית, אַ הייסער ציוניסט און געהאַסט דעם קאָמוניזם. אים

איז גאָרנישט געקומען אויפן געדאַנק, אַז לייבל זאָל זײַן אַ קאָמוניסט, קיין שום חשד נישט, ווײַל לייבל איז עס בפירוש נישט געווען. פּלוצים קומט די פּאָליציי אין זײַן הויז און פירט דורך אַ זוכונג און טאַקע גאָרנישט געפונען. אָבער עס האָט פאַרפלעקט זײַן פּרעסטיזש ווי אַ ציוניסט.

לייבל איז אין פּאָליציי ביוראָ קראַנק געוואָרן און באַקומען הויכן פיבער. אַכט טעג האָט מען אים געשלאָגן אין די נעכט און גאָרנישט געקענט פון אים אַרויסבאַקומען, ווײַל ער האָט קיינעם פון די קאָמוניסטישע פירער נישט געקענט. מען האָט אים געוויזן פאָטאָגראַפיעס, אָבער ער האָט זיי קיינמאָל נישט געזען און נישט געקענט.

אַ זייער קראַנקן האָט מען אים ענדלעך אַרויסגעלאָזט. ער קומט צו זײַן ווינאָרט און מען זאָגט אים אָפן: „מיר האַלטן נישט קיין קאָמוניסטן בײַ זיך. איר האָט אונדז פריער געדאַרפט זאָגן, אַז איר זענט אַ קאָמוניסט". לייבל שווערט זיך, אַז ער איז עס נישט, ער האָט קיין שום שייכות נישט מיט דעם. ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. עס האָט זיך אַרײַנגע-מישט די פרוי און די קליינע ריוואַלע האָט געוויינט. האָט מען אים דערלויבט צו זײַן נאָך אַכט טעג. דערווײַל איז ער קראַנק, וואָס טוט מען?. . .

דאָקטאָר רויטבורג איז געווען זייער אַ פײַנער מענטש מיט אַ יידיש האַרץ, און סימפּאַטיזירט ספּעציעל מיט דער יידישער יוגנט. ער איז געווען זייער באַפרײַנדעט מיט דער אַבראַמאָוויטש פאַמיליע, און טאַקע געוווינט נישט ווײַט אויף איין גאַס. האָט פרוי אַבראַמאָוויטש צוגעפירט לייבלען צום דאָקטאָר. זי איז אַרײַנגעגאַנגען צו אים קודם כּל אַליין און אַלץ דערציילט דעם דאָקטאָר. זי האָט דערבײַ אויסגעלויבט דעם יונגן לערער. דער דאָקטאָר האָט אים זייער גוט באַ-טראַכט און האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט אַ שטאַרקן פיבער, דערצו האָט מען אים באַשעדיקט אַ לונג. אויב ער וועט נישט אָננעמען שנעלע מיטלען, וועט ער יונגערהייט אַוועקגיין פון דער וועלט.

ווען זי האָט דערהערט אַזעלכע רייד, האָט פרוי אַב-ראַמאָוויטש געבעטן דעם דאָקטאָר, ער זאָל איר געבן מער איינצלהייטן וועגן דער רפואה. דאָקטאָר רויטבורג איז געווען אַ גרויסער ספּעציאַליסט אויף לונגען קרענק. ער האָט איר דערקלערט, אַז לייבל דאַרף האָבן אַ סך פרישע לופט. ער

דאַרף עסן פעטע זאַכן, ווי מילך, קעז, פוטער, סמעטענע און נאָך אַזעלכע זאַכן, כאָטש אַ דריי-פיר חדשים. דאָס קען ברענגען די געווונטשענע רעזולטאַטן. דערווייל האָט ער אים פאַרשריבן פאַרשיידענע פּראָשיקעס צו פאַרקלענערן די היץ.

לייבל איז קוים מיט צרות אַוועק אין דער גימנאַזיע און דאָרט אַלץ דערציילט. אַזוי ווי ער איז געווען ביי זיי אין אַ גוטן מעמד, האָט מען אים איבערגעפירט זיך צו לערנען דורך קאָרעספּאָנדענץ.

קיין קאָפּיקע ביי דער נשמה האָט ער נישט געהאַט, האָבן די טייערע בעלי-רחמנות אים געשאָפן אַ ביסל געלט, אים אַרויפגעזעצט אויפן וואָגן און אים געשיקט צו זיין מומען לאהקע אין טעלענעשט. זי האָט אים זייער שיין אויפגענומען ווי אַ שוועסטערס אַ קינד און אים טאַקע ליב געהאַט. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז נישט לאַנג צוריק איז זי געווען אין אַ דאָרף, אַרום 15 קילאָמעטער פונעם שטעטל ווערעזשען. זי האָט דאָרטן צונויפגענומען געלט צו העלפן חתונה מאַכן אַ יידישע, אָרעמע יתומה. די יידן דאָרטן האָבן איר געבעטן, אַז זי זאָל זיך פאַראינטערעסירן וועגן אַ יידישן לערער פאַר זייערע קינדער. זיי וועלן אים מיט אַלעם באַזאָרגן.

פאָרט לייבל אַוועק קיין ווערעזשען, כאָטש ער איז נאָך געווען קראַנק. מען נעמט אים זייער פיין אויף. מען זאָגט אים צו אַ סומע געלט פאַר 8 קינדער אין משך פון זעקס חדשים. חוץ דעם דינגט מען פאַר אים אַ צימער ביי אַ קריסט, וואָס וווינט אינמיטן אַ גאָרטן און האָט צוויי קי, אַז לייבל זאָל קענען עסן וויפל ער וויל און וואָס ער וויל.

מען האָט געדינגען אַ שטיבל, וואָס האָט געזאָלט דינען ווי אַ חדר. מען האָט אַריינגעשטעלט דאָרט אַ גרויסן טיש מיט צוויי לאַנגע בענק; פאַרן לערער -- אַ קליין טישל מיט אַ בענקל, און אים געזאָגט: „אָט האָט איר אַלץ, זייט געזונט, באַמיט זיך, אַז אונדזערע קינדער זאָלן לערנען גוט און האָבן דערפאָלג. מאַכט פון זיי יידן, וועט איר זיין פון אונדז צופרידן".

די קריסטלעכע הויז-אייגנטימער האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין זייער ווולע און פיינע מענטשן, ווייל זייערע קינדער זיינען אויך געווען אין דער פרעמד. די קריסטין האָט לייבלען געוויזן אַלע ערטער ווו דאָס עסן ליגט, ער זאָל זיך נעמען וויפל ער וויל אַליין. אין דרויסן איז שוין געווען אָנהייב זו-

מער. די בוימער האָבן געצוויטעט אין גאָרטן און די פויגעלעך האָבן אויסגעזינגען פרייִלעכע לידער. . . זיין פענצטער איז שטענדיק געווען אָפן און די לופט פונעם גאָרטן האָט אַריינ-געדרונגען. ס׳איז געווען אַ מחיהדיק לעבן. אין עק פון גאָרטן איז געווען אַ גרויסער קעלער. דאָרטן זיינען געשטאַנען לאָדי-שעס (ערדענע כלים) מיט מילך, קעז, סמעטענע און פוטער. מיט איין וואָרט: אַלץ וואָס דאָקטאָר רויטבורג האָט פאַר-שריבן, ווי מיטלען צו ראַטעווען זיין לעבן. פון אָנפאַנג איז לייבלען געווען שווער. ער איז נישט געווען געוווינט צו אַזעלכע מאכלים. אָבער נאָך אַ שטיקל צייט, איז ער אינדערפרי אַראָפּ-געגאַנגען אין קעלער, אויסגעטרונקען אַ קוואָרט קאַלטע מילך, אָנגעשמירט פריש געבאַקן ברויט מיט פוטער און אַ שטיקל קעז, דאָס אויפגעגעסן און געגאַנגען לערנען מיט די קינדער אין חדר, וואָס איז נישט געווען ווייט. דער פיבער איז לאַנג-זאַם פאַרשוווּנדן. ער האָט אויך פאַרבראַכט זיין פרייע צייט אויף דער פרישער לופט.

די צייט איז געגאַנגען. די פרוכטן האָבן אָנגעהויבן צייטיקן. נישט ווייט איז אויך געווען אַ היפשער שטח פון וויינטרויבן. לייבל האָט דערפילט, אַז גאָט האָט אים אַריינגע-נומען אין זיין גן-עדן. ער האָט עס בפירוש פאַרדינט, ווייל ער איז נאָך געווען יונג און האָט נישט חוטא געווען, נישט פאַר גאָט און נישט פאַר מענטשן. נאָר צרות האָט ער שוין צו פאַר-שרייבן אַ סך אויף זיין חשבון -- צרות אומזיסטע און אוודאי נישט פאַרדינטע.

די קינדער האָבן אים ליב באַקומען, ער האָט ביי זיי געוווּנען די נויטיקע אויטאָריטעט. די עלטערן האָבן אַרויסגע-וויזן זייער צופרידנקייט. מ׳האָט אפילו איינגעאָרדנט עטלעכע קינדער קאָנצערטן, ווו די קינדער זיינען אַרויסגעטראָטן מיט לידער און דעקלאַמאַציעס. דאָס האָט זיי צוגעגעבן מער חשק צו לערנען זיך מיט איבערגעגעבנקייט. די שטאָטישע מיידלעך האָבן אָנגעהויבן וואַרפן אויגן אויפן לערער. פון אָנהייב האָט לייבל דאָס אַוועקגעמאַכט צוליב זיין קראַנקייט, אָבער דערנאָך פלעגט ער מסכים זיין צו שפּאַצירן מיט זיי. ער איז געווען צופרידן, און זיי זיינען אויך געווען צופרידן.

עס האָבן זיך געענדיקט די זעקס חדשים. די בעלי-בתים באַצאָלן אים מיט דאַנק, אָבער אויף ווייטער נעמט ער נישט אָן, ווייל ער דאַרף ענדיקן די קאָמערץ גימנאַזיע. לייבל

פאָרט צוריק קיין קישענעוו. דאָקטאָר רויטבורג נעמט אים אויף, גיט אים אַ קלאַפּ אין פּלייצע און זאָגט אים, אַז איצט איז ער מער געזונט, ווי אַן אַנדערער געזונטער מענטש. דער פּראָפעסיאָנעלער שטאָלץ האָט דעם דאָקטאָר דערהויבן, פּונקט ווי אַ שפּילער, וואָס געווינט אַ גרויסע סומע. ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט נעמען באַצאָלט. ער האָט לייבלען גע-זאָגט: „איר האָט מיר שוין געגעבן באַצאָלט מיט דעם, וואָס איר זענט געקומען און באַוויזן, אַז מיין פּראַקטישער צוגאַנג צו אַזאַ קרענק איז ריכטיק. כ׳בין צופרידן, וואָס מיר איז גע-לונגען אויסצוהיילן אַזאַ קראַנקן, וואָס איז געווען ביים סוף פון לעבן."

לייבל האָט אָנגענומען עטלעכע פּריוואַטע לעקציעס אין שטעטל טעלענעשט. די צייט איז געגאַנגען. ער האָט געענדיקט די גימנאַזיע און באַקומען דעם דיפּלאָם. אָבער די סומע געלט, וואָס ער האָט באַקומען אין דעם דאָרף, האָט אים נישט גע-לאָזט רוען. ביי אים אין קאָפּ האָבן אָנגעהויבן יאָגן איין פאַנטאַזיע נאָך דער צווייטער. ער האָט זיך צוגעזוכט אַ צימער צום וווינען און אַ רעסטאָראַן צום עסן, כדי נישט צו זיין ביי דער מומען, וווּ ס׳געפינט זיך אויך זיין יונגערע שוועסטער, די יתומה.

איין מאָל קומט אַריין צו אים אַ מיטלמעסיקע פרוי, מיט אַ שיין פאַרקעמטן קאָפּ האָר, אַ האַלבער שמייכל אויף די ליפּן, לויפנדיקע אויגן און שיין אָנגעטאָן. זי האָט אָנגע-קלאַפּט אין טיר: „דאָ וווינט דער לערער? מ׳קען אַריינגיין?". „יאָ, דאָס בין איך דער לערער, קומט אַריין, זיצט". ער באַ-טראַכט זי פון אויבן ביז אַראָפּ. זי הייבט אָן וואַרפן מיט רייד: ווער זי איז, איר מאַן, איר מוטער. לייבל וואַרט זי זאָל זאָגן וואָס זי וויל. זי רעדט ווייטער. ער האָט שוין מער קיין געדולד נישט און פרעגט: „וואָס-זשע ווילט איר פון מיר?"...

„וואַרט אַ ביסל", זאָגט זי, „כ׳וועל אייך באַלד זאָגן". און זי זעצט פאָר, אַז זי קען זיין מומען, און פון וואַנעט זי קען איר. ביז גאָט האָט געהאָלפן, איידער ס׳האָט ביי אים נישט געפּלאַצט דער געדולד. „איר פאַרשטייט, איך האָב אַ מיידעלע און זי דאַרף אַ לערער. מיין יינגעלע איז נאָך גאָר קליין, אין גאַנצן דריי יאָר אַלט. מיין מאַן איז טשאַקע שארעט. פאַר-וואָס מען רופט אים שארעט? איר קענט דאָך טעלענעשט, בלויז צונעמען. ער פאָרט קיין יאַס, ער האָט זייער גוטע פערד,

גרויסע, פעטע, פלינקע. מיין מאַן פירט סחורה, איר פאַרשטייט, סחורה פירט ער צו די רייכע טעקסטיל-סוחרים, שוין יאָרן קען ער זיי. ער פאָרט אַוועק יעדע צווייטע וואָך, און איך מיט מיינע צוויי קינדער, מיט מיין אַלטער מוטער ווױנען אַליין. צו לערנען מיט מיין קינד בין איך נישט גרייט. כ'האָב נישט אויף אַזויפיל קיין וויסן און נישט קיין געדולד. איז ווען אירווילט צוקומען צו אונדז, זען דאָס מיידעלע, און מיר זאָלן זיך צונויפרעדן, איר זאָלט זי לערנען. אַ טייער מיידעלע און אַ קלוגע". לייבל וויל שוין פון איר פטור ווערן, זאָגט ער איר, אַז ער וועט קומען אויף מאָרגן.

אויפן צווייטן טאָג, ער האָט שוין געזען מיט וועמען ער האָט צו טאָן, טראַכט ער, אַז מ'דאַרף עס מאַכן בקיצור. אָבער נישט ביי פאַניען. . . קודם כל האָט זי אים אַרומגע- פירט אומעטום צו ווייזן ווו ווער שלאָפט; געוויזן דעם הויף, אפילו די שטאַל ווו די פערד שטייען; זי דערציילט וועגן זייע- רע קאַפּריזן און ווי אַזוי זי איז שוין היימיש מיט זיי; וועגן אַ הינטל, וואָס איז ביי זיי אין דער שטוב, ווי אַזוי עס קומט צו איר און באַלעקט זי; וועגן דער מוטער; נאָכאַמאָל וועגן מאַן, אַז ער איז אַ ביסל אַ קאַפּריזנער, נאָר זי קען אים שוין, וואָס-זשע וועט זי אים גיין בייטן אויף אַ צווייטן? דערנאָך דערציילט זי וועגן די פריינד, אויסגערעכנט זייערע פאַרבינדונגען און אפילו די קריגערייען. ענדלעך האָט ביי לייבלען געפּלאַצט דער געדולד: „איך האָב נישט קיין סך צייט, זאָגט, כ'בעט אייך, וואָס איר ווילט". „יאָ, וועגן מיין קינד", זאָגט זי און רופט אַריין דאָס מיידעלע פון דרויסן. זי קומט אַריין אַ פאַרשעמטע און שטייט ביי דער טיר. ער רופט זי אַריין און הייסט איר זעצן ביים טיש. „דו ווילסט לערנען?" פרעגט ער. „יאָ, כ'וויל זייער לערנען", ענטפערט דאָס מיידעלע. לייבל נעמט אָן די פּריוואַטע לעקציע. די פרוי לייגט אים פאָר, אַז אויב ער האָט נישט ווו צו זיין, האָבן זיי אַ צימערל לעבן דער קיך און קענען אים דאָס פאַרדינגען. די אידעע איז אים געפעלן געוואָרן. ער זעצט זיך צו און זיי רעדן זיך צונויף וויפל צו באַצאָלן, און ער גייט איבער וווינען צו איר.

אַ פאָר טעג שפּעטער קומט דער מאַן פון יאַס. ביי- נאַכט, ווען זיי זיצן און רעדן, דערציילט טשאקע נייעסן פון יאַס. ער פאָרט שוין דאָרט אַזויפיל יאָרן, ווייסט וואָס צו ברענגען, און דאָרטן וואָס צו פאַרגריזשען. ער מאַכט פון זיך

אַ גאַנצער קנאַקער, אַ גאַנצער ווייסער. טשאַקע איז נישט קיין הויכער, נאָר אַ פלינקער. ער רעדט אויך זייער אַ סך. אפשר האָט ער דאָס איבערגענומען פון זיין פרוי, אָדער אפשר איז ער אַזוי געבוירן געוואָרן, ווייל „שארעט" מיינט אַ פאַרפירער. שכל האָט ער דווקא יאָ אין קליינעם קעפּל. ער בלייבט קיי־נעם נישט שולדיק קיין ענטפער, קריכט נישט נאָך קיין וואָרט אין דער קעשענע.

ווען טשאַקע לייגט זיך שלאָפן, נאָך דער לאַנגער מעשה, ליגט ער און טראַכט: מילא, אַז מ׳דאַרף אַ לערער פאַר זיין מירעלען, פאַרשטייט ער. עס איז זייער וויכטיק. אַ מיי־דעלע וואַקסט אונטער, די יאָרן גייען, זאָל זי זיין אַ יידישע און קענען יידיש, זיי זיינען דאָך יידן. ווען זי וועט קומען צווישן אַנדערע מיידלעך און מ׳וועט רעדן וועגן פאַרשיידענע זאַכן, אָדער ווי אַנדערע מיידלעך גייען אין די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, זאָל זי האָבן אַ פּנים פון אַ מענטש. ווען ס׳וועט קומען די צייט און ס׳וועט זיך צושאַרן אַ בחור, וואָס קען די דראָבנע אותיות, זאָל זי קענען מיט אים שמועסן, כדי ער זאָל נישט זאָגן, אַז זי איז אַ נאַריש מיידל. אָבער אַז דער לערער, אַזאַ יונגער, שיינער בחור, דאַרף וווינען ביי אים ווען ער פאָרט אַוועק איבער אַ וואָך אויף אַכט טעג, דאָס פאַר־שטייט ער נישט! אמת ס׳בלייבט אין הויז די שוויגער מיטן יינגעלע, אָבער. . .

עס האָט זיך ביי אים אַריינגעכאַפּט אַן אייפערזיכטי־קייט אויף זיין פרוי און אויפן לערער. נאָר, טראַכט ער, זאָל עס דערווייל אַזוי גיין; זאָל דאָס מיידעלע זיך לערנען. איך וועל שוין דאָס איינאָרדענען אויף אַ שטילן אופן, אָן רעש, אָן געפּילדער, אויסהערן און נאָכשפּיאָנירן. ער ווייסט, אַז זיין שיינדל האָט אים זייער ליב. זי טרעט ניטש אָפּ פון אים אויף אַ רגע, ווען זיי גייען אָדער פאָרן ערגעץ. זי איז אַ גוטע בעל־הביתטע, טראָגט אים צו דאָס בעסטע, וואָס ער האָט ליב. זי איז זייער אַ ריינע און טאַקע אַ פאַרשטענדלעכע, ער האָט צו איר קיין שום טענות נישט. זי נעמט אים אַרום ווען ער קומט צו פאָרן, עפנט מויל און אויערן צו הערן אַלץ וואָס ער דער־ציילט. ער לאָזט איר איבער געלט און זי קויפט איין אַלץ, וואָס מ׳דאַרף אין שטוב אַריין. זי איז נישט קיין אויסברענ־גערין, ווי אַנדערע פרויען. זי ווייסט ווי שווער דער גראָשן קומט אָן. ער דאַרף זיך נישט פאַרזינדיקן פאַר גאָט מיט אַזאַ

ווייב. ניין, ער וועט וועגן דעם אפילו נישט דערמאָנען. . . עס קומען אָן פאַרשיידענע געדאַנקען, נאָר ער פאַרטרייבט זיי. וואָס עס זאָל נישט זיין, נאָר נישט ביי אים קען אַזוינס פאַסירן. אָבער שלאָפן קען ער נישט. ער דרייט זיך אַהין, דרייט זיך אַהער, אַוועק דער שלאָף. ער גייט אַראָפּ פון געלעגער, גייט אַריין צו די פערד, טוט זיי אַ גלעט איבער דער פלייצע. אַי, האָט ער הנאה פון זיי.

שיינדל כאַפּט זיך אויף -- טשאַקע איז נישטאָ. זי כאַפּט עפּעס אויף זיך און לויפט אַרויס אין שטאַל. ער איז דאָרט דאָ. „טשאַקע, וואָס איז דאָס?" „כ'האָב זיך דערמאָנט, אַז כ'האָב זיי אַריינגעשיט ווייניק גערשטן. כ'דאַרף זיי אָפּהיטן ווי די אויגן אין קאָפּ. זיי ברענגען מיר פרנסה, פאַרשטייסט?". . . „יאָ, אָבער נישט שפּעט ביינאַכט. . . דו דאַרפסט דאָך שלאָפן, זיך אויסרוען". זי נעמט אים אָן ביי די הענט, פירט אים אַריין אין בעט און זאָגט צו אים: „שלאָף!". ער איז ענדלעך אַנטשלאָפן געוואָרן.

טשאַקע פלעגט אַ גרויסן חלק פון זיין לעבן פאַרברענגען מיט זיינע פערד, וועלכע ער פלעגט זייער אָפּהיטן. אָנפּויען זיי מיט וואַסער צו דער צייט, געבן עסן צו דער צייט. ער פלעגט זיי פּוצן און קעמען זייערע גריוועס אויפן האַלדז, בינדן רויטע לענטעס, קאָווען די פּאָטקעוועס, אַז זיי זאָלן זיך נישט צעקאַליעטשן די פיס. און קיינמאָל נישט פאַרגעסן אַ גלעט צו טאָן זייערע לאַנגע פלייצעס, ווען ער פלעגט אָנקומען בשלום קיין יאַס.

דאָס צוגרייטן צום פאָרן געדויערט ביי טשאַקען אַ גאַנצן טאָג. ביז מ'גיט אים פרישע צעטלען, וואָס פאַר אַ סחורה ער זאָל ברענגען; ביז די קרעמערס ציילן איבער און באַטראַכטן די געבראַכטע סחורות, געדויערט אַ שטיקל צייט. ער גרייט צו די פערד, לאָדנט אָן דעם וואָגן מיט די זאַכן אין פאַל פון אַ רעגן, וואַשט און באָדט זיך, זיצט אַ ביסל מיט דער פרוי און די קינדער, און ער פאָרט.

שיינדל האָט פאַר אים צוגעגרייט אַ געפּרעגלט שטיקל פלייש אויפן וועג און אַ ביסל געבעקס; אויסגעפּרעסט אַ העמד און אַנדערע זאַכן, ער זאָל זיך קענען אָנטאָן ווי אַ מענטש. טשאַקע האָט אין אָוונט אויסגעהערט די קליינע מירעלע. אין משך פון די 2-3 וואָכן לייענט זי שוין אַ ביסעלע און אפילו אַ לידעלע זיך אויסגעלערנט. ער האָט געהאַלטן

ביידע קינדער אויף די הענט און געשעפּט נחת פון דער משפּחה, גערעדט אַ סך און דערציילט מעשׂיות. ער איז געווען אַ ביסל בגילופן און האָט אַלעמען געקושט.

אינדערפרי האָט ער זיך מיט אַלעמען געזעגנט, אפילו מיטן לערער און אויך מיט דער שוויגער. ער האָט גענומען די לייצעס און אויסגעשריגן: „אַנו, מיינע אָדלערס, וויאָ!" און אַוועקגעפאָרן אויף די זייער באַקאַנטע היימישע וועגן אינעם ווייטן יאַס.

לייבל פאָרט קיין יאַס

טשאַקע, ווי שטענדיק, איז אַוועקגעפאָרן קיין יאַס אויף 5-4 טעג. לייבל איז געבליבן מיט אַ שלאָפלאָזער נאַכט. אויב רייכע מענטשן שלאָפן נישט ביינאַכט, ווייל זיי טראַכטן ווי צו קריגן מער געלט, איז ביי לייבלען אַ פאַרקערטער צושטאַנד -- ווי אַזוי פּטרט מען דאָס ביסל געלט, וואָס ער האָט באַקומען אינעם דאָרף ווערעזשען פאַר לערנען מיט די קינדער דעם סעזאָן. ליגט ער און טראַכט: יונג איז ער; געזונט אויך; די קאָמערץ גימנאַזיע פאַרענדיקט; איינער אַליין איז ער נישט. כאָטש דעם פאָטער מיט זיינע געשעפטן, גייט ער אים אָן, ווי דער פאַראַיאָריקער שניי. מיט דעם ביסל געלט, וואָס ער האָט ביי זיך, קען ער אַוועקפאָרן טאַקע מיט טשאַקען קיין יאַס. דאָרטן אפשר אַריין אין אוניווערסיטעט. יידן וווינען דאָך דאָרט אַ סך, וועל איך דאָרט געפינען פּריוואַטע לעקציעס און מאַכן אַ לעבן אין דער גרויסער שטאָט. טשאַקע האָט דאָך די שטאָט אויסגעלויבט. לייבל האָט מיט זיך אַליין געעצהט און איז געקומען צו אַ באַשלוס. ווען טשאַקע פאָרט דעם קומענדיקן מאָל קיין יאַס, פאָרט ער מיט אים מיט. ער וועט אים אוודאי מיטנעמען. כּ'וועל אים באַצאָלן און געענדיקט. כּ'פאָר אַוועק. אַי, טאָמער לאָזט זיך אויס אַ בוידעם?. . . איז „השיבנו נאַזאַד", צוריק אויסדרייען דעם דישעל און „באַסטאַ" -- צוריק אין טעלענעשט. קינדערלעך, קיין עין הרע, וואַקסן אונטער. איך וועל כאָטש וויסן, אַז כ'האָב פּרובירט אין יאַס.

לייבל שטייט אויף. שיינדל, די בעל-הביתטע האָט אים שוין צוגעגרייט דעם פרישטיק. זי פרעגט אים: „מיר דאַכט זיך, אַז איר זענט נישט אַזוי גוט געשלאָפן. וואָס איז די מעשה?"

„כ'האָב געטראַכט וועגן מיין לאַגע", גיט ער איר צו פאַרשטיין. „אַט האָסטו דיר, אַ פאַרזאָרגטער. וואָס גייט אייך אָן? איינער אַליין זענט איר, אַ פאַרדינער זענט איר אויך, פריי ווי אַ פויגל אונטערן הימל. פאַר קיינעם דאַרפט איר נישט אָפּגעבן קיין חשבון. אַ שיינער, יונגער בחור, מיידלעך צו באַגעגענען זיינען, קיין עין הרע, דאָ גענוג ביי אונדז אין שטאָט. טאָ צו וועלכן רוח קלערט איר? "קאַ קאָגאַ טשאָרטאַ וואַן נוזשנאָ"?" ער ענטפערט איר: „איר ווייסט זיך אייערס. אָבער פאַרוואָס דאַרף איך לעבן אין אַ קליין שטעטל, צי אין אַ דאָרף, ווען כ'קען לעבן אין אַ שטאָט, אַ גרויסער שטאָט, לערנען ווייטער און געניסן מער פון לעבן".

לייבל האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט -- וואָס דערלייגט ער דאָ? טשאַקע וועט אים שטענדיק צוריק ברענגען. אַי, דאָס געלט, געלט איז ביי גאָט. ער וועט העלפן און. . . קינדער וואַקסן. ער איז געגאַנגען אויף די לעקציעס, אָבער דער געדאַנק פאַרלאָזט אים נישט. אַזוי ווי טשאַקע קומט צוריק, וועט ער אים אויספרעגן עטלעכע פראַגעס און זיך ביי אים שואל עצה זיין. אויב ער וועט אים מיטנעמען, איז דאָס געשעפט געמאַכט אָן שום צווייפל.

די עטלעכע טעג ביז טשאַקע האָט געדאַרפט קומען צו פאָרן, זיינען געווען פאַר אים ווי אַ יאָר. אויף דער נאַכט האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט צו דער מומע לאהקען. זי האָט אים זייער ליבלעך אויפגענומען מיט טיי און פריש געבעקס. זי האָט אים אויסגעפרעגט, ווי ס'גייט אים דאָרט, ווי מען באַציט זיך צו אים? „אַלץ איז גוט, נאָר כ'וויל אַוועקפאָרן". „ווי איז מיר, נאָכאַמאָל פאָרן? וואָס געפעלט דיר נישט דאָ? וואָס פליט דיר דער קאָפּ? באַרויִק זיך. דו ווייסט, וואָס עס מיינט אַ פרעמדע שטאָט? ווּהין ווילסטו פאָרן?" „קיין יאַס". „אַט האָסטו דיר -- יאַס! וואָס וועסטו דאָרט טאָן?" „לערנען". „מען דאַרף האָבן אַ סך געלט, ווו וועסטו נעמען? ס'איז נישט קיין חכמה ערגעץ פאַרוואָגלט צו ווערן אין דער פרעמד. אויף וועמען וועסטו זיך פאַרלאָזן? אויף דעם שיינעם טאַטן דיינעם?... ער האָט גאַנצע געשעפטן, אָבער פון דיר וויל ער ווייניק וואָס וויסן. איך וועל דיר אַרויסהעלפן מיט אַ ביסל געלט, נאָר דו באַטראַכט גוט וואָס דו טוסט".

דאָס שוועסטערל, וואָס האָט זיך צוגעהערט די גאַנצע צייט, האָט אַ שפרונג געטאָן פאָרויס: „זייער גוט, כ'וועל מיך

צו דיר אַריבערכאַפּן". לאהקע האָט זי אַוועקגעטריבן: „ער איז נאָך דאָ און דו פאָרסט שוין צו אים צוגאַסט?" די מומע האָט נישט געוווּסט, וואָס מער צו זאָגן, האָט זי צוגעגעבן: „אויב דו האָסט באַשטימט אַזוי, זאָל השם יתברך דיר העלפן דו זאָלסט מצליח זיין. איין זאַך וויל איך דיך בעטן: ווי ס'וועט דאָרטן זיין, פאַרגעס אונדז נישט און שרייב אַלץ אַרויס, כ'זאָל נישט איבערקלערן. פאָר געזונטערהייט און זיי מצליח".

ס'זיינען אַריבער עטלעכע טעג. אין דער באַשטימטער צייט איז טשאַקע געקומען צו פאָרן. ער איז אַריינגעקומען אין אַ זייער געהויבענער שטימונג. אַלץ איז אים געלונגען, געהאַט עטלעכע פּאַסאַזשירן און ער דערציילט וועגן זיי. לייבל איז גע-זעסן, אויסגעהערט און אים געפרעגט: „ווער זיינען זיי געווען, יידישע?" „דאָס איז געווען אַ יידישע חברה פון אַ יאָר 17-18, קינדער פון רייכע עלטערן, אוודאי יידישע, זאַטע, צעבאַלעווע-טע, איבערגעלאָזט טאַטע-מאַמע מיט אַלעמען און מ'פאָרט אַוועק. פּראָלעטאַריער, זאָגן זיי, ווילן זיי ווערן, אַרבעטן ביי טעקסטיל ביי די רייכע גבירים, יענע זאָלן נאָך מער רייכער ווערן". און טשאַקע גיט צו פאַרשטיין, אַז די חברה, וואָס זיינען שוין דאָרט, האָבן צו זיי געשריבן, זיי זאָלן קומען צו פאָרן. אין דער פאַבריק לערנט מען וועבעריי און טעקסטיל, איר פאַרשטייט, די סחורות וואָס איך פיר צו פאַרקויפן אין די קלייטן. מ'גיט זיי דאָרט אַ קליין צימערל, און ווען זיי לערנען זיך אויס, באַקומען זיי אַ געהאַלט, מ'שטיינס געזאָגט, וואַסער אויף קאַשע. זיי זיינען אין אַ קאָלעקטיוו מיט חברים, ליגן אין איינעם אין דער ערד. טייל האַלטן אויס און טייל פאָרן צוריק.

ער האָט גוט געקענט די לאַנגע שטרעקע פון טעלע-נעשט ביז יאַס -- דעם וועג, די דערפער, דאָס שטעטל אונגען, דאָס שטעטל פּאדולאיע. ער האָט ליב געהאַט צו דערציילן וועגן די אכסניות אויפן וועג, ווו ער פלעגט איבערנעכטיקן. אַלע האָבן אים שוין געקענט און געוווּסט ווען ער דאַרף אַ-דורכפאָרן. ווען ער פלעגט פאָרן ליידיק קיין יאַס, האָט ער קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט קיין באַצאָלטן פּאַסאַזשיר, אויך קיינמאָל זיך נישט געדונגען וויפל מען גיט אים. ער פלעגט זאָגן, אַז ס'איז ווי געפונען. אָבער ווען ער האָט געהאַט פּעק-לעך סחורה, האָט ער קיינעם נישט גענומען, מ'זאָל אים אפילו אָפּגילדן. ווייל מענטשן זיינען פאַראַן אַלערליי -- שלעכטע און

גוטע. גיי ווייס, וועלכער איז דער גוטער?. . . ער פלעגט אפילו האָבן מיט זיך אַ האַק, טאָמער דאַרף מען זיך פאַרטיידיקן.

ער האָט שטענדיק געהאַט מיט זיך אַ זאַפּאַס מיט מכשירים, טאָמער מאַכט זיך אַ רעגן, אַ גרויסערווינט, טייל מאָל אַ גרויסע היץ. אַלץ האָט ער באַוואָרנט סיי פאַר זיך, סיי פאַר די פערד. ער איז געווען אַזוי „פאַרפערדעוועט", אַז ער פלעגט מיט זיי רעדן, ווי מיט מענטשן. די סוסים פלעגן אויפשפּיצן די אויערן, אויסשטרעקן די מיילער, קוקן אים גלייך אין די אויגן, ווי זיי וואָלטן אים אויסגעהערט און פאַרשטאַנען. די פערד האָבן געהאַט זייערע אייגענע נעמען: אַ זי האָט געהייסן „גניאַדאַי"; דאָס צווייטע „שאַפּראַן", ווייל זי איז געווען פון אַ קאַריטשנעווע קאָליר. ווייסט איר אין וואָס פאַר אַ שפּראַך?. . . דווקא אין יידיש, ווייל דאָס האָט ער געקענט בעסער. רומעניש, נישט ער האָט עס געקענט, נישט ער האָט עס געוואָלט רעדן.

שבת האָט טשאַקע זייער שטאַרק אָפּגעהיטן, נישט געפאָרן בשום אופן, וואָס ס׳זאָל נישט זיין. ער האָט איבערגענעכטיקט אין דער אכסניה און אין דער פרי געפאָרן ווייטער. ער פלעגט זיך אַריינכאַפּן אין אַ שול, כאָטש פון זיין דאַווענען האָט דער רבונו של עולם געהאַט ווייניק נחת.

טשאַקע האָט זיך געפירט לויט זיין סדר. זיך אָפּגערוט צוויי טעג, זיך דורכגעגאַנגען צו דער בריק, באַגעגנט אַ פּאָר יידן, אַ שמועס טאָן. פּאָליטיק איז אים קיינמאָל נישט אָנגעגאַנגען. יידן פלעגן צוקומען, אים פרעגן וועגן יאַס, וואָס ס׳הערט זיך דאָרטן? ווי לעבן די יידן? אָבער טשאַקע איז געווען ווייניק באַקאַנט מיט די נייעסן פון יאַס: „מ׳לעבט", פלעגט ער זאָגן און צוגעבן אַ רוסיש ווערטל: „קטאָ אימעיעט ראָשע טאָט פּאַן" -- ווער ס׳האָט געלט דער איז אַ פּריץ. יידן בעטן ביי גאָט ער זאָל זיי צושיקן פרנסה, ווייל אין יאַס אָן פאַרדינסטן ביסטו מיטן קאָפּ אין דער ערד. קבצנים זיינען דאָרט דאָ גענוג. די גבירים שטרעקן אויס זייערע פולע בייכער, די קבצנים שטרעקן אויס די ליידיקע הענט.

מיט די שכנים האָט טשאַקע נישט געהאַט קיין גרויסע פאַרבינדונג, „אַ גוט מאָרגן, אַ גוט יאָר". האָט מען אים געפרעגט: „וואָס הערט זיך?" זאָגט ער: „מ׳לעבט און זאָל זיך גאָט זאָרגן. ער האָט באַשאַפן די וועלט, זאָל ער פאַר איר זאָרגן." מיט שכנים, פלעגט ער זאָגן, דאַרף מען ווייניקער

מאַכן געשעפטן. אַ מכּה זאָלן זיי וויסן, וואָס ביי דיר טוט זיך. איז יענער רייך היט ער זיך פון דיר. איז יענער אַ קבצן, איז וואָס ער זעט ביי דיר איז ער דיך מקנא.

טשאַקע זעצט פאָר זיין מעשה: די יונגע מענטשן קומען זיך צונויף, רעדן קעגן די בעלי-בתים, זיי ווילן בויען קאָמו-ניזם. מען כאַפּט זיי, מען קלאַפּט זיי גוט אָן. זיי ווילן גאָר איינשטעלן אַ נייע געזעלשאַפט, אַ נייע פירונג. דערפאַר ווערן זיי זעלבסשטענדיק און לעבן פון זייערע פאַרדינסטן. איך האָב די לייט שוין גענוג געפירט, אַהין און צוריק. דער פאָטער שיקט צו אַ ביסל געלט ווען זיי נויטיקן זיך; די מאַמע שיקט ווייען און קרעכצן, און אַזוי גייט דאָס לעבן. אָבער דערפאַר געפונען זיי זיך אין יאַס, -- אַ גרויסע שטאָט, הערן דאָס גערויש, לויפן און איילן זיך נישט צו פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט, און בענקען נאָך דער מאַמעס געלעגער און דער מאַמעס אַ ביסל עסן.

טשאַקע וויל דערמיט אַרויסרופן ביי לייבלען אַ קנאה צו די, וואָס פאָרן קיין יאַס און אַ ווילן אויך דאָס זעלבע צו טאָן. „איר פאַרשטייט", זאָגט ער, „אַ שטאָט איז אַ שטאָט, נישט טעלענעשט, מיט די בלאָטעס, מיט דער פּוסטקייט". און ער קלערט אויף, אַז די יוגנט וויל אַן אַנדער לעבן, אַ מער פּראָגרעסיוו. אַ סך פאָרן אַהין לערנען און ווערן אינזשענירן, דאָקטוירים. עס פאָרן נישט בלויז יינגלעך, מיידלעך פאָרן אויך. מען פאַרליבט זיך דאָרט און מען ווערט אַ פּאָר. די שטאָט יאַס איז איינע פון די שענסטע שטעט אין רומעניע, נאָך בוקאַרעסט. יידן לעבן דאָרט אויך אַ היפּש ביסל און נישט ווייניק זיינען גרויסע גבירים.

לייבל האָט אויסגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמ-קייט. ס'איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט, ווען ער איז געגאַנגען שלאָפן און דווקא תיכף אַנטשלאָפן געוואָרן. אָבער נאָך האַל-בער נאַכט האָט ער זיך אויפגעוועקט און מער נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. ער דרייט זיך אויף אַלע זייטן און פאַרשיי-דענע געדאַנקען קומען אין קאָפּ אַריין. ער באַשליסט צו פאָרן קיין יאַס. אַ ביסל געלט האָט ער -- ס'איז גענוג פאַר אַן אָנ-הייב. ער וועט אַריין אין אוניווערסיטעט זיך לערנען. אפשר וועט ער אַ טאָרע טאָן דעם רייכן טאַטן, זאָל יענער געדענקען, אַז ער איז זיינס אַ קינד.

אינדערפרי פרעגט ער טשאַקען ווען ער פֿאָרט ווידער קיין יאַס און טשאַקע ענטפֿערט אים, אַז ער פֿאָרט אין דריי טעג אַרום. „כ׳וויל אויך פֿאָרן מיט אײַך!" „וואָס? דו ווילסט אויך פֿאָרן? צי וואָס דאַרפֿסטו דאָס?". גלייכצייטיק טראַכט טשאַקע, אַז יענער לערנט זייער גוט מיט זייער מירעלען. זי לייענט אַזוי שיין און קען שוין זינגען עטלעכע לידלעך. אָבער זאָל ער פֿאָרן. זיי וועלן נאָך געפֿונען אַן אַנדערן לערער. „אויב דו ווילסט אַזוי שטאַרק פֿאָרן, וועל איך דיך פֿירן קיין יאַס".

לייבל גייט צו די עלטערן ווי ער גיט פּריוואַטע לעקציעס און זאַמלט איין וויפֿל זיי זײַנען אים שולדיק. ער זאָגט זיי, אַז ער מוז אַוועקפֿאָרן לערנען. ער קויפֿט אַ רענצל פֿול מיט קליי- דער. דער קאָפּ איז פֿול מיט חלומות, רייכע פֿאַנטאַזיעס. ער נעמט זיך אָן מיט מוט און אויסגעהאַלטנקייט.

פֿון טעלענעשט ביז יאַס איז גאָר אַ קליין פֿאַרגעניגן צו זיצן און הוידען זיך צוויי מעת-לעתן. אָבער מען דאַרף אויסהאַלטן דעם פּרוּוו. טשאַקע רעדט דעם גאַנצן וועג וועגן די פֿערד און קאַרגט נישט קיין לויבונג אויף זייער אַדרעס. ער רעדט כּסדר וועגן פֿירן פּאַסאַזשירן, וועגן זײַנע געשעפֿטן פֿון פֿירן סחורות, וועגן יאַס. לייבל כאַפּט אַפֿילו אַ דרימל בשעת מעשה, אָבער טשאַקע באַמערקט עס נישט און רעדט ווייטער. ער שטעלט זיך אָפּ אָנצופֿויען די פֿערד כאַפּט זיך לייבל אויף מיט אַ פֿראַגע: „ווי זײַנען מיר שוין?" ס׳פּלאַצט דער געדולד פֿון אַזוי לאַנג פֿאָרן, נאָר מ׳דאַרף אויסהאַלטן.

יאַס איז אַ גרויסער אינדוסטריעלער צענטער מיט פֿיל פֿאַבריקן און די קאָמערץ איז דאָרט זייער אַנטוויקלט. קאַפּי- טאַליסטן פֿון אַנדערע לענדער אינוועסטירן דאָרט זייערע געלטער אין טעקסטיל פֿאַבריקן, עלעקטרישע מכשירים, אין וויינען, ניס, פּרוכטן, תּבואות און אַנדערע זאַכן.

יאַס האָט פֿאַרמאָגט אַ צאָל באַנקירן, זייער רייכע, צווישן זיי פֿיל ייִדן. דער רוב אײַנוווינער זײַנען געווען ייִדישע קלייטניקעס, קליינהענדלערס, בעלי-מלאכות, אָרגאַניזירטע פֿאַך קערפּערשאַפֿטן און טעקסטיל אַרבעטער. ס׳האָבן אויך נישט געפֿעלט קיין קבצנים, וועלכע זײַנען געשטיצט געוואָרן פֿון די רייכע. געווען דאָרט גרויסע שולן, ווו מ׳האָט געדאַוונט אויף לשון קודש און אַפֿילו אויף רומעניש. רומעניע, אין אַלגעמיין, האָט זיך אין אָנהייב פֿונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, גע-

ציילט צווישן די ערשטע לענדער אין אייראָפּע מיט דער גרעס־טער צאָל יידיש־רעדנדיקע. יאַס האָט אַ ספּעציעלן היסטאָרישן אינסטיטוט ווו סיגעפינט זיך די היסטאָריע פונעם יידישן לעבן אין רומעניע.

יאַס איז אויך געווען אַ גרויסער קולטורעלער צענטער, דער צווייטער נאָך בוקאַרעסט. פאַראַן דאָרט אַ גרויסער אינ־טעלעקטועלער אוניווערסיטעט, וואָס שֶמט אויף דער וועלט. אברהם גאָלדפאַדען איז געקומען קיין יאַס אין יאָר 1876. זיינע לידער פלעגט מען הערן זינגען אין די יאַסער קרעטש־מעס און קאַפע־הייזער, וועלכע זיינען געווען אין אַ גרויסער צאָל. ער האָט געלייגט דעם גרונטשטיין פאַרן יידישן סטאַ־בילן טעאַטער אין יאַס, אין גאָרטן „פּאמול ווערדי" („די גרינע פּרוכט"). י. קאַראָ האָט פאַרעפנטלעכט איבער הונדערט אַר־בעטן, אַ צאָל מאָנאָגראַפּיעס וועגן שטעט און שטעטלעך פון רומעניע, פון פּאַדעלוי, און אויך פון דער גרויסער שטאָט יאַס. אין יאַס האָט אויפגעבליצט דאָס געשטאַלט פון איציק מאַנגער, מיט זיינע „שטערן אויפן דאַך".

קיין יאַס פלעגן קומען גרויסע „שטערן" פון יידישן טעאַטער. בולאָווס אַרויסטרעטונגען זיינען זייער געשעצט גע־וואָרן. עס זיינען געשפּילט געוואָרן: „אוריאל אַקאָסטאַ", „די כּישופמאַכערין", „דער דיבוק", „טוביה דער מילכיקער" פון שלום עליכם, „מסעות בנימין השלישי" פון מענדעלע מוכר־ספרים, „בַר כּוכבא" און נאָך אַנדערע פּיעסעס פון אברהם גאָלדפאַדען און אַנדערע. פון די קליינע שטעטלעך פלעגן קומען אַ סך, וועלכע האָבן געהאַט אַ ליבשאַפט צום יידישן טעאַטער, צום יידישן לשון.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען קיין יאַס, אין דער רוישנ־דיקער גרויסער שטאָט, האָט דער זייגער שוין געשלאָגן 10. אויף דער גאַס „סטעפאַן דער גרויסער" („שטעפאַן טשעל מארע") שטעלט טשאַקע אָפּ זיין וואָגן און זאָגט צו לייבלען: „אַט האָסטו דעם צענטער, פון דאַנעט קענסטו גיין וואַהין דו ווילסט".

לייבל נעמט זיין רענצל. ס'איז נישט געווען גרויס און אויך נישט שווער. אַנטקעגן איז געווען „פּאַלאַטול רעגאַל" -- דער יאַסער פּאַרלאַמענט. פאַר אים שטייט די סטאַטוע פון סטעפאַן דעם גרויסן, ווי ער זיצט רייטנדיק אויפן שיינעם פערד. פון דעם פּלאַץ טיילן זיך אָפּ פיר גאַסן. לייבל זעצט

זיך אַוועק מיטן רענצל אויף דריי טרעפּ, וואָס פירן צו אַן אַריינגאַנג צו אַ דאָקטאָר. לעבן די טרעפּ געפינט זיך אַ וועגל, וואָס שלאָגט דורך צו אַן אַנדער גאַס. דאָס האָט געהייסן „סטראַדעלע מינקו" – דאָס געסל מינקו. דאָס ערשטע מאָל אין אַזאַ גרויסער שטאָט, ווי עס זידט אין צענטער ווי דאָס וואַסער אין אַ קאָך-קעסל. זיצט ער אַזוי און קוקט. וואַהין צו גיין ווייסט ער נישט.

אויף אַ צווייטער גאַס איז דאָ אַן אַלעע, וואָס פירט צום גרעסטן מאַרק פון יאַס, דאָס פאַרנעמט אַ גוואַלדיקן שטח. מען פאַרקויפט דאָרט אַלץ, וואָס ס'איז נויטיק פאַרן מענטשלעכן געברויך, פּרוכטן, עסנוואַרג, קליידונג. אין קורצן: נישטאָ קיין זאַך, וואָס זאָל דאָרט זיך נישט פאַרקויפן. איבערן טאָג גייען דאָרט אַדורך צענדליקער טויזנטער מענטשן. דער רעש איז דאָרט ביז אונטערן הימל.

עס גייט אַדורך אַ פרוי און טראָגט אַ שווערן קויש. די פרוי איז אין די מיטעלע יאָרן, שיין געקליידט, שיין פאַר-קעמט, די אויגן און דאָס נעזל גיבן אויס איר שטאַם. לייבל האָט געכאַפּט אַ קורצן בליק אויף איר מיט גלייכגילטיקייט. אָבער ווען ס'איז לעבן זיינע פיס צוגעפאַלן אַ פעקל, וואָס איז אַרויסגעפאַלן פון איר קויש, האָט ער אַ געשריי געטאָן אויף רומעניש: „בירגערין, בירגערין, איר האָט עפּעס פאַרלוירן". די פרוי איז צוגעלאָפן נעמען דאָס פעקל. ער דערקענט, אַז זי איז אַ יידישקע. ווען זי דאַנקט אים פאַר אויפהייבן דאָס פעקל, זאָגט ער צו איר: „כ'וועל דיר העלפן, כיזע אַז ס'איז דיר שווער". ער נעמט איר קויש, אַ געניוג שווערער און גיט איר זיין גרינג רענצל. גייענדיק אַזוי פרעגט ער זי, אפשר ווייסט זי וועגן אַ צימער ווו מ'קען דינגען. זאָגט זי: „יאָ, קומט, כ'וועל אייך ווייזן". דערוויל דערציילט ער, אַז ער איז ערשט געקומען דאָ אַהער זיך צו לערנען. זי פירט אים אַריין צו זיך, עפנט אויף אַ גרויס ליידיק צימער און פרעגט אים: „דו ביסט אַ יידיש יינגל?" „יאָ", זאָגט ער. „אָט האָסטו דאָס צימער, ס'איז מיינס. אַ בעטל וועל איך דיר באַזאָרגן. וועגן דירה-געלט וועלן מיר זיך דורכרעדן שפּעטער".

דער אַריינגאַנג אין צימער איז געווען פון אַ לאַנגן קאָרידאָר, וווּהין ס'עפענען זיך די טירן פון די אַנדערע שכנים. געזען אַ פרעמד יינגל, האָט מען זיך נאָכגעפרעגט ביי פרידאַן, זיין בעל-הביתטע. און אַלע האָבן זיך דערוווּסט, אַז ס'איז גע-

קומען אַ יידיש ייִנגל. יעדער איז געווען נייגעריק צו וויסן מער איינצלהייטן. די שכנים האָבן אים געהאָלפן מיט אַ טיש, אַ בענקל, אַ טשייניק, טעלערס, מעסערס, גאָפּלען און נאָך זאַכן, מיט וואָס איינער האָט נאָר געקענט. בקיצור, מען האָט פֿאַר אים צונויפגעשטעלט אַ ביסל באַלעבאַטישקייט.

לייבל שטעלט אַוועק זיין רענצל און גייט אַרויס אין גאַס. וואַהין ער גייט, ווייסט ער נישט. זיך אַ ביסל אַרומ-קוקן. ער קוקט אויף די הייזער און אין אַלע זייטן. מען דער-קענט תיכף, אַז ער איז אַ פרעמדער, דערצו נאָך אַ פּראָווינ-ציעלער. כאָטש ער האָט געוווינט אַזויפיל יאָרן אין קישענעוו. דאָ איז עס עפּעס געווען אַנדערש, ניי פֿאַר אים און ער האָט מיט איין מאָל געוואָלט אַלץ וויסן.

די בעל-הביתטע איז געווען זייער אַ פיינע פרוי, מיט אַ יידיש האַרץ און געקענט אַ גוטן יידיש. זי האָט געהאַט צוויי פאַרהייראַטע זין מיט אייניקלעך, נאָר זי האָט נישט געוואָלט וווינען ביי זיי. בעסער אַליין, האָט זי געזאָגט. זי האָט געלעבט זייער גוט מיט די שכנים. זי איז געווען זייער צופרידן, וואָס ביי איר וועט וווינען אַ יידישער סטודענט און איז געווען גרייט אַלץ צו טאָן פאַר אים. לייבל איז גוט איבערגעשלאָפן די ערשטע נאַכט אין יאַס, אפילו אויף אַן אייזערנעם בעטל מיט אַ קליין קישעלע צוקאָפּנס. פרידאַ ברענגט אים אַריין אַ גלאָז טיי. ער וויל נישט טרינקען, אָבער זי שווערט זיך, אַז ער וועט יאָ טרינקען. זי טענהט, אַז עס איז דאָס ערשטע מאָל.

ער איז אַוועק אין אוניווערסיטעט און אַריינגעגעבן זיינע דאָקומענטן. מ׳הייסט אים קומען צוריק אין אַ פּאָר טעג אַרום פאַר אַן ענטפער. מען באַשטימט פאַר אים דריי עקזאַ-מענס אויף כעמיע, פיזיקס און מאַטעמאַטיק, דערנאָך וועט מען באַשטימען, צי ער וועט אָנגענומען ווערן. לייבל האָט נישט געהאַט ביי וועמען צו פרעגן, נישט מיט וועמען זיך צו עצהן. ער האָט אַליין אַלץ באַשלאָסן. צום סוף ווערט ער אָנ-גענומען. נאָך אַ חודש לערנען באַטראַכט לייבל ווו ער האַלט. אין דעם פאַקולטעט פון היסטאָריע זיינען סאַמע קריסטן און בלויז איין יידיש ייִנגל. ער הייסט יאַקאָב און איז פון כער-לעאַו. זיין פאָטער איז זייער אַ רייכער און בכדי יאַקאָב זאָל נישט גיין אויף קיין שלעכטע וועגן, אָדער ווערן אַ קאָמוניסט, האָט אים דער פאָטער איינגעאָרדנט אין אוניווערסיטעט. ער זעט בכלל נישט אויס צו זיין אַ ייד.

אין יאַס, אויף דער גאַס „סטעפאַן דער גרויסער", אין סאַמע צענטער, איז פאַראַן אַ קאַפע-הויז, וואָס הייסט „די מילכיקע" (לאַפטאַריע). אַהין קומען אַריין סטודענטן, שרייבערס, זשורנאַליסטן, אַרבעטער, אָנגעשטעלטע און סתם אַזוי קבצנים. איר וועט דאָרטן נישט געפונען קיין איין רייכן מאַן אויף אַ רפואה. פאַר צוויי לעי באַקומט איר דאָרט אַ קאַווע מיט אַ מאלאַי באַשפּריצט מיט אַ קאַפּל סמעטענע, און מען זיצט און מען רעדט. געוויינלעך זיינען פאַראַן נאָך גוטע, בעסערע זאַכן צום עסן. נאָר ווייניק פון דער קאַטעגאָריע קענען זיך דערלויבן אַזאַ לוקסוס. דער עיקר -- ס'איז דאָס אָרט פון באַגעגעניש. קומט לייבל אַריין און ביי אַ טישל זיצט יאַקאָב. ער זעצט זיך צו, זיי באַקענען זיך נענטער און מען צערעדט זיך. ווי שוין דערמאָנט איז ער דער איינציקער ייד אויף דעם פאַקולטעט. זיי פאַרחבֿרן זיך שטאַרק, ווי מ'זאָגט דאָס לעבן מיט דער נשמה. . . זיי באַגעגענען זיך, שפּאַצירן צוזאַמען, גייען אין יידישן טעאַטער. ער איז אפילו געקומען צו לייבלען אין דער וווינונג און לייבל צו אים.

זיי האָבן באַמערקט, אַז צווישן די סטודענטן גייען אַרום סודות, וועלכע טראָגן אַ פּאָליטישן כאַראַקטער. זיי האָבן געהערט דאָס וואָרט „זשידאַן". אַזוי פלעגן זיי רופן אַ ייד. ווען לייבל איז געוואָרן פון דעם אַ ביסל דערצאָרנט, האָט יאַקאָב אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זייער גאַנצער בעל-הבית איז קוזאַ, וועלכער פירט אָן מיטן גאַנצן אַנטיסעמיטיזם אין רומעניע. . . לייבלען איז איבערגעגאַנגען אַ ציטער איבערן גאַנצן קערפּער. יאַקאָב זעצט פאָר, אַז קוזאַ איז אַ רייכער פאַרמער און אַ דעפּוטאַט אָדער מיניסטער אין רומענישן פאַרלאַמענט. צו די סטודענטן באַציט ער זיך גוט, אפילו צו די יידישע, אָן אונטערשייד. מען דערציילט אפילו, אַז ער מאַכט גרויסע געשעפטן מיט רייכע יידן. און יעדן פון זיי זאָגט ער באַזונדער: „ווען אַלע יידן זיינען אַזעלכע ווי דו, וואָלט איך ליב געהאַט די יידן".

לייבלען האָבן באַהערשט חרטה-געפילן -- נאָך וואָס האָט ער דאָס באַדאַרפט? זיך לערנען אין אַזאַ אַטמאָספער. ער פרעגט יאַקאָבן, צי ער טראַכט דאָ צו פאַרענדיקן דעם אוניווערסיטעט? „כ'קען דיר נישט צוזאָגן. דו זעסט דאָך, מיר זיינען נאָר צוויי יידן דאָ". אַזוי האָבן זיי זיך געהאַלטן אין

איינעם און געשמועסט אין דער „מילכיקער" קאַפּע וועגן אַלעמען. ווען יאַקאָבס פּאָטער איז געקומען זען וואָס זיין זון טוט דאָ, ווי ער לערנט זיך, האָבן זיי באַשלאָסן, אַז זיי וועלן האַלטן אַן עצה נאָכן ערשטן עקזאַמען.



אַן אַנטיסעמיטישער פּאַל

אין יאַס האָט געוווינט אַ גרויסער עושר מיטן נאָמען ראָטענבערג. ער האָט געהאַט צוויי רעסטאָראַנען אין שטאָט. זיין רייכטום איז געוואַקסן, ווי מ׳זאָגט „דער אַפּעטיט קומט מיטן עסן״. איז ראָטענבערג אַ מאָל דורכגעפֿאָרן אין זיין פֿייע-טאָן אויף דער גאַס „אַנאַסטאַסיע פּאַנו״, נישט ווייט פֿונעם מאַרק „אַלאַ״, דער גרעסטער מאַרק אין יאַס. נישט ווייט פֿון מאַרק איז געווען אַ גרויס שטיק פּלאַץ ליידיק, פֿאַרלאָזט, באַ-וואַקסן מיט גראָז. נישט ווייט פֿון דעם פּלאַץ איז געשטאַנען אַ קלויסטער, ווו די קריסטן פֿלעגן זיך צונויפֿקומען יעדן זונ-טיק צום דאַווענען. דער קלויסטער איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן פּלויט. ער שטייט שוין דאָרט אַ סך יאָרן און איז באַוווּסט. דער חשק פֿון ראָטענבערגן צו פֿאַרגרעסערן זיינע געשעפֿטן און רייכער ווערן, האָט אים נישט צורו געלאָזט, נאָכדעם ווי ער האָט באַטראַכט דעם ליידיקן פּלאַץ ביים מאַרק „אַלאַ״.

ער קומט אַהיים און לייגט זיך צו צו כאַפּן אַ דרימל נאָכן עסן. ער הייבט אָן צו טראַכטן און פֿאָרמולירט אַ פּלאַן. אויב ס׳וועט אים געלונגען צו קויפֿן דעם פּלאַץ פֿון דער מלוכה, וועט ער דאָרט אויפֿבויען אַ גאָר גרויסן רעסטאָראַן, וואָס וועט זיינע צוויי אַנדערע פֿאַרשטעקן אין גאַרטל. דאָרט וועט זיך קאָכן ווי אין אַ קעסל. ער וועט זיכער אין אַ קורצער צייט צוריק אַרויסנעמען די קאָסטן פֿונעם אויפֿבוי.

וואָס זשע דאַרף מען טאָן, פֿרעגט ער זיך, אַוועק-פֿאָרן צום פּרעפֿעקט און קויפֿן דעם פּלאַץ מיט אַ דערלויבע-ניש צו עפֿענען אַ מאָדערנעם, ציוויליזירטן רעסטאָראַן. . . אַזוי ווי אין קאַפּיטאַליסטישן רומעניע האָט געלט געעפֿנט אַלע

טירן, האָבן רייכע מענטשן געקענט קויפן די בעסטע און שענ-סטע זאַכן, און אפילו די גרעסטע אָנגעשטעלטע פון דער מלוכה, און טיילמאָל די מלוכה אויך. דער פּרעפעקט, דער הויפּט בעל-הבית פון אַזאַ גרויסער שטאָט ווי יאַס, האָט זיך אויך פאַרקויפט. עס איז „אויסגעוואַקסן" דער הויפּט אינזשע-ניר פון דער שטאָט און דער פּראָיעקט איז אונטערגעשריבן געוואָרן. ראָטענבערג דרייט זיך אין גאָרטן נאָכן עסן, גלעט זיך זיין בייכל און לויבט זיך אַליין, ווי קלוג ער איז און קען אַדורכפירן אַזאַ גרויסע זאַך, וואָס נישט יעדער קען דאָס אַדורכפירן.

מיהאָט געלייגט דעם פונדאַמענט. די אַנטיסעמיטן האָבן זיך דערוווּסט, אַז דער ייד קלויבט זיך צו בויען אַ רעסטאָראַן נישט ווייט פונעם קריסטלעכן קלויסטער, שיקן זיי ראָטענ-בערגן אַ הײם אַ בריוו, ער זאָל אויפהערן צו בויען לעבן קלויסטער, ווייל ער וועט קיין רעסטאָראַן דאָרט נישט האָבן... ראָטענבערג כאַפּט דעם בריוו, לויפט אַוועק צום פּרעפעקט און ווייזט אים. יענער לייענט איבער און זאָגט אים: „צערייס עס, איך בין דער בעל-הבית פון דער שטאָט, און מיר וועט קיי-נער נישט דיקטירן, וואָס צו בויען". . .

ראָטענבערג בויט ווייטער, שטעלט אויף די ווענט לויטן פּראָיעקט, אונטער דער אויפזיכט פונעם אינזשעניר. דאָס בויען איז אין פולן גאַנג. ער באַקומט נאָכאַמאָל אַ בריוו מיט אַנ-דערע ווערטער: „דו ייד, הער אויס און בוי נישט מער, דו וועסט קיין רעסטאָראַן לעבן אונדזער קלויסטער נישט האָבן". ער כאַפּט דעם צווייטן בריוו און לויפט צו זיין געקויפטן פּרע-פעקט. יענער ווערט אויפגערעגט, ווי איינער זאָגט, „וואָס האַקסטו מיר אין קאָפּ?. . . כ'האָב דיר שוין געזאָגט פריער, אַז איך בין דער בעל-הבית פון דער שטאָט. קיינער קען מיר נישט אָנווייזן, וואָס צו טאָן. בוי ווייטער, מיר וועלן נאָך אין דיין רעסטאָראַן אויסטרינקען אַ גוט גלעזל משקה". דאָס בויען גייט אָן ווייטער, שוין אַריינגעשטעלט די טירן, אָנגעגלאָזט די פענצטער און אַרויפגעלייגט דעם דאַך.

ראָטענבערג האָט ווי פאַרגעפילט, אַז ס'וועט עפּעס גע-שען. ער איז יעדן טאָג צוגעפאָרן, באַטראַכט דאָס בויען און געשעפּט נחת. אָבער דאָך אָנגעהויבן איבערצוקלערן.

איינמאָל אין אַ נאָכמיטאָג באַגעגנט זיך לייבל מיט יאַקאָבן אויף דער גאַס „סטעפאַן דער גרויסער". זיי שמועסן

פון פאַרשיידענע זאַכן, ווי אויך וועגן זייערע קאַלעגן-סטודענטן, ווי זיי האַלטן זיך צוזאַמען און שושקען זיך בסוד-סודות. גייענדיק אַזוי, קומט אָן אַ מחנה פון אַרום הונדערט סטודענטן מיט שטעקנס און שרייען „זשאָס זשידאַן" -- „נידער מיט די יידן". עטלעכע לויפן צו צו יידישע קלייטן און צע-קלאַפן די שוי-פענצטער. לייבל און יאַקאָב ווערן אַרומגערינגלט און באַמערקן ווי זייערע קלאַס-קאַלעגן, אויך מיט שטעקנס, האַקן פענצטער און שרייען „זשאָס זשידאַן". כדי צו ראַטעווען זייערע לעבנס באַשליסן זיי אויף דער שנעל, אַז זיי וועלן אַזוי נאָכגיין דער מאַסע און אויך אַזוי שרייען, ביז זיי וועלן אָנ-קומען אין אַ שמאָל געסל און דאָרט וועלן זיי אַנטלויפן. אַזוי האָבן זיי געשריגן די גאַנצע צייט, מיט האַרץ קלאַפעניש, ווייל די יידן, וועמען די סטודענטן האָבן דערטאַפט, האָבן זיי גוט צעקלאַפט.

דער המון איז אַזוי געגאַנגען איבער דער גאַנצער גאַס, געשריגן, געהאַקט און געשלאָגן, ביז זיי זיינען צוגעקומען צום שוין אויפגעבויטן רעסטאָראַן און דאָרט אַלץ צעבראָכן. אינ-דערפרי האָבן די דורכגייער געזען אַ באַרג מיט ערד אויסגע-מישט מיט ברעטער, גלאָז און אַנדערע מאַטעריאַלן. לייבל מיט יאַקאָבן זיינען ספעציעל אַהין געגאַנגען אָנקוקן דעם חורבן, וואָס די כוליגאַנעס האָבן אָנגעטאָן. זיי האָבן דאָס באַטראַכט און אויפן אָרט באַשלאָסן, אַז זייערע פיס וועלן מער נישט גיין אין אוניווערסיטעט. אַ, וואָס וועט זיין ווייטער? זיי וועלן זען. יאַקאָב וועט זיך ווענדן צו זיין פאָטער. לייבל האָט אַליין נישט געוווסט, וואָס צו טאָן. איין זאַך האָט ער געטראַכט, אַז ווען זיין געלט וועט זיך אויסלאָזן, וועט ער בעטן ביי זיין פאָטער.

לייבל זוכט און געפינט אַרבעט

עס זיינען אַריבער עטלעכע טעג. יאַקאָב איז גלייך אַהיימגעפאָרן. לייבל אַרבעט נישט און לערנט נישט. ער קומט אין דער „מילכיקער", באַגעגנט זיך מיט אַלטע חברים און קריגט נייע באַקאַנטע. איינער פון זיי האָט אים פאָרגעשלאָגן, אַז ער זאָל קומען צו אים אין פאַבריק פון טעקסטיל צו זען ווו ער אַרבעט. אויב לייבל וועט וועלן, קען ער זיך לערנען וועבערייַ און האָבן אַ פאַך. מען דאַרף זיך לערנען דריי חדשים, אָבער מען קריגט נישט דערפאַר באַצאָלט. לייבל איז געגאַנגען אין דער פאַבריק, כאָטש די גאַנצע מעשה איז אים נישט געפעלן. ער זאָל ווערן אַ פּראָלעטאַריער. ער קען מיט זיי סימפּאַטיזירן, אָבער נישט אַרבעטן שווער און זיך פאַרקויפן צום בעל-הבית.

לייבל איז אָבער געווען געוווינט עפּעס צו טאָן. שטייט ער אויף אינדערפרי און גייט אַרויס אין גאַס. מענטשן לויפן און גייען אויף גיך. מען פאָכעט מיט די הענט, אַז די פיס זאָלן בעסער שפּאַנען. ווער מיט אַ פּעקעלע, ווו ער האָט זיך מיטגענומען עסן; ווער מיט אַ סומקע; ווער מיט אַ ביכל. נאָר מען גייט האַלב לויפנדיק. אין מיטן גאַנג קויפט מען אַ פרישע בייגל, אַ נאַרוואָס דערשינענע צייטונג, אַ פּעקל פּאַפּיראָסן, אַ גלאָז וואַסער. די גאַס איז אויף רעדער. לויט לייבלס פּסיכאָ-לאָגיע קען ער נישט גלאַט אַזוי גיין. ער וועט זיין אַן אויס-נאַם. ערשטנס וועט ער הייסן אַ ליידיקגייער, און וועט אויס-זען ווי אַ פרעמדער, וואָס איז ערשט געקומען פון עפּעס אַ דאָרף, וועלכער קוקט אַריין אין די שויפענצטער מיט פאַר-וווּנדערונג. גייט ער שנעל, ווי אַלע גייען. ער פאָכעט מיט זיינע הענט אַהין און צוריק, מאַכט ברייטע טריט און שפּאַנט. זאָל

ער אַזוי נישט וויסן פון קיין צרות, ווי ער ווייסט נישט וואַהין ער גייט. ער גייט אָפּ אַ לאַנגן מהלך, אַ קנאַפּן קילאָ-מעטער, גייט אַריבער אויף דער צווייטער זייט גאַס און שפּאַנט צוריק אויף דעם זעלבן וועג, נאָר אויף דער צווייטער זייט גאַס. ער ווערט מיד און הונגעריק און גייט אַוועק אין דער „מילכיקער". בשעתן עסן טאַפּט ער דעם דופּק ביי באַ-קאַנטע, צי זיי קענען געפונען פאַר אים עפּעס אַן אַרבעט. צו זיין אַ לערער -- פון דעם פאַרגעס; אָבער, גוואַלד געשריגן, עפּעס אַן אַרבעט.

אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווי געוויינלעך, גייט ער אין צענטער פון גאַס. עס שטעלט אים אָפּ אַ באַקאַנטער ייד פון טעלענעשט. ער דערפרייט זיך מיט אים און פרעגט וואָס ער מאַכט דאָ? דאָס איז געווען חיים גלאַזמאַן, אַ פאָטער פון צוויי יינגעלעך, וועמען לייבל פלעגט געבן פּריוואַטע לעקציעס. ער פלעגט אַריינקומען צו זיי, געווען אַ גאָר היימישער מענטש. לייבל דערציילט אים אַלץ זיצנדיק אין דער קאַפע, וואָס יענער האָט פאָרגעשלאָגן. מאַכט חיים אַ פאָרשלאָג: „אויב איר ווילט דערווייל עפּעס אַרבעטן, נאַט אייך דעם אַדרעס און קומט דאָרט אינדערפרי, זיבן אַזייגער". „וואָס וועל איך דאַרפן טאָן?" פרעגט לייבל. „איר וועט זען, אַז ס'וועט אייך געפעלן ווערן", פאַרזיכערט אים חיים.

צומאָרגנס אינדערפרי איז לייבל דאָרט אָנגעקומען נאָך פאַר דער צייט, ווי ס'איז אָפּגעשטימט געוואָרן. לייבל האָט נאָך אין זיין לעבן אין ערגעץ נישט פאַרשפּעטיקט. אַזוי האָט ער זיך צוגעוווינט. ער זעט ווי עס איז צוזאַמענגעשטעלט אַזאַ מין דאַך פון ברעטער; אַרויפצוגיין דאַרף מען אויף זעקס טרעפּ. דאָרט זיצן בערך 50 פרויען און צוויי עלטערע מענער. אַלע זיצן אויף די ברעטער, נישט אויף קיין בענקלעך. מען ברענגט זיי צו זעק מיט גריכישע ניס. זיי דאַרפן אויסלייזיקן די ניס פון די זעק, זיי אויססאָרטירן -- קלענערע, גרעסערע, קלאָרע ווייסע און טונקעלע -- דערנאָך זיי אַריינשיטן אין פיר זעק און דאָרט אָנשרייבן צו וועלכער קאַטעגאָריע זיי געהערן. חיים גלאַזמאַן פירט אָן מיטן גאַנצן געשעפט. ער גיט אָפּ דעם בעל-הבית אַ חשבון, וויפל ס'איז געמאַכט געוואָרן און דערנאָך גייט עס אויף עקספּאָרט. פאַר אַ טאָג אַרבעט באַקומט יעדער אַרבעטער 25 לעי.

לייבל זעצט זיך אַוועק צווישן די פרויען און אַרבעט. ער האָט באַטראַכט דאָס רומל. אַ יונגער, ברייט־פּלייציקער בחור זיצט צווישן נישט גאָר קיין יונגע פרויען און אַרבעט. נאָכן אָפּאַרבעטן עטלעכע טעג גייט לייבל צו חיימען און פרעגט אים וויפל עס באַקומט פאַר אַ טאָג דער אַרבעטער, וואָס ברענגט און טראָגט אַוועק די זעק ניס? „35 לעי אַ טאָג", זאָגט חיים. „קען איך אויך דאָס טאָן?", פרעגט לייבל. „יאָ, מאָרגן אינדערפרי וועסטו אַרבעטן ביים טראָגן די זעק". לייבל האָט אָנגעהויבן טראָגן די זעק ניס, וואָס זיינען גאָר־נישט אַזוי שווער. אפילו ביי אַזאַ אַרבעט פלעגט לייבל גיין אָנגעטאָן שיין און ריין, נישט ווי אַנדערע טרעגערס. האָט ער זיך מער אַרויסגעזען צווישן די איבעריקע.

דער בעל־הבית פון דער פאַבריק איז געווען בערל פרישמאַן, אַ שיינער, הויכער ייד מיט אַ יידיש האַרץ און געהאַט אפילו אַ ביסל הויכע בילדונג. ער האָט אָפּגעהיטן די יידישע מנהגים און טראַדיציעס. חיים איז ביי אים געווען אַ גאָר איבערגעגעבענער פאַרוואַלטער, אויף וועמען ער פלעגט זיך אין גאַנצן פאַרלאָזן און זיך צוהערן צו זיינע רייד. דעריבער איז נישט געווען נויטיק פאַר אים צו קומען אָפט אין דער פאַבריק. ער האָט געהאַט נאָך אַנדערע געשעפטן.

האָט זיך איינמאָל געטראָפן, אַז לייבל טראָגנדיק אַ זאַק מיט ניס, האָט פאַרטשעפּעט דעם פוס ביים אַרויפגיין אויף די טרעפּ און זיך אויסגעגליטשט. ער פאַלט אַוועק מיטן זאַק גלייך ביים בעל־הביתעס פיס, וועלכער איז גראָד אָנגעקו־מען. דער בעל־הבית העלפט אים אויפשטעלן זיך און פרעגט אים צי ער האָט זיך שטאַרק צעקלאַפּט. „ניין", זאָגט לייבל און דאַנקט אים. דער בעל־הבית באַטראַכט לייבלען פון קאָפּ ביז די פיס מיט אַ פאַרוווּנדערונג. ער זעט אויס אַנדערש ווי אַלע אַנדערע אַרבעטער. ער רופט חיימען צו זיך אין ביוראָ און פרעגט אים ווער עס איז דער בחור, וואָס איז געפאַלן. חיים דערציילט אים, אַז ער איז אַ לערער, שטרייכט אונטער אַ גוטער לערער. זיינע אייגענע קינדער אין טעלענעשט האָבן ביי אים געלערנט און ער איז פון אים געווען זייער צופרידן. ער האָט אים לעצטנס באַגעגנט אויף דער גאַס זוכנדיק אַר־בעט און חיים האָט אים געגעבן אַרבעט. דער בעל־הבית זאָגט חיימען ער זאָל געבן לייבלען זיין אַדרעס און יענער זאָל קומען צו אים אַהיים פרייטיק אָוונט, 7 אַזייגער.

ווען לייבל האָט געהערט די נייעס, האָט ער אַליין נישט געוווּסט, וואָס צו טראַכטן. וואָס דאַרף אים דער בעל-הבית ביי זיך אין דער היים? וואָס וויל ער פון אים? ער פרעגט חיימען, אָבער חיים ווייסט אויך נישט. ער האָט אים גאָרנישט געזאָגט. לייבל האָט זיך אָפּראַזירט, פאַרקעמט די האָר און זיך שיין אָנגעטאָן. פונקט 7 אַזייגער קומט ער צו דער טיר, קלאַפּט אָן און עס עפנט די טיר אַ דינסט. דער בעל-הבית האָט געוווּסט, אַז ער דאַרף קומען, האָט ער גע-הייסן אים אַריינלאָזן.

דער בעל-הבית, זיין פרוי און אַ יונג מיידעלע זיינען געזעסן ביים טיש. בערל פרישמאַן איז אויפגעשטאַנען און אים אַנטקעגנגעטראָגן די האַנט. ער האָט אים באַקענט מיט זיין פרוי סאָפיאַ און זייער טעכטערל, חיהלע. „קודם כָּל", זאָגט בערל, „וואַשט די הענט, אָט דאָרטן, איר וועט מיט אונדז עסן און מאַכן קידוש". לייבל איז געווען גענוג הונגעריק, אָבער אַ ביסל צעטראָגן פון דעם, וואָס דער בעל-הבית אַליין האָט אים גערופן דאָ אַהער און ער פאַרשטייט נישט נאָך וואָס, אַז ער האָט אפילו נישט געקענט עסן. זאָגט ער: „כ'דאַנק אייך זייער, כ'בין נישט הונגעריק". דער בעל-הבית הערט זיך נישט צו צו זיינע ווערטער, גיסט אים אָן אַ גלעזל ווייַן און זאָגט: „איר וועט מיט אונדז עסן און דערנאָך וועלן מיר שמועסן".

לייבל זעט אויפן טיש אַ חלה, געפילטע פיש, אַ יויך, פלייש, און זיס געבעקס. ער מוז עסן און, צוליב איידלקייט, עסן ווייניקער ווי ער וואָלט געוואָלט. ער האָט אויך געמאַכט קידוש. בערל פרישמאַן פרעגט אים אויס און לייבל דערציילט אפילו מער ווי ער האָט פון אים דערוואַרט. צום סוף אפילו דערציילט וועגן אוניווערסיטעט און דעם כוליגאַנישן פאַל מיטן רעסטאָראַן. בערל זאָגט, אַז ראָטענבערג איז זיינער אַ חבר און ער ווייסט די גאַנצע געשיכטע.

נאָכן רעדן וועגן פאַרשיידענע זאַכן, זאָגט דער בעל-הבית צו לייבלען: „איר זעט דאָס מיידעלע? איך וויל, אַז איר זאָלט אָנהייבן לערנען מיט איר. כ'וויל זי זאָל זיין אַ יידישע טאָכטער, ווי אירע עלטערן. איר וועט מער נישט אַרבעטן ביי די ניס, ס'איז נישט פאַר אייך. איר וועט באַקו-מען מער געצאָלט, ווי איר וועט דאָרט פאַרדינען". לייבלען האָט אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן. נאָר אין חלום האָט ער זיך דאָס געקענט פאָרשטעלן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן,

אַז אָנהויבנדיק דעם זונטיק, 3 אַזייגער, וועט ער קומען אויף אַ שעה לערנען מיטן קינד. לייבל האָט די עלטערן זייער שיין אָפּגעדאַנקט פֿאַרן מאָלצייט און פֿאַר דער נייער שטעלע.

דאָס מיידעלע איז שוין געווען 11 יאָר אַלט און גע־לערנט אין דער רומענישער מלוכה־שולע, זיך גוט געלערנט. דער פֿאָטער האָט איר אויסגעלערנט דעם אַלף־בית און עטלעכע זאַכן, וואָס געהערן צו רעליגיעזע און טראַדיציאָנעלע מנהגים. לייבל האָט געהאַט מזל, וואָס אַלע זיינע שילער, גוטע צי שלעכטע, האָבן פֿאַר אים געהאַט דרך־ארץ. ביי אַלעמען האָט ער געוווּנען די אויטאָריטעט און זיי האָבן אים אפילו ליב באַקומען. דאָס האָט געווירקט צום גוטן אויפֿן לערנען, עס איז געווען דיסציפּלינירט.

אַזוי האָט חיהלע אָנגעהויבן צו לערנען ביי לייבלען און מאַכן אין דער היים די איר געגעבענע לעקציעס. ער פֿלעגט זיצן דאָ אַ ביסל לענגער און זי פֿאַראינטערעסירן מיט פֿאַרשיידענע דערציילונגען. די מוטער פֿלעגט זיך צוהערן. נאָכן לערנען פֿלעגט זי פֿאַר אים שטעלן אַ קאַווע מיט געבעקס. דאָס מיידעלע האָט אָנגעהויבן אַרויסווייזן דערגרייכונגען, וואָס האָבן פֿאַרשאַפֿט צופֿרידנקייט ביי לייבלען און נאָכמער ביי אירע עלטערן. . .

נאָך די ערשטע פֿאַר וואָכן האָט מען אים געגעבן אַ סומע געלט, וואָס ער האָט געמיינט, אַז עס איז דער געהאַלט פֿאַר אַ חודש. אָבער ס׳איז נישט געווען דער געהאַלט. דאָס האָט די בעל־הביתטע, פֿאַר צופֿרידנקייט, אים געגעבן אַ סומע געלט, זאָגנדיק אַז מסתמא דאַרף ער דערווייל עפּעס געלט אויף טעגלעכע הוצאות, ווי באַצאָלן דירה־געלט, קויפֿן עסנ־וואַרג וכדומה. ביי לייבלען האָט זיך צעשפּרייט אַן אומבאַ־גרענעצטע צופֿרידנקייט, אַז גאָט פֿאַרלאָזט אים נישט. . . ער האָט ווידער געקענט אָנהייבן גיין אין טעאַטער און קינאָ, אויסגעזוכט באַקאַנטע צום פֿאַרברענגען אויף אַ קולטורעלן אופֿן, גיין אויף קולטורעלע אַרויסטרעטונגען. ער האָט זייער ליב געהאַט מאַנגערן.

יאַס איז שוין געווען באַקאַנט ביי לייבלען ווי זיין אייגענע האַנט. ער האָט געוווּסט וואָס און ווו עס קומט עפּעס פֿאָר. אַזוי ווי קיין מעבל האָט ער נישט, ליגט אַלצדינג צונויפּ־געלייגט אויפֿן דיל, ווען ער וואַשט אָפּט. די בעל־הביתטע לויבט אים זייער פֿאַר די שכנים. זי כאַפּט זיך אַריין טיילמאָל

צו אים מיט אַ מעשה, וואָס ער מוז אויסהערן; ברענגט פאַר אים אַריין פונעם פרישן געבעקס, ער זאָל עס פאַרזוכן און אַ לויב טאָן. . .

לייבל לערנט אָפּ מיט פרישמאַנס טעכטערל אַ דריי חדשים צייט, און סיי די עלטערן און דאָס מיידעלע זיינען זייער צופרידן פונעם גאַנג פאָרויס אויפן לערן געביט. בערל פרישמאַן האָט געהאַט רייכע חברים, און ווען זייערע פרויען פלעגן זיך צונויפקומען, האָט יעדע איינע געוואָלט וויסן, וואָס ביי דער צווייטער טוט זיך. עס פלעגן זיך אַנטוויקלען גע-שפּרעכן און אפילו זיך אויסליובן איינע פאַר דער צווייטער.

איינער פון די חברים איז געווען זלמן שעכטער. ער האָט געהאַט אַ גרויסן רעסטאָראַן פון ערשטן קלאַס. אַהין פלעגן קומען די סאַמע גדולי הדור. עס זיינען געווען עטלעכע צימערן ספּעציעל רעזערווירט אין פאַלן ווען עמיצער האָט באַ-דאַרפט זיך אַדורכשמועסן און אַנדערע אויערן זאָלן דאָס נישט הערן; אָדער ווען אַ פאַרליבט פּאָרל האָט געוואָלט מ׳זאָל זיי נישט זען; אָדער, ס׳זאָל זיך נישט טרעפן, אַ מאַן מיט אַ צווייטנס פרוי, און נאָך אַזעלכע פאַלן, וואָס דאַרפן בלייבן צווישן די פיר ווענט. זיי פלעגן דעמאָלט גיין צו זלמן שעכטער אין רעסטאָראַן, גענוצט אַזאַ צימער, וואָס ווען די ווענט זאָלן קענען רעדן, וואָלט מען געקענט אָנשרייבן גאַנצע ביכער. מען פלעגט זייער שיין באַצאָלן פאַר דעם און עס האָט געהאַט די ווערט. אין אַזעלכע פאַלן דינגט מען זיך נישט. אפילו פאַר מלוכה אָנגעשטעלטע, וועמען מ׳האָט געדאַרפט אונטערשמירן, איז דאָס געווען דער פּלאַץ. דאָס איז געווען אַ באַוווּסטער רעסטאָראַן, וועלכן מ׳האָט נישט געדאַרפט רעקלאַמירן.

זלמן שעכטער האָט געהאַט צוויי טעכטער. זיין פרוי ליאַ איז געווען אַ פרוי אַ שיינקייט, וואָס מענער פלעגן דער-ציטערט ווערן ווען זיי האָבן זי באַגעגנט. זי פלעגט זיך קליידן לויט דער לעצטער מאָדע, זיך אַוועקגעשטעלט אין רעסטאָראַן און יעדן געשענקט אַ פריילעכן שמייכל. זלמן פלעגט טענהן צו איר, אַז זי זאָל ווייניקער קומען אין זאַל. זיי האָבן וועמען וואָס זאָל זיך אָפּגעבן מיט אַלעמען. עס איז פונקט געווען פאַרקערט מיט זייערע צוויי מיידלעך. זיי זיינען געווען עפּעס אָן אַ טעם. . . איינע איז געווען אַ ביסל קאַסאָקע, און זען ביי איר אַ שמייכל איז געווען צו באַצאָלן מיט גאָלד. די צווייטע איז געווען נישט קיין אומגליק, נאָר זי איז געבוירן

געוואָרן מיט איין האַנט אַ ביסל קירצער. פלעגט זי אַלץ טאָן מיט דער לינקער האַנט.

זלמן האָט באַטראַכט זיין רוישנדיק געשעפט און, האָבנדיק שכל, האָט ער אָנגעהויבן קלערן, אַז זיין עשירות קען נישט זיין קיין אייביקע זאַך. דאַרף מען אַ טראַכט טאָן וועגן אַ תכלית. ער האָט געגעבן פאַרן „קרן קימת" מיט דער ברייטער האַנט און פלעגט זיך אינטערעסירן, וואָס עס הערט זיך אין יידישן לאַנד. ס'פלעגן טיילמאָל קומען שליחים פון ציוניזם, פלעגט ער שמועסן מיט זיי און זיך דערוויסן אַ סך זאַכן. ער איז ענדלעך געקומען צו אַ באַשלוס. ער האָט אַוועק-געשיקט אַ סומע געלט און געקויפט אַ שטח ערד אויפן נאָמען פוןביידע מיידלעך, זאָל ער כאָטש האָבן עפעס אויפגעטאָן. אויב ס'וועט זיך חלילה עפעס אַ טרייסל טאָן, דער „לא יצלח" וועט ביי אים נעמען דעם וועג, וועט ער עוקר זיין קיין ארץ-ישראל. דאָרט וועט ער שוין האָבן זיינע צוויי איינגעאָרדנטע טעכטער, וועט עס זיין פאַר אים גרינגער. דאָס איז דערווייל געווען אַ סוד, נאָר אין שטאָט האָט מען זיך דערוווסט, אַז זיינע צוויי מיידלעך שמעקן מיט ארץ-ישראל.

בערל און סאָפיאַ פרישמאַן האָבן פאַרבעטן צו זיך זלמנען מיט זיין פרוי ליאַ אויף אַ גלאָז טיי און כדי זיך אַ ביסל דורכשמועסן. זיי פלעגן זיך זייער גוט פאַרהאַלטן, זיך געטיילט מיט פאַמיליע-נייעסן און זיך אפילו גע'עצהט איינער מיטן צווייטן. בשעתן זיצןביים טיש און שמועסן, קומט אַריין חיהלע, זייער טעכטערל. זי קומט צו צום טיש און מען גיט איר אַ גלעט איבערן קעפּעלע. זאָגט בערלס פרוי, אַז חיהלע לערנט זיך ביי אַ פּריוואַטן לערער און מען קען שוין מיט איר רעדן אין עברית. זי קען שוין אויך אַ ליד, און זי הייסט דעם מיידעלע זאָגן. דאָס מיידעלע זאָגט ווי וואַסער, מיט אַ שיינעם אויסדרוק, מיט זשעסטיקולאַציעס, „דער הירש און דער שפּיגל" („הצבי והראי"). עס איז אַ מעשה וועגן אַ הירש, וואָס לויפט פונעם באַרג. ער ווערט דורשטיק, קומט צום טייך און טרינקט. ער קוקט זיך איין און זעט אין וואַסער זיין פּנים. ער לויבט זיך אַליין ווי שיין ער איז, זיין פּנים, זיינע הערנער, ס'איז אַ שיינקייט, וואָס ביי קיינעם איז עס נישטאָ. חיהלע מאַכט דערביי מיט דער האַנט אויפן קאָפּ, אויף איר קערפּער, אויף די קליידער. מען אַפּלאָדירט איר און די פרישמאַנס לויבן אויס דעם לערער. זאָגט ליאַ: „אפשר וואָלט איר אונדז

צוגעשיקט דעם לערער? מיר זוכן שוין לאַנג אַ קענער פון העב־רעיִש. סוף־כּל־סוף וועלן אונדזערע מיידלעך אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל, דאַרפן זיי קענען די שפּראַך."

ביי דער צווייטער לעקציע האָט לייבל באַקומען דעם אַדרעס פון די שעכטערס, און אַ בריוו מיט אַ גוטער רעקאָ־מענדאַציע, ווי די פרישמאַנס האָבן געגעבן זייער מיינונג וועגן אים. סאָפיאַ האָט אויך געליבט די שעכטער משפּחה ווי פיינע מענטשן, מיט וועמען ס'איז כּדאַי פאַר אים זיך צו פאַרבינדן און אָננעמען דאָס לערנען פון די צוויי מיידלעך. סאָפיאַ זאָגט אים אפילו, אַז זי האָט יענע נישט געזאָגט וויפל זיי צאָלן. בעסער, פאַרשטייט זיך, ער זאָל מיט זיי באַזונדער באַשטימען דעם געהאַלט. זיי וועלן אים נישט טאָן קיין עוולה.

ביי לייבלען האָט נישט פּאַסירט, ווי שוין געזאָגט, ער־געץ־ווו צו פאַרשפּעטיקן. פּונקט פאַרקערט, ער פלעגט אָפט קומען פאַר דער צייט. ער וויל נישט טראַכטן, וואָס ס'וועט זיין. בעסער קומען און זען, וואָס ס'איז און זיך איינשטילן דאָס געמיט. געקומען אין רעסטאָראַן האָט ער פּונקט באַ־געגנט שעכטערס פרוי ליאַ און עס האָט אים אַ שיין געטאָן אין פּנים ווי אַ פרימאָרגנדיקע זונענשיין. ער האָט נישט גע־ווּסט, וואָס פריער צו זאָגן. אַלץ איז געווען ביי איר, ווי מען זאָגט, אָפּגעטאָקט. ער האָט זיך מיט איר פיין באַגריסט. זי האָט תּיכּף פאַרשטאַנען, אַז דאָס דאַרף זיין דער לערער, וועמען מ'האָט צו זיי געשיקט, ווי סאָפיאַ האָט צוגעזאָגט.

ליאַ האָט לייבלען פאַרבעטן אין איינעם פון די שענ־סטע רעסטאָראַן צימערן און האָט אים אַלץ דערציילט. כאָטש לייבל האָט שוין דאָס אַלץ געוווּסט, האָט ער זי אויסגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. זלמן שעכטער איז נישט געווען אין דער היים. ליאַ האָט אַריינגערופן ביידע מיידלעך, אים באַקענט מיט זיי און מ'האָט באַשלאָסן, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט ער אָנהייבן די לעקציעס. וועגן געהאַלט איז נישט גערעדט געוואָרן. גלייכצייטיק האָט ליאַ געוואָלט וויסן אַלע דעטאַלן: ווו לייבל וווינט? פון וואַנעט ער איז געקומען? וויפל צייט איז ער שוין אין יאַס? איז דאָס זיין פּראָפעסיע? צי קלערט ער וועגן פאָרן קיין ארץ־ישראל? און נאָך, און נאָך. . . דערנאָך האָט זי געוואָלט וויסן ווו ער עסט? זי האָט באַלד צוגעגעבן, אַז עסן וועט ער ביי זיי, אַחוץ דעם געהאַלט פאַרן לערנען.

ליאַ האָט אַ קלוגג געטאָן און עס איז אַריינגעקומען דער אָנגעשטעלטער איבערן גאַנצן רעסטאָראַן. זי האָט צו אים געזאָגט: „אָט דער מענטש וועט האָבן אַ קאַרטע און ווען ער וועט קומען זאָלט איר אים געבן, וואָס ער וועט וועלן צום עסן. ביר -- נאָר איין פלעשל". . . זיי האָבן זיך באַקענט און יענער האָט לייבלען גוט אָנגעקוקט. זי האָט אַרויסגענומען פון שופלאָד אַ קאַרטע און דאָס געגעבן לייבלען: „אויף דעם וועט איר ביי אונדז עסן וויפל און וואָס איר וועט וועלן. איר דאַרפט נישט זאָרגן אַלע מאָל ווו צו גיין עסן. ביי אונדז גרייט מען צו דאָס עסן בעסער ווי ערגעץ אַנדערש-ווו. מען לויבט אונדז אין שטאָט און כיהאָף, אַז איר וועט זיין צו-פרידן". צום סוף האָט זי צוגעגעבן: „כיוויל האָפן, אַז פונקט אַזוי ווי סאָפיאַ איז צופרידן מיט אייער לערנען איר חיהלען, וועלן מיר און אונדזערע קינדער אויך זיין צופרידן".

לייבל האָט זיך שוין געהאַט אויפגעשטעלט פונעם בענקל, ווען ס'עפנט זיך די טיר און ס'קומט אַריין דער בעל-הבית אַליין, זלמן שעכטער. זיי האָבן זיך באַקענט און ס'האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ סעריע פראַגעס אויף וועלכע לייבל האָט געדאַרפט ענטפערן. ליאַ האָט זלמנען געזאָגט, אַז זיי האָבן שוין וועגן אַלעמען זיך צונויפגערעדט, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „זאָל זיין מיט מזל און מיט ברכה. אויב מיר וועלן זיין צופרידן, וועט איר נאָכמער זיין צופרידן פונעם געהאַלט, וואָס מיר וועלן אייך צאָלן."

זלמן איז געווען עטוואָס נידעריקער פון ליאַן, זייער אַ פלינקער. אין זיינע אויגן און אין זיין רעדן, האָט מען געזען, אַז דער מענטש איז פול מיט ענערגיע. ער רעדט זיך אויס שיין, בפירוש און דייטלעך. נישט אומזיסט האָט ער געמאַכט אַזויפיל געלט און איז אָנגעזען אין שטאָט. זיין ליאַ איז אויך נישט פון די „צוויי פאַר אַ גראָשן". ווען ער איז נישטאָ, איז זי די גאַנצע אויטאָריטעט ביי די אָנגעשטעלטע און טאַקע ביי די קונים אויך.

דער רעסטאָראַן איז געשטאַנען אין אַ קאָכיק ווינקל פון צוויי גאַסן -- „סטעפאַן דער גרויסער" און „קאַסטאַקי נעגרי". קיינער האָט נישט געקענט פאַרבייגיין דעם ווינקל, ער זאָל נישט זען די שיינע רעקלאַמע פון רעסטאָראַן. עס זיינען אפילו געווען פיל קונים אויפן רעסטאָראַן, געוואָלט באַצאָלן וויפל ער וויל, כדי צו קענען לייגן זייערע הענט אויף דעם

געשעפט. . . זלמן האָט געטענהט, אַז אַזוי לאַנג ווי ער איז נאָך בכוח אים צו פירן, טרעט ער נישט אָפּ פון געשעפט. דאָס ריינקייט האָט געשימערט פון יעדן ווינקל. אויף די ווענט זיינען געהאָנגען פּאָרטרעטן פון גרויסע לייט, געצייכנט פון גרויסע מאָלער. דאָס האָט אַרויסגערופן אַן אָפּשיי ביי די פּאַר-ברויכערס. חוץ דעם האָט מען קיין סך צייט נישט פאַרלוירן, ווען מ׳איז אַהין געקומען אָפּעסן. מיטאָג צייט זיינען געווען אין רעזערוו נאָך אָנגעשטעלטע באַדינערס, אַז ס׳זאָל זיך נישט פאָרמירן קיין לאַנגע ריי. אַרום זיינען געווען פענצטער אין ביידע זייטן פונעם ווינקל, דורך וועלכע די זון פלעגט אַריינ-שיינען. יעדער קליענט האָט געקענט אַרויסקוקן אין די צוויי גאַסן. נאָר כדי צו פירן דאָס אַלץ, האָט זלמן נישט געקענט אויסשלאָפן די גאַנצע נאַכט. זעקס אינדערפרי איז ער שוין געווען אויף די פיס און נישט פריער פון צוועלף געגאַנגען שלאָפן. זייער זעלטן זיך צוגעלייגט כאַפּן אַ דרימל בייטאָג. ער איז שוין געווען אַזוי צוגעוווינט. טיילמאָל פלעגט ליאַ איבער-נעמען און ער פלעגט זיך אַוועקלייגן אויף אַ קורצער צייט. אַזוי איז עס שוין אָנגעגאַנגען קנאַפּע 25 יאָר.

גיסי און מיראַ (לייבל האָט זי תיכף אָנגעהויבן רופן מרים), זייערע צוויי טעכטער, האָבן אָנגעהויבן לערנען ביי לייבלען מיט גרויס ענערגיע און איבערגעגעבנקייט. דער עיקר געהאַט אַ גרויסן אינטערעס אין דער העברעישער שפּראַך, ווייל זיי האָבן שוין אָנגעהויבן צו פּלאַנירן אויף דער צוקונפט. זיי פלעגן אים באַווארפן מיט פראַגעס, וועלכע ער פלעגט זיי אויסטייטשן. לייבל האָט בכלל געשמט מיט זיין פּעדאַגאָגישן צוגאַנג צום שילער און דאָס איז געווען אַ גרויסער בייטראָג צום דערפּאָלגרייכן לערנען. אין דריי חדשים פונעם אָנהייבן לערנען, האָט ער מיט זיי גערעדט נאָר עברית, נישט יידיש און נישט רומעניש. זייער ווייניק, וואָס זיי האָבן נישט געוווּסט און אַלץ איבערגעחזרט אין עברית. זיי זיינען געווען זייער צו-פרידן פון דער נייער שפּראַך און גערעדט צווישן זיך נאָר עברית; זיך באַנוצט מיטן ווערטערבוך רומעניש-עברית אויב זיי האָבן עפּעס נישט געוווּסט.

די עלטערן האָבן געשעפּט נחת פון די מיידלעך און דערפאַר לייבלען געצאָלט אַנדערטהאַלבן מאָל אַזויפיל, וויפל ער האָט זיך פאַרגעשטעלט זיי וועלן אים צאָלן. ער פלעגט פּינקטלעך קומען צו דער צייט עסן מיטאָג, געוויינלעך נישט

אין דער צייט פון די „הייסע" שָעהן, ווען דער גרויסער עולם קומט. מען האָט אים שוין געקענט און מיט כבוד אים סער-ווירט. ליאַ האָט אויסגעדריקט איר צופרידנקייט פאַר זַלמנען אוןביידע האָבן געבויט פלענער אויף דער צוקונפט. זיי וועלן אָפּשיקן די טעכטער קיין ארץ-ישראל, ווו זלמנס פעטער וווינט שוין 15 יאָר. ער איז געפאָרן ווי אַ חלוץ און דערנאָך גע-עפנט אַ גרויס געשעפט פון מעבל. ער האַלט אים אין איין שרייבן: „קום, לאָז איבער דיינע געשעפטן. מען קען דאָ אויך לעבן און נישט ערגער ווי דאָרט". נו, ווי קען מען זיך אָבער אַוועקרירן פון אַזאַ געשעפט, פלעגט זלמן טענהן. אַוועקוואַרפן אַלץ און פאָרן זוכן. ווען די מיידלעך וועלן דאָרט זיין, וועט ער אַלץ איבערשיקן און דערנאָך וועלן זיי באַשליסן וואָס צו טאָן.

זלמן און ליאַ זיינען געוואָרן איינגעלאַדן אויף זייער אַ רייכער חתונה ביי זייערס אַ נאָענטן פריינד, אויך נישט קיין קבצן. זיי האָבן חתונה געמאַכט זייער בן-יחיד, וועלכער האָט גענומען אַ כלה פון גאָר אַ גרויסן יחוס. ס'איז געווען אַ זייער פריילעכע, גרויסאַרטיקע חתונה, וואָס האָט געמאַכט אַ רושם אין שטאָט. דעם חתנס פאָטער איז געווען דירעקטאָר פון דער באַנק „נאַציאָנאַל ראמענעסק", די צענטראַלע רומענישע באַנק. צו אים פלעגן יעדעס מאָל אָנקומען אַלע געשעפטן-אייגנטימער. טראָץ דעם וואָס ער האָט פאַרנומען אַזאַ גרויסן פּאָסטן, און צווישן סאַמע גויִם. האָט ער זיך געפירט יידיש און געמאַכט טאַקע אַ יידישע, רייכע חתונה. דער גרעסטער טייל פון די איינגעלאַדענע געסט זיינען געווען יידן. אויף דער חתונה איז די מערהייט געווען רייכע מענטשן און אָנגעשטעלטע רייכע קריסטן.

אויף אַזאַ חתונה, ווען צוויי רייכע באַגעגענען זיך, שטעלט מען זיך אויס, מען באַרימט זיך. יעדער דערוויסט, אַז זיין פאַרמעגן איז אַ דאַנק זיין קלוגשאַפט, זיין קענטעניש אין דעם פאַך. די פרויען פאַרמעסטן זיך מיט זייערע קליידער, ווו און ביי וועמען גענייט; ווו מען האָט עפּעס געקויפט; אין וועלכן קוראָרט זיי טראַכטן צו פאָרן זיך אָפּרוען. טיילמאָל רעדט מען זיך צונויף, צו פאָרן צוזאַמען, און נאָך אַזעלכע געשפּרעכן.

האָט זיך דאָ ליאַ געטראָפן מיט איר שוועסטערקינד, פאַניע גאָלדמאַן. זיי האָבן זיך דערפרייט, ווייל זיי האָבן זיך

שוין לאַנג נישט געזען. יענע זיינען אויך געוואָרן איינגעלאַדן צו דער חתונה און געהערן אויך צו דער רייכער געזעלשאַפט. מאיר גאָלדמאַן, איר מאַן, איז אין דער באַנק פּאַרעכנט ווי אַ וויכטיקער קליענט, וואָס מאַכט גרויסע געשעפטן.

האָבן ליאַ מיט פאַניען זיך צערעדט וועגן אַלעמען, ביז זיי זיינען אַרויפגעקומען אויף דער טעמע פון די קינדער. צווישן אַנדערן דערציילט ליאַ, אַז זיי האָבן צו די צוויי מיידלעך צוגענומען זייער אַן אויסגעצייכנטן לערער. „שטעלט אייך פאָר", זאָגט ליאַ, „אַז אין משך פון דריי חדשים רעדן שוין די מיידלעך העברעיִש. זיי רעדן און מיר זיצן און קוועלן פון זיי. זיי קענען אונדז שוין פאַרקויפן. אויב זיי ווילן, אַז מיר זאָלן עפּעס נישט וויסן, צערעדן זיי זיך אויף עברית". זאָגט פאַניע: „אפשר וואָלטן מיר אונדזער תכשיט אויך געגעבן צו דעם לערער, ער זאָל מיט אים לערנען. מיר האָבן געהאַלטן פאַר אים אַ מיידל, איז ער איר געשפּרינגען אויפן קאָפּ; נישט איינגעזעסן, גערעדט, געזונגען אין מיטן לערנען. דאָס מיידל האָט דאָס נישט געקענט איבערטראָגן. איר ווייסט דאָך, אַז ער איז ביי אונדז אַן איין-און-איינציקער, אַ בן-יחיד, מיינט ער, אַז ביי די לערערס איז ער אויך אַן איין-און-איינציקער. אפשר ביי אַ לערער, אַ מאַן, וואָלט ער זיך איינגעשטילט. נאָר גאָט האָט אייך צוגעשיקט. גיט אים מיין אַדרעס. זאָל ער קומען צו אונדז, און מיר וועלן זיך אַדורכרעדן." ליאַ האָט איר צוגעזאָגט צו שיקן דעם לערער, כאָטש זיי ווינען אַזוי וייט. פאַניע בעט נאָך אַמאָל נישט צו פאַרגעסן צו שיקן דעם לערער און ליאַ זאָגט איר צו.

לייבל קומט אויף דער לעקציע מיט גיסין און מרימען. ער לערנט מיט זיי אַנדערטהאַלבן שעה. אַזוי האָט מען זיך צו-נויפגערעדט פונעם ערשטן טאָג אָן. קומט אַריין ליאַ און בעט אים צו קומען אין איר צימער נאָכן לערנען. לייבל האָט אָנ-געהויבן טראַכטן, וואָס קען זי וועלן פון אים? אפשר אויפהערן לערנען? . . . זיי זיינען דאָך זייער צופרידן פון אים. אפשר מאַכן אים עפּעס אַ באַמערקונג? געענדיקט דאָס לערנען, גייט ער אַריין צו ליאַן. זי הייסט אים זיצן און זי באַמערקט, אַז ער איז צעטראָגן. זאָגט זי צו אים: „גאָרנישט קיין שלעכטס, מיר דאַנקען אייך זייער, וואָס אונדזערע קינדער זיינען דער-פרייט אין זייער לערנען און רעדן אַזוי גוט עברית. איך און מיין מאַן שעפּן נחת דערפון". זי דערציילט אים די

געשיכטע, ווי זי האָט זיך געטראָפן מיט איר שוועסטערקינד אויף דער חתונה און יענע האָט זי געבעטן צוצושיקן צו זיי דעם לערער, ער זאָל אָננעמען דאָס יינגל צו לערנען מיט אים. זי האָט לייבלען וועגן יינגל גאָרנישט דערציילט. זי האָט אויסגעלויבט די עלטערן אין טאָג אַריין – פיינע, לייטישע מענטשן, רייכע, זיי וועלן אים גוט באַצאָלן. זי גיט אים דעם אַדרעס. ער גיט אַ קוק, עס איז אַזוי ווייט. „נשקשה", זאָגט ליאַ, „זי האָט מיר געזאָגט, אַז אַחוץ דעם געהאַלט וועט איר באַקומען אַ ביסל מער געלט אויף טראַנספּאָרט הוצאות.

מאיר גאָלדמאַן איז אַ בעל-הבית פון זייער אַ גרויסער אונטערנעמונג פון האָלצוואַרג. גענוג צו זאָגן, אַז ער איז נאָר איינער אַזעלכער אין יאַס. ער פאַרנעמט אַ שטח פון עטלעכע העקטאַר אין וועלכע סיקומען אַריין וואַגאָנען, וואָס ברענגען דריקעס און פירן אַרויס פאַרטיקע ברעטער איבער דער ברייטער וועלט. פון די דריקעס ווערן ברעטער. פון די ברעטער ווערן אויסגעאַרבעט פאַרשיידענע זאַכן און אויך מעבל. אין יאַס ווייסט מען נישט פון קיין אַנדערן אַדרעס, וואָס אָנבאַלאַנגט צו האָלצוואַרג, ווי נאָר די פירמע „גאָלדמאַן עט קאָמפּאַני". אָבער דער פּלאַץ איז אין אַנדערן עק שטאָט און אַהין דאַרף מען פאָרן 35-40 מינוטן. זייער אַ גוטע לופט דאָרט.

מאיר גאָלדמאַן איז אַ נישט-צו-הויך יידל, אַ פלינקער און האָט שכל אין זיין פאַרדעקט קעפּל. ער איז שטענדיק פיין געקליידט, פריש ראַזירט און האָט קיינמאָל קיין צייט נישט. דרייט מיטן קאָפּ אַהין און צוריק אין אַלע זייטן. דאָס זאָגט מען, איז אים פאַרבליבן נאָך פון יינגלווייז. ווען ער איז געווען אַ יינגל פון 17 יאָר האָט ער שוין געאַרבעט אין אַ פאַבריק אין דניעפּר פּעטראָווסק. ער איז געווען אַ ברייט-פּלייציקער, געזונטער בחור. די שקצים האָבן געוווסט, אַז מיט אים איז נישט כדאי זיך צו פאַרטשעפּען. ער האָט געהאַט אַ האַנט, אַן אויסגעקלאַפּטע, אַ שווערע, און האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט, נישט באַרויִקט, ביז ער האָט נישט אָפּגעגעבן יענעם דעם חוב, פאַר אַ באַליידיקונג.

האָט אַמאָל אַ שייגעץ באַליידיקט אַן עלטערן ייד, חוזק געמאַכט פון אים און אָנגעהויבן אים שלאָגן. אין דרויסן איז געווען צווישן טאָג און נאַכט, ס'האָט אָנגעהויבן צו ווערן טונקל, עס איז קיינער נישט געווען. דאָס האָט מאירן פאַר-

דראָסן. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום שייגעץ און מיט איין קלאַפּ אים אַוועקגעלייגט, אַז יענער האָט זיך נישט געקענט רירן. פאַר מאירן איז דאָס געווען ווייניק. האָט ער דעם שייגעץ מיט די פיס געטראָטן, ביז ער האָט אים אינגאַנצן פאַרענדיקט.

מאיר האָט פאַרשטאַנען, אַז מען וועט אים זוכן. ער איז געווען אַ גוטער שווימער, איז ער אַריין אין דניעפּר און אַוועק. ער האָט זיך דערשלאָגן צום דניעסטר, איז אַריבער קיין בעסאַראַביע, אַוועק צום פּרוט און איבערגעשווימען קיין יאַס. ער האָט געאַרבעט ווי אַ טרעגער אויפן וואָקזאַל און ביי אַנדערע שווערע אַרבעטן, ביז ער איז אַריין אַרבעטן אין אַ האָלצוואַרג פאַבריק. דער בעל-הבית האָט אים געהאָלפן מיט געלט, ער זאָל זיך קענען מאַכן דאָקומענטן, ווי אַ רומענישער בירגער. ווען דער בעל-הבית איז קראַנק געוואָרן, האָט מאיר חתונה געהאַט מיט זיין טאָכטער, פאַניע, איבערגענומען די פאַבריק און געוואָרן אַן עושר. זיינע עלטערן האָט געקאָסט אַ סך געזונט, מי און געלט צו הערן פון זייער זון. ביז שוין אַ לאַנגער צייט שפּעטער האָט ער זיי אַלץ אַרויסגעשריבן וועגן זיך.

ווען לייבל איז געקומען צו פאָרן אויפן אָנגעוויזענעם אַדרעס, איז מאיר נישט געווען אין דער היים. פאַניע האָט אים זייער פיין אויפגענומען, אפילו געשטעלט טיי, וואָס די דינסט האָט צוגעטראָגן מיט וואַרעניע און געבעקס. דערנאָך האָט זי געשיקט אַריינצורופן איר זון. יענער איז אַריינגעקומען, זיך אַ שטעל געטאָן ביי דער טיר, מיט איין פוס פאָרויס, אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ און געפרעגט: „וואָס דאַרפסטו מיך האָבן?". „קום אַריין, יאָסעלע", זאָגט פאַניע, צוגייענדיק צו אים און אויסגעגלייכט זיינע צעפלאָנטערטע, נישט-פאַרקעמטע האָר. „קום אַריין, זעץ זיך אַוועק". לייבל העלפט פאַניען און זאָגט: „קום אַהער, מיוועט דיך נישט טשעפּען". „וואָס האָט איר מיך צו טשעפּען? כ'האָב אייך עפּעס געטאָן?", ענטפערט דאָס יינגל ווילינגעריש. „איר הערט", זאָגט פאַניע, „איר הערט דיבורים?" יאָסל איז געווען אַ קלוג יינגל, נאָר אַ שאָלטיק, אין גאַנצן געראָטן אין זיין טאַטן. אויב פאַניע פלעגט אים פאַרקלאָגן פאַרן פאָטער, פלעגט מאיר זאָגן: „נישקשה, אַ יינגל איז אַ מאַנספּאַרשוין, ער דאַרף נישט זיין קיין שמאַטע, קיין מורא-דיקער. ווען ער וועט אויסוואַקסן, וועלן מיר זען, וואָס פון

איך נאָר". פאַניע טענהט, אַז לערנען דאַרף ער. „נישקשה", זאָגט מאיר. „מען דאַרף פאַר אים דינגען אַ גוטן לערער, אַ מאַנספּאַרשוין, נישט קיין מיידל. זי איז טאַקע גע-ווען אַ גוטע לערערין, נאָר אַ שוואַכע פּעדאַגאָגין. ביי אַ גוטן לערער וועט ער לערנען, ער ווערט דאָך עלטער און איז נישט קיין נאַר".

יאָסקע האָט זיך אַוועקגעזעצט. לייבל דערלאַנגט אים די האַנט און זאָגט: „דו הייסט יאָסל, יאָ? . . . זאָג מיר, יאָסקע, מיר וועלן לערנען? . . . כּמיין אַז יאָ! . . . מיר וועלן זיך אויסלערנען עברית, אַז אַלע וועלן אונדז מקנא זיין. ווי טראַכסטו?". . . יאָסלען איז שוין געפעלן געוואָרן דער גע-שפּרעך. „אוודאי", זאָגט ער, „וועלן מיר לערנען". פאַניע האָט זיך צוגעהערט און באַוווּנדערט ווי אַזוי זיי רעדן. יאָסל זאָל אַזוי שטיל איינזיצן? דאָס איז נישט געהערט געוואָרן. „ווען-זשע הייבן מיר אָן?", פרעגט יאָסקע. „פון מאָרגן, יינגעלע", טוט אים לייבל אַ גלעט איבערן קאָפּ. „מאָרגן. דו פאַרשטייסט מיך?". . . „יאָ, איר רעדט דאָך רומעניש". „אין אַ חודש אַרום וועלן מיר רעדן עברית". „כּיוויל טאַקע קענען עברית", זאָגט יאָסקע. פאַניע איז געווען גרייט שוין אויסצוזוכן מאירן, כּדי ער זאָל הערן דעם געשפּרעך פונעם לערער מיט יאָסקען, ווי זיי וואָלטן זיך געקענט שוין פון לאַנג. יאָסקע פאַרלאָזט דאָס צימער זאָגנדיק: „הייסט עס, מאָרגן איינס אַזייגער".

פאַניע האָט לייבלען געגעבן אַ שטענדיקן בילעט צו פאָרן אומעטום און זאָגט אים, אַז דאָס גייט נישט אַריין אין חשבון פונעם געהאַלט. „אויב מיר וועלן זיין צופרידן, וועט איר אויך זיין צופרידן. ביי אונדז איז דאָס איין קינד, ווי די אויגן אין קאָפּ. פאַר אים איז ביי אונדז גאָרנישט צו טייער".

לייבל האָט צומאָרגנס אָנגעהויבן געבן די לעקציעס און יאָסקע האָט שוין געוואַרט אויפן לערער. דאָס אַליין איז שוין געווען אַ דערגרייכונג, ווייל פריער האָט מען אים געמוזט זוכן ער זאָל קומען לערנען. לייבל האָט די ערשטע טעג נאָר געשמועסט מיט יאָסקען, אויף טעמעס, וואָס זיינען דעם יינגל געפעלן געוואָרן. אַ יינגל דאַרף קענען ענטפערן, נישט זיין פאַר-שלאָפן און וויסן וואָס צו רעדן. ער האָט אים דערציילט עט-לעכע מעשיות און דערנאָך איבערגעגאַנגען צו דער העברעישער שפּראַך. ער האָט אים געגעבן צוצוגרייטן אַ לעקציע אין דער היים. ביים אַוועקגיין האָט לייבל אים געגעבן די האַנט און

געזאָגט: „מאָרגן, ווען כ׳וועל קומען, זאָלסטו מיר ווייזן ווי דו האָסט אַלץ געמאַכט". „כ׳וועל אַלץ מאַכן, אדוני המורה", האָט יאָסקע געענטפערט. אויף צומאָרגנס איז טאַקע אַלץ געווען געמאַכט.

פאַניע האָט נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס ס׳איז מיט דעם קינד געוואָרן. ביז ער מאַכט נישט די לעקציעס, עסט ער נישט און ווייזט נישט זיין פּנים אין דרויסן. יאָסקע זאָגט דער מוטער: „כ׳וועל מאַכן די לעקציעס און דערנאָך עסן". זי האָט דאָס דערציילט מאירן. „כ׳האָב דיר געזאָגט, אַז ער דאַרף אַ גוטן לערער, מיט אַ גוטן צוגאַנג, וועט ער לערנען. ער איז דאָך נישט קיין נאַר", האָט מאיר געזאָגט מיט צופרידנקייט, אַז זיינע פריערדיקע ווערטער זיינען געוואָרן אמתדיק.

לייבל האָט שוין געהאַט זיין פּראָגראַם פאַרצייכנט, ווו און ווען ער דאַרף לערנען. ער האָט פאַרדינט זייער גוט. ער האָט איינמאָל אויסגערעכנט וויפל ער פאַרדינט, האָט ער גע-טראַכט, אַז ער איז נישט זיכער אויב אַ פּראָפעסאָר אין אוני-ווערסיטעט פאַרדינט אַזוי פיל ווי ער. יעדעס מאָל, ביים סוף חודש, ווען ער קומט אַריין, ליגט שוין דער געהאַלט אויפן טיש. די קינדער אומעטום מאַכן גרויסע דערגרייכונגען. לייבל אַליין האָט פאַרגעניגן פונעם לערנען. ער האָט ליב די יידישע קינדערלעך, מיט די יידישע חכמות, מיטן יידישן שמייכל, מיט כבוד פאַר אים. עס איז נאָך נישט געווען נויטיק אפילו אַ געשריי צו טאָן אויף אַ קינד. ער האָט אויך באַקומען כבוד פון די עלטערן, און געגונג פרייע צייט צו גיין אויף פאַרשיי-דענע אונטערנעמונגען, טעאַטער און קינאָ. וואָס נאָך דאַרף אַ לעבעדיקער באַוווסטזיניקער מענטש האָבן אין זיין טאָג-טעג-לעכן לעבן? ער באַטראַכט אַלץ און דאַנקט דעם אויבערשטן, וואָס פירט אים אויפן גלייכן וועג.

ער האָט זיך פאַרנומען אַ ביסל מער מיט לייענען, מיט שרייבן פּאָעמעס, דערציילונגען. ער האָט געשריבן אין יידיש, רומעניש און העברעיִש. נאָך דער לעצטער לעקציע, ווו ער דאַרף פאַרלירן קנאַפּע צוויי שעה אויף פאָרן אַהין און צוריק, און אַ שעה אויף לערנען, איז אים געבליבן ווייניקער צייט. נאָר ער פלעגט זיך אויסרעדן, אַז ווען ער האָט אַ סך צייט און האָט נישט פון וואָס צו לעבן, וואָלט געווען בעסער?. . . טייל מאָל פלעגן די בעלי-בתים, אָדער זייערע פרויען, אים פאַר-האַלטן מיט אַ געשפּרעך, זאָגנדיק: „זיצט אַ ביסל, איר וועט

אַלץ ערליידיקן. זאָלן מיר כאַפּן אַ וואָרט". פאַרשטענדלעך, אַז אַזעלכע רייכע מענטשן, ווען זיי זאָלן זיין גלייכגילטיק, וואָלטן זיי אים נישט פאַרהאַלטן. די פרוי טראָגט צו פריש געבעקס, דער בעל־הבית גיסט אָן אַ ביסל פונעם טייערן שנאַפּס, וואָס לייבל פאַרגינט זיך קיינמאָל נישט אַזעלכעס צו קויפן, איז אוודאי אָנגענעם און ס'איז אַ צוגאָב צו דער גוטער באַהאַנד־לונג, וואָס ער באַקומט.

לייבל איז נישט געווען פון די רעדעוודיקע, וואָס יע־דער האָט אַלץ געוווּסט וועגן אים. ער איז נאָך נישט געווען קיין עושר, נאָר פיל בעסער ווי ס'איז געווען פריער. שוין די איצטיקע מאַטעריעלע לאַגע און דאָס געפינען זיך אין אַזאַ גרויסער שטאָט ווי יאַס, איז שוין געווען אַ דערגרייכונג פאַר זיך אַליין. ער שרייבט אַ בריוו צום פּאָטער און באַשרייבט אַ טייל פון זיין לעבן. זיין פּאָטער פלעגט איצט קומען אָפטער קיין יאַס צוליב זיינע געשעפטן, נאָר ער האָט נישט געוווּסט ווו זיין זון געפינט זיך.

אין אַ געוויסן טאָג איז לייבלס פּאָטער געקומען קיין יאַס וועגן זיינע געשעפטן. וויסנדיק איצט דעם אַדרעס פון דעם בריוו, וואָס ער האָט דערהאַלטן פון זיין זון, איז ער דאָרט צוגעגאַנגען און, ווי אַ גוטע האַנדלונג פון זיין זייט, אַרויסגענומען זיין זון אין אַ גרויסן און שיינעם רעסטאָראַן – צו זלמן שעכטער. דאָרטן האָט מען זיי סערווירט דאָס בעסטע, וואָס זיי האָבן באַשטעלט און אַ ביסל משקה. פלוצים קומט אַריין ליאַ און דערזעט לייבלען. זי איז צוגעגאַנגען צום טיש און לייבל האָט זי באַקענט מיטן פּאָטער, וועלכער איז איר זייער געפעלן געוואָרן. זי האָט מיט זיי גערעדט אַ ביסל און איז אַוועק. פּאָטער און זון זיינען נאָך געזעסן אַ ביסל לענגער. נאָכן פאַרענדיקן דעם מאָלצייט, רופט דער פּאָטער צו דעם קעלנער און הייסט זיך געבן דעם חשבון צו באַצאָלן. „אַנטשולדיקט מיר", זאָגט דער קעלנער, „כ'האָב באַקומען אַ באַפעל נישט צו נעמען ביי דעם טיש קיין אָפּצאָל". דער פּאָ־טער האָט דאָס נישט פאַרשטאַנען, וואָס עפּעס פלוצים?. . . לייבל האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה ווי אַלץ צו דער־ציילן זיין טאַטן. קיין סך צייט האָט דער פּאָטער נישט גע־האַט זיך צו פאַרנעמען מיט זיין זון. ער האָט אים איבערגע־לאָזט אַ ביסל קליין געלט און זיך מיט אים געזעגנט. לייבל האָט דאָס געלט נישט באַדאַרפט, ער האָט געהאַט גענוג, נאָר

אַז אַ פּאָטער גיט, דאַרף מען נעמען. ער ווייסט דאָך נישט, וואָס מאָרגן וועט זיין, ווי דער מוח האָט אים געזאָגט, אַז זיין ווילטעטיקייט איז נישט אויף אייביק.

זיין בעל-הביתטע האָט זיך זייער וואַרעם באַצויגן צו אים, נאָר לייבל האָט איר נישט דערציילט אַלע דעטאַלן פון זיין פינאַנציעלער סיטואַציע. זי פלעגט אים פרעגן, וואָס עס הערט זיך ביי אים? צי נויטיקט ער זיך נישט אין קיין הילף? פלעגט ער איר ענטפערן: „כ'פאַרדין מיר צוביסלעך, אַ פּאָר לעקציעס". דאָס צימער איז אַזוי געשטאַנען האַלב-ליידיק, נאָר דאָס בעטל, אַ טיש מיט צוויי בענקלעך. ער האָט געקלערט וועגן קויפן אַ פּאָר שטיקלעך מעבל, האָט ער עס כסדר אָפּ-געלייגט אויף שפּעטער. ער האָט זיך געקויפט אַ מאַנטל, אַריינ-געקלאַפּט אַ טשוועקל אין דער וואַנט און עס אויפגעהאָנגען. די וועש האָט ער געוואַשן אין אַ וועשעריי, און אַזוי האָט ער געפירט אַ לעבן פון אַן איינזאַמען מענטש, אַליין מיט זיך.

חברים האָבן זיך ביי אים געמערט פון אַלע סאָרטן, אָבער ער האָט זיי קיינמאָל נישט איינגעלאַדן צו זיך. זיי האָבן אפילו נישט געוווּסט זיין אַדרעס. יענע האָבן באַלאַנגט צו פאַרשיידענע פּאַרטייען, גרופּירונגען, און ער האָט זיך נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין אַזעלכע זאַכן. דאָס איינציקע, וואָס ס'פלעגט אים יאָ אינטערעסירן, איז געווען די נייעסן וועגן ארץ ישראל, ווו יידן ווילן בויען אַן אייגענע היים מיט אַלע פעלקער גלייך.

איינמאָל גייט לייבל אין פּאַרק אַריין צו כאַפּן פרישע לופט. דאָרט זיצט אַ גאַנצע גרופּע יונגע מענטשן, יינגלעך און מיידלעך. זיי האָבן ליב צו דיסקוטירן אויף פאַרשיידענע טעמעס, אַריינגערעכנט ליטעראַטור און קונסט. ווען זיי האָבן דערזען לייבלען איז געוואָרן אַ געשריי: „אָט איז ער דאָ! קום אַהער, עפּעס ביזטו שטענדיק פאַרנומען. מען זעט דיך אַזוי ווייניק". לייבל האָט זיך צוגעזעצט. איינער פון זיי, לייבלס אַ גוטער פריינד, רופט זיך אָן: „חברה, ער וווינט איינער אַליין אין אַ גרויס צימער. מיר קענען דאָרט פאַרברענגען אַן אָוונט". לייבלען איז גאָרנישט געבליבן צו ענטפערן. אַלע שרייען: „אוודאי, פאַרוואָס נישט? . . . מיר וועלן ברענגען, יעדער וואָס ער פאַרשטייט". זאָגט לייבל: „זאָל זיין אַזוי, חברה. נאָר איר דאַרפט וויסן, אַז איך פאַרמאָג נאָר איין טישל און צוויי בענקלעך, אָבער אַ פּאָדלאָגע איז דאָ אַ גרויסע, וועלן מיר

האָבן ווו צו זיצן". „גוט", שרייען אַלע מיט איין קול. „מאָרגן זעקס אין אָוונט וועלן מיר זיין ביי דיר. דו דאַרפסט גאָרנישט צוגרייטן. מיר וועלן אַלץ ברענגען".

שפּעטער דערציילט לייבל דער בעל־הביתטע, אַז מאָרגן אָוונט וועלן קומען צו אים אַ צאָל חברים און חברות צו פאַרברענגען אין זיין צימער. „נו, גוט", זאָגט זי. „פאַרוואָס נישט? יונגע חברה -- פאַרברענגט". צומאָרגנס אין אָוונט קומען זיי זיך צונויף אין זיין צימער. זיי ברענגען מיט זיך עסנוואַרג און פלעשלעך געטראַנק, אָבער אָן אַלקאָהאָל. מען זעצט זיך אויפן דיל, יינגלעך און מיידלעך, אַרום אַכצן אין צאָל. מען זיצט, מען עסט מיט די הענט, מען טרינקט פון די פלעשער. די געלעכטערס גייען ביזן זיבעטן הימעל. מען דערציילט אַנעקדאָטן, וויצן, מען זינגט און עס איז פריילעך.

ווידער צרות פון קאָמוניזם

אין בוקאַרעסטער פּאַרלאַמענט, ווי אין אַ דעמאָקראַ-טישער מלוכה, האָבן זיך אָפּט געהערט קעגנזייטיקע מיינונגען. ס'האָט אפילו אַמאָל דערגרייכט צום וואַרפן בענקלעך אין קאָפּ אַריין. וואָס עס האָט פּאַסירט אין דער נאַכט איז נישט געווען צום גלויבן. דער פּרעמיער מיניסטער טאַטורעסקו איז דערשאָסן געוואָרן צום טויט, גלייךביים אַרויסגיין פון זיין פּייעטאָן. דאָס גאַנצע לאַנד איז דערציטערט געוואָרן. איבערן גאַנצן לאַנד איז פּובליצירט געוואָרן אַ מיליטערישער צושטאַנד. קיינער האָט נישט קיין רעכט צו זיין אויף דער גאַס נאָך ניין אַזייגער. טעאַטער, קינאָ אָדער אַנדערע פאַרוויילונגען זיינען שטרענג פאַרווערט געוואָרן. ווער ס'וועט נישט אָפּהיטן דעם געזעץ וועט באַשטראָפט ווערן אויף אַ האַרבן אופן.

די חברה אין לייבלס צימער האָט דערפון נישט גע-ווּסט. זיי האָבן זייער גוט פאַרברענגט ביז צוויי אַזייגער פאַר-טאָג. נישט שיכור, נאָר אין אַ זייער געהויבענער שטימונג, זיינען זיי אַרויסגעגאַנגען פון דעם געסל אויף דער צענטראַלער גאַס, אַנטקעגן יאַסער פּאַרלאַמענט. די כאַליאַסטרע שלעפּט מיט לייבלען ער זאָל זיי באַגלייטן אַ שטיקל וועג. זיי זינגען אויף דער גאַס און זייערע קולות הערן זיך ווייט אַוועק. דאָ האָט זיך תיכף געיאַוועט פּאָליציי און רייטערס און פאַרנומען אַלעמען אין דער פּאָליציי. לייבל טענהט, אַז ער וווינט דאָ און איז בלויז געגאַנגען זיי באַגלייטן. ס'האָט גאָרנישט גע-האָלפן. מ'האָט זיי אַלע פאַרמאַכט און זיי, ווי יונגע זאָרגלאָזע מענטשן, הערן נישט אויף צו זינגען.

אויפן צווייטן טאָג האָט מען איינציקווייז גענומען זיי אויספאָרשן. מ'האָט זיי באַשולדיקט אין קאָמוניזם, אַז זיי

זײַנען קאָמוניסטישע אַגענטן. מיהאָט יעדן גוט צעשלאָגן, ווײַל אין רומעניע האָט די פּאָליצײַ געמעגט שלאָגן אַרעסטירטע, כּדי בײַ זײ אַרויסצוקריגן דעם אמת. אַזוי איז אָנגעגאַנגען זעקס טעג, ביז מען האָט זיך איבערצײַיגט, אַז ס'איז נישט קײן קאָ-מוניסטישע גרופּע. צווישן זײ זײַנען אויך געווען קינדער פון רײַכע עלטערן, וועלכע האָבן אינטערווענירט בײַ באַקאַנטע מלוכה-מענטשן, וואָס זײ האָבן געקענט. מען האָט בײַ די יונגע מענטשן אַראָפּגענומען אָפּצוגן פון די פינגער, געשריבן פּראָטאָ-קאָלן, און געוואָרנט, אַז אויב ס'וועט זיך איבערחזרן, וועט מען זײ שיקן גלײַך אין דער תּפיסה. אין רומעניע איז גאָר-נישט געווען מער שרעקלעך, ווי דער קאָמוניזם. ערשטנס, ווײַל ער איז געווען אויסערן געזעץ; און צווייטנס, ס'איז נאָענט בײַ דער גרענעץ מיט רוסלאַנד.

די רײַכע יידן האָבן זײער פײַנט געהאַט דעם קאָמו-ניזם, אפילו מער ווי דעם אַנטיסעמיטיזם. . . ווען די יאַסער יידישע געזעלשאַפט האָט זיך דערוווּסט, אַז מען האָט אַרעס-טירט אַכצן יידישע ייִנגלעך און מײדלעך אויפן חשד פון קאָ-מוניזם, זײַנען זײ דערשיטערט געוואָרן. נאָך איידער לײבל איז געקומען אויף די לעקציעס צו זײַנע שילער, האָבן די עלטערן באַשטימט, אַז ער איז אַ קאָמוניסט. ער איז טאַקע אַ גוטער לערער, אַ פײַנער בחור, אָבער אַ קאָמוניסט זאָל לערנען זײערע קינדער, בשום אופן נישט. עס האָט נישט געהאָלפן, וואָס די פּאָליצײַ אַליין האָט באַוויזן, אַז זײ זײַנען נישט קײן קאָמו-ניסטן. אַזוי האָבן אַלע דרײַ רײַכע בעלי-בתּים באַשלאָסן. זײַן בעל-הביתטע האָט אפילו דערציילט, אַז די עלטערן פון די קינ-דער זײַנען געקומען אים זוכן, אפשר איז ער קראַנק געוואָרן. די בעל-הביתטע האָט זײ דערציילט וועגן דעם פאַרברענגען פונעם יונגוואַרג אין זײַן צימער. האָבן די בעלי-בתּים באַ-שלאָסן, אַז ווען ער וועט קומען, זאָל אויפן טיש ליגן וויפל עס קומט אים און גלײַך אים זאָגן, אַז ווי אַ קאָמוניסט קען ער מער נישט לערנען מיט זײערע קינדער.

אַזוי איז עס טאַקע געווען. פון אָנהייב האָט ער גע-טראַכט, אַז אויב אײנער וועט זיך אַזוי אַרויסזאָגן, זאָל ער צו די אַנדערע נישט גײן. דערנאָך האָט ער אַנדערש געטראַכט. ערשטנס, ווײַל ער זײ נישט שענקען זײַן אויסגעהאָרעוועטע געלט; און צווייטנס, אפשר וועט כאָטש אײנער בײַטן זײַן מײ-נונג. נײן! אַלע ווי אײנער, אײן באַשטימונג.

לייבל פאָרט קיין בעלץ

לייבל איז געבליבן אָן אַרבעט, אָן לערנען, נאָך אַריינ־געכאַפּט גוטע קלעפּ אומזיסט. . . אפילו די בעל־הביתטע האָט געוואָלט פון אים וויסן, גלייך מיט די אַנדערע, צי איז ער טאַקע אַ קאָמוניסט? ער האָט זי געפּרוּווט איבערצייגן, אַז נישט, אָבער זי איז געבליבן ביי אירס. אירע באַציִונגען צו אים זיינען שוין אויך נישט געווען ווי פריער.

לייבל האָט געזען, אַז אין יאַס האָט ער שוין מער נישט וואָס צו טאָן און ער דאַרף אַוועקפאָרן כָּל זמן ער האָט נאָך אַ ביסל געלט. נאָר וואַהין פאָרט מען?. . . ער גיט אַ מאַך מיט די הענט -- די וועלט איז גרויס. . . אַזוי איז עס געווען אין קישענעוו. נישט זייענדיק קיין קאָמוניסט, האָט ער געליטן צרות דערפון. דאָ אין יאַס די זעלבע זאַך -- נישט זייענדיק קיין קאָמוניסט, געליטן די זעלבע צרות. לאָמיר זען, וואָס עס וועט ווייטער זיין. ער האָט די האָפענונג קיינמאָל נישט פאַרלוירן, ווי אויך דעם גלויבן, אַז גאָט וועט אים נישט פאַרלאָזן. איין זאַך האָט ער געוווּסט, אַז ער מוז פון יאַס אַוועק און זוכן אַ נייעם פּלאַץ.

ער האָט גענומען דאָס רענצל, געזאָגט אַ גוטן טאָג און אַ דאַנק דער בעל־הביתטע, אַוועק צו דער אייזנבאַן סטאַנציע און געפאָרן קיין בעלץ, אויך נישט קיין קליינע שטאָט -- די צווייטע נאָך קישענעוו. אין וואַגאָן באַגעגנט ער אַ יונגן יידישן בחור, וועלכער איז אַהיימגעפאָרן פון יאַס גאָר אָן אַנטויש־טער. ער האָט אין בעלץ אַ רייכן פאָטער, נאָר אים האָט זיך פאַרגלוסט צו ווערן אַ וועבער אין אַ טעקסטיל פאַבריק. ער וועט דאָס מער שוין קיינמאָל נישט וועלן. אַזוי האָט ער זיך אויסגעדריקט. שמועסענדיק, האָט אים לייבל דערציילט אַ

ביסל וועגן זיין לעבן אין יאַס. ער האָט אים אויך געזאָגט, אַז ער איז אַ לערער, אָבער אין בעלץ קען ער קיינעם נישט. דער בחור האָט אים איינגעלאַדן, ער זאָל צופאָרן מיט אים אַהיים און דאָרט איבערנעכטיקן. מאָרגן וועט מען זיך אַרומקוקן.

לייבל איז געווען אַ גרינגער פּאַסאַזשיר. אַחוץ דעם רענצל, האָט ער געהאַט דעם געקויפטן אין יאַס מאָדערנעם מאַנטל. אויפן צווייטן טאָג אין בעלץ האָט ער געדונגען אַ צימער ביי װעלוול שניידער. זיין פרוי רחל האָט אים אַריינגעפירט און געזאָגט: „אָט האָט איר דאָס צימער -- אַ געלעגער, אַ קאָמאָד, אַ טיש מיט צוויי בענקלעך. מיר וועלן צושטעלן די שאַפע צו אייער טיר. איר וועט נוצן די הינטער-טיר און לעבט זיך געזונטערהייט".

רחל איז געווען אַ הויכע פרוי מיט אַ בלאָנדן קאָפּ האָר, שטענדיק שיין פאַרקעמט, נאָר רעדן האָט זי געמאָלן ווי אַ צעבראָכענע מיל. ס'איז געווען שווער זיך אַרויסצודרייען פון איר און זי נישט אויסהערן. דווקא נישט קיין נאַרישע, נאָר צווישן אַזויפיל רייד האָט מען געקענט הערן אַ נאַריש וואָרט אויך. וועלוול, איר מאַן, פלעגט זיין אייפערזיכטיק, דערנאָך אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: זאָל זי בעבען וויפל זי וויל און מיט וועמען זי וויל. דערזעענדיק לייבלען, אַ יונגן בחור, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „לא מיט אַן אַלף. ווילסט פאַרדינגען, שטעל צו די שאַפע צו דער טיר און זאָל ער גיין און קומען דורך דער הינטער-טיר."

וועלוול איז געווען אַ שניידער, אָבער נישט פון די געהויבענע. ער פלעגט זיצן ביי דער מאַשין און שטענדיק מיט אַ לידל. אַזוי איז ער שוין געוווינט געווען. רחל האָט זיך שוין אויך צוגעוווינט נאָך אַזויפיל יאָרן.

לייבל פלעגט ליגן און אַלץ הערן, אפילו וואָס זיי רעדן צווישן זיך. אָבער אים איז דאָס נישט אָנגעגאַנגען. ער האָט באַדאַרפט אַ פּאָר לעקציעס צו קענען עפּעס פאַרדינען, כדי דאָס אָפּגעשפּאָרטע געלט זאָל זיך נישט צעגיין. לייבל האָט אַ סך געלייענט. ער האָט געוווּסט „אים אין תורה אין קמח", אַז ס'איז נישטאָ קיין תורה איז נישטאָ קיין מעל. אָבער אַז מען איז פאַרביטערט, לייענט זיך נישט. ער ווייסט נישט פון וואַנעט הייבט מען אָן? עס שווינדלט פאַר די אויגן און דאָס גאַנצע לייענען ווערט פאַרשווונדן פונעם מוח. מילא, ווו צו לייגן דעם קאָפּ האָט ער שוין. אָבער דער פאַרדראָס

פון יאַס קען זיך אַזוי גיך נישט פאַרגעסן. ער האָט געהאַט אין זיין האַנט אַזאַ גוט לעבן מיט אַ צוקונפט. נאָכוואָס האָט ער באַדאַרפט די קאַפּעליע. אַז ס'איז באַשערט צרות, קומען זיי אומגעריכט, דו ווייסט אפילו נישט פון וואַנעט זיי קומען. ער ווייסט פון דערפאַרונג, אַז אין יעדער שטאָט איז פאַראַן אַ פּאַרק, ווו מ'כאַפּט פרישע לופט, ווו מען באַגעגנט זיך מיט מענטשן. אפשר וועט עפּעס קומען פון דאָרט?. . .

ס'איז שוין נאָך שבועות. די זון וואַרעמט, די לופט איז פריש, ממש אַ פאַרגעניגן אויף גאָטס וועלט. ער איז אַרויס אויף דער גאַס האָט אים באַגעגנט אַ געשריי: „פרישע בייגל". קויפט ער אַ בייגל און שפּאַנט אַוועק אין פּאַרק. ער זעצט זיך אַוועק אויף אַ באַנק, עס באַהערשט אים אַן אומעט. ער הייבט אָן צו דערמאָנען אַלץ, וואָס ער איז אַדורכגעגאַנגען און פאַרוואָס?. . . ער וויל דאָס אַלץ פאַרגעסן, פאַרהאַלטן, אָפּ-שטעלן, אָבער די געדאַנקען לאָזן אים נישט צורו. אָך, ווען ס'קומט עמעצער צו אים, כאָטש עפּעס פרעגן, אפילו ווי שפּעט עס איז? יענער וואָלט איבערגעהאַקט זיינע געדאַנקען. עס שטעלט זיך ביי אים די פראַגע: ווו איז מיין לעבן אַוועק?. . . וואָס האָב איך דען געוואָלט?. . . וואָס האָט די פּאָליציי מורא פאַר מיר?. . . וויל איך דען, ווי אַנדערע, אויסגלייכן די וועלט, אַז ס'זאָלן נישט זיין קיין רייכע און אָרעמע?. . . כ'וויל לעבן, אַרבעטן, פאַרדינען. ער הייבט זיך אויף און גייט שפּאַ-צירן. ער איז דורכגעגאַנגען אַ גאַנצן קוואַרטאַל, באַטראַכט יעדן בוים. דער ווינט האָט געגלעט זיין קאָפּ, זיין פּנים, ווי דאָס וואָלט אַ מוטער אים געגלעט. די פייגעלעך האָבן אַזוי היימיש געשווישטשעט, ווי זיי וואָלטן אים גערופן צו זיין מיט זיי. אַלע מאָל זוכט ער פאַר זיך אַן אַנדערע שטאָט, אַן אַנדע-רע היים. ער זוכט עמעצן, ווער ס'זאָל אים איבערשלאָגן זיין טראַכטן.

ער זעצט זיך אַוועק אויף אַן אַנדערער באַנק. עס קומט צוגיין אַ יונג מיידל און זי פירט אַ יינגעלע ביי דער האַנט. זי לערנט עס שטיין אויף די פיס. דאָס קינד מאַכט עטלעכע טריט און ס'ווערט מיד. זי זעצט עס אַוועק אויפן צווייטן עק פון דער באַנק. לייבל פרעגט זי: „אַ ברודערל?". דאָס מיידל דערפרייט זיך, וואָס עס האָט זי עמעצער פאַר-טשעפּעט מיט אַ פראַגע און זי ענטפערט מיט אַ שמייכל: „יאָ, פון וואַנעט ווייסט איר?" עס אַנטוויקלט זיך צווישן זיי אַ גע-

שפּרעך וועגן פאַרשיידענע זאַכן. גלייכצייטיק דערקלערט לייבל, אַז ער איז אַ לערער און זוכט אַרבעט. דאָס מיידל טראַכט, ווי אַזוי קען מען מיט עפּעס העלפן דעם בחור? זי האָט זיך דערמאָנט, אַז אויף פּראָפּאָזשעסקו גאַס האָט זי מיט אַ שטיקל צייט צוריק געלייענט, אַז מען זוכט אַ לערער פאַר עברית און רומעניש. לייבל איז געווען גרייט אַרומצונעמען דאָס מיידל און זי קושן, נישט דערפאַר, וואָס זי איז אַ מיידל, נאָר ווייל זי האָט פאַרטריבן זיינע שלעכטע געדאַנקען און אים געגעבן נייע האָפענונג.

ער האָט איר אָפּגעדאַנקט, איז תיכף אַוועק צו געפינען די פּובליקאַציע און גלייך אַוועק אויפן אָנגעוויזענעם אַדרעס. ער קומט צו אַ הויכן פאַרמאַכטן טויער. פון דער אַנדערער זייט הערט זיך דאָס בילן פון הינט. ער טוט אַ קלונג און עס קומט אַרויס אַ יונגער, הויכער בחור. ער פרעגט אויף רומע-ניש, וועמען ער דאַרף? איז אים געקומען אויפן געדאַנק צו זאָגן: די פרוי פון דעם הויז. יענער האָט צו וויסן געטאָן דער מאַדאַם קעסלער, וועלכע איז צוגעקומען צום טויער. „איך בין אַ לערער, כ'קום וועגן דער פּובליקאַציע".

מען לאָזט אים אַריין אין הויף. אַרום איז אַ גע-מויערטע פאַרצאַמונג. זי רופט אים אַריין אין עק הויף, אין אַ קליין שטיבל, נישט צו זיך אין פּאַלאַץ. אַ פרעמדער דאַרף נישט זען, וואָס ביי זיי טוט זיך. דאָס קליינע שטיבל איז ווי אַ חדר, ספּעציעל צו לערנען די צוויי מיידלעך, לויט ווי לייבל האָט אויסגעפונען פון דעם געשפּרעך. לייבל האָט זיך אויך דערוווּסט, אַז די מיידלעך האָבן שוין געהאַט עטלעכע לערערס, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זיי און פון די הויכע טויערן מיט די גלעקערס. מען זוכט אויס די צוויי מיידלעך, ביידע דרייצן יאָר אַלט, אַ צווילינג. מער קיין קינדער זיינען נישטאָ. ביידע מיידלעך זיינען קאַפּריזנע, פאַרשאַרטע פאַר ווױלטאָג, פירן זיך מיט גרויסקייט פאַרן לערער, ווי זיי וואָלטן מער פאַרשטאַנען פון אים. לייבל האָט זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז די משפּחה איז רייך ווי קורח. אברהם קעסלער, איר מאַן, פאַרמאָגט אַ סך ערד אויף וועלכער עס אַרבעטן טויזנט אַרבעטער. קיין איין טריט טוט ער נישט אָן דעם פּייעטאָן.

די מיידלעך קומען אַריין און שטייען ביי דער טיר. די מוטער רופט זיי, אָבער זיי רירן זיך נישט. זי רופט זיי נאָכ-אַמאָל -- זיי שטייען. רופט זיך אָן לייבל: „מיידעלעך, כ'בין גע-

קומען דאָ צו זען ווי איר זיצט און כּיוויל רעדן מיט אייך, נישט ווי איר שטייט ביי דער טיר". זיי האָבן זיך באַרעכנט און זיך דערמאָנט, ווי דער פּאָטער האָט אויף זיי געשריגן, אַז קיין שום לערער וועט מיט זיי נישט לערנען.

לייבל האָט תיכּף געזען מיט וועמען ער האָט צו טאָן און געטראַכט, אַז זיי דאַרפן אַ ספּעציעלן פּעדאַגאָגישן צוגאַנג. ער האָט געבעטן צוויי העפטן פון דער פריערדיקער אַרבעט, וואָס זיי האָבן געמאַכט אין דער היים. פון דעם האָט ער פאַרשטאַנען, וואָס עס שטייט אים פאָר. ער האָט אָנגעהויבן לערנען מיט זיי, אָננעמענדיק אַנדערע מעטאָדן, ווי די פריער־דיקע לערערס. דאָס איז די מיידלעך געפעלן געוואָרן. ס'איז אויסגעקומען, אַז דער לערער דאַרף זיי געפעלן ווערן, און נישט זיי דעם לערער. זיי האָבן דערפילט, אַז צוליב דעם האָבן די פריערדיקע לערערס פון זיי זיך אָפּגעזאָגט. דאָס איז געווען אַ פּלוס פאַר לייבלען. זיי לערנען און עס שאַפט זיך אַ האַרמאָנישע פאַרשטענדיקונג צווישן זיי. זיי זיינען צופרידן, די עלטערן זיינען צופרידן און דער לערער. ס'איז אַ ביסל נישט געווען אָנגענעם, וואָס זיי געפינען זיך פאַרמאַכט ווי אין אַ תפיסה. אָבער דאָס געהערט שוין צו זיי.

אין בעלץ האָט זיך געשאַפן דער „בונד", אונטערן נאָמען „קולטור ליגע", מיט אַ דערלויבעניש פון פּאָליציי דעפּאַרטמענט. לייבל האָט אָנגעהויבן אַריינגיין דאָרט און איז געוואָרן אַ מיטגליד. די קולטורעלע אַרבעט איז אויסגעפירט געוואָרן דורך אייגענע כוחות. יעדער נעמט אָן אַ טעמע, גרייט צו אַ רעפעראַט און לייענט עס פאָר, נאָר מיט אַ תנאי, אַז ער וועט לייענען אויף יידיש. יעדער האָט איבערגעזעצט זיין רעפעראַט אין רומעניש, געגעבן איין עקזעמפּלאַר אין דער „סי־גוראַנץ". אויב זיי וועלן געפונען פאַר נויטיק, וועלן זיי צושיקן אַ פאַרשטייער, וואָס זאָל זיצן אין זאַל ביז צום סוף.

אין בעלץ איז געווען אַ פאַל, ווען אַ רומענישער יונגער אָפיציר האָט זיך באַקענט מיט אַ יידיש מיידל פון אָרטאָדאָק־סישע עלטערן. עס האָט זיך צווישן זיי פאַרקאָכט אַ ליבע, נישט אויף קיין שפּאַס, און זיי האָבן באַשלאָסן חתונה צו האָבן אויפן קריסטלעכן שטייגער אין אַ קלויסטער. דער אָפי־ציר איז געווען אַ קאַפּיטאַן פונעם רומענישן מיליטער, וואָס איז איינגעשטאַנען אין בעלץ. דאָס מיידל האָט אים זייער ליב געהאַט, איז זי איינגעגאַנגען אויף דעם. זי האָט אָבער אויך

זייער ליב געהאַט די רעליגיעזע עלטערן. האָט זי געשטעלט דעם אָפּיציר אַ באַדינג, אַז זי וועט אויספּילן אַלע רעליגיעזע יידישע מנהגים און ווען זיי וועלן האָבן קינדער, זאָלן זיי דערציִיגן ווערן אַלס יידן. דער אָפּיציר האָט צו אַלעם צוגע־שטימט. זיי האָבן חתונה געהאַט אָן די יידישע עלטערן. חנה פלעגט די גאַנצע צייט בענטשן פרייטיק צו נאַכטס די ליכט, האַלטן שבת, נישט עסן קיין חזיר, פסח עסן נאָר מצות, אפילו געפּועלט ביים רב, אַז זי מעג קומען אין שול אַריין דאַווענען.

ווען ס׳איז געבוירן געוואָרן אַ מיידעלע, זיינען דאַן גע־קומען די זיידע־באָבע און מ׳האָט זיך משמח געווען מיטן אייניקל. ווען דאָס מיידעלע איז אויסגעוואַקסן ביז אין די שולע יאָרן, האָט חנה אָנגעהויבן רעדן מיט איר מאַן, אַז זי וויל דאָס מיידעלע זאָל לערנען עברית און זיין אַ יידישע טאָכטער. דער אָפּיציר איז נישט געווען קעגן דעם. ער האָט אפילו אַליין אויך געוואָלט קענען די היסטאָריע פונעם יידישן פאָלק.

האָט חנה אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג צווישן די שכנים, אַז זי זוכט אַ לערער פאַרן קינד. לייבלס וווינונג איז נישט געווען ווייט פונעם אָפּיצירס, האָט ער זיך דערוווּסט וועגן דעם און איז באַלד געקומען. דער מאַן איז נישט געווען אין דער היים, האָט חנה זיך דורכגערעדט מיטן לערער און ער האָט אָנגעהויבן לערנען מיטן קינד פונעם סאַמע אָנהייב. דאָס ווּילע מיידעלע האָט גוט אויפגענומען דאָס לערנען. נאָך עטלעכע וואָכן האָט דער אָפּיציר זיך באַקענט מיט לייבלען און זיך געוויצלט, אַז ער אַליין וואָלט אויך געוואָלט לערנען עברית.

לייבל דינט אין מיליטער

נאָכן אָפּלערנען דריי חדשים באַקומט לייבל אַ רוף צו גיין דינען אין דער רומענישער אַרמיי. איז ער געקומען צו חנה, דעם אָפיצירס פרוי, אַז זי זאָל רעדן וועגן דעם מיט איר מאַן. יענער האָט געזאָגט, אַז אויב לייבל וועט קענען אויס־אַרבעטן, אַז מען זאָל אים שיקן אין זיין מיליטערישער אָפּ־טיילונג, וועט ער אים האַלטן ביי זיך. לייבל איז אַוועק אין דער אָפּטיילונג, ווו מען האַלט די נייע רעקרוטן און דאָרט געפּועלט, אַז מען זאָל אים שיקן צו דעם קאַפּיטאַן אין בעלץ.

דער אָפיציר, חנהס מאַן, האָט גערופן לייבלען צו זיך און אים געהייסן קומען צומאָרגנס אין דער מיליטער אָפּטיי־לונג. דאָרט האָט דער קאַפּיטאַן אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט אים יעדן חודש געבן אַ באַפרייונגס דאָקומענט אויף אַ חודש און ער וועט אַזוי אַרום קענען אָנהאַלטן די לעקציעס. אויב ס'וועט זיין אַ קאָנטראָל, וועט ער אים לאָזן וויסן פריער, וועט ער קומען, זיך אָנטאָן דעם מיליטערישן מונדיר און דאָרט זיין ביז די קאָנטראָל וועט איבערגיין. אַזוי האָט זיך געפירט אַ יאָר צייט. לייבל האָט געגעבן זיינע לעקציעס, גע־גאַנגען אין דער „קולטור ליגע" און געווען פריי.

נאָכן יאָר איז אָנגעקומען אַ באַפעל, אַז מ'דאַרף אַוועקשיקן 20 סאָלדאַטן קיין יאַס אין דער אָפיצירן־שולע, צווישן וועלכע לייבל איז אויך אַריינגעפאַלן. דער קאַפּיטאַן האָט שוין מער גאָרנישט געקענט טאָן פאַר אים. לייבל האָט געמוזט זיך אָפּזאָגן פון געבן לעקציעס און אַוועקפאָרן קיין יאַס. ער האָט באַדאַרפט פאַרענדיקן די אַרמיי אין אַ האַלב יאָר אַרום. דאָרט איז ער געווען פאַרמאַכט. גיין אין שטאָט האָט ער נאָר געקענט מיט אַ דערלויבעניש. און אַזוי איז

אַדורך דאָס האַלבע יאָר. ער איז צוריק געקומען מיט דעם דאָקומענט, אַז ער האָט פאַרענדיקט די אָנדערטהאַלבן יאָר אין דער אַרמיי. וואָס טוט מען ווייטער?. . . וואָס האָט ער ביז איצט אויפגעטאָן?. . .

אין בעלץ איז געווען זייער אַקטיוו די חלוצישע באַוועגונג. ס'האָבן זיך געפונען חברים, וועלכע האָבן אַגיטירט מען זאָל פאָרן אויף הכשרה פון „השומר הצעיר". עס האָט זיך פאַרשריבן אַ גאַנצע גרופּע און זיי האָבן צוגערעדט לייבלען אויך זיך צו פאַרשרייבן. האָט זיך לייבל פאַרשריבן און האָט אָנגעהויבן קומען אין דער אָרגאַניזאַציע פאַר צוגרייטונג. צום סוף איז ער, מיט נאָך 15 יינגלעך און מיידלעך, אַוועקגעפאָרן אין אַ גרויסער פאַרם אָפּצואַרבעטן 10-8 חדשים. די אַרבעט איז נישט געווען קיין גרינגע, נאָר אַ פריילעכע. מידע נאָך דער אַרבעט פלעגן זיי זינגען אויפן קול און געפירט אַ קאָלעקטיוו לעבן און אַ קולטורעלע אַרבעט.

איידער ער איז אַוועקגעפאָרן איז לייבל אַריין צו זיין פאָטער און אים דערציילט, אַז ער פאָרט אויף הכשרה. ווערט זיין פאָטער מלא כּעס און זאָגט: „ביסט געפאָרן לערנען, דאָס פאַרשטיי איך, נאָר פאָרן אַרבעטן אויף פעלדער, מיט דעם בין איך נישט מסכים. אויב דו וועסט יאָ פאָרן, וועסטו נאָך 10 חדשים קומען כ'זאָל דיר געבן געלט צו פאָרן קיין פּאַלעסטינע, וועל איך דיר קיין געלט נישט געבן. פאָרן אין דער וועלט אַריין, אפילו קיין פּאַלעסטינע, בין איך נישט קעגן, אָבער מיט הויך-בילדונג. אָן דעם בין איך קעגן". און ער האָט אפילו אים נישט געוואָלט געבן די האַנט זיך צו געזעגענען. איז לייבל דווקא געפאָרן און אָפּגעאַרבעט 9 חדשים אויף הכשרה. ער האָט באַקומען דעם סערטיפיקאַט מיט רעכט אַריינצופאָרן אין לאַנד אַריין, אָבער קיין געלט אויף דעם האָט ער נישט געהאַט. זיין פאָטער האָט געהאַלטן דאָס וואָרט און אים נישט געוואָלט העלפן.

לייבל האָט זיך דערוואַרט, ביז די סאָוועטן זיינען אַריין קיין בעסאַראַביע. ער איז געוואָרן אַ לערער אין טעלענעשט און דאָרטן חתונה געהאַט. אַזוי האָט ער זיך דערוואַרט די צווייטע וועלט-מלחמה.

פון מחבר

דאָס בוך, מיין צווייט בוך אין טאָראָנטאָ, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון אַ בוך-קאָמיטעט אין 1993. עס איז געשריבן אין אַ פּאָלקסטימלעכן, צוגענגלעכן יידיש, מיט גרויסע אותיות, כדי עס זאָל נישט זיין שווער פאַרן לייענער. עס איז באַזירט אויף אמתע פאַקטן און זכרונות, וועלכע איך געדענק נאָך פון מיינע יונגע יאָרן אין בעסאַראַביע, רומעניע און רוס-לאַנד. איך האָב זיך באַמיט, לויט מיינע מעגלעכ-קייטן, אָנצוגעבן גענוי ווו און ווי עס האָט פּאַסירט. איך האָף, אַז דאָס בוך וועט געפעלן ווערן דעם לייענער.

איך וויל אויסדריקן מיין האַרציקן דאַנק די חברים פון בוך-קאָמיטעט, מיט חבר ש. סימכאָוויטש בראש. מיין דאַנק אויך דעם בוך-קאָמיטעט פון דער „נייער פּראָטערנאַלער יידישער געזעלשאַפט", מיט פריינד ש. ליפשיץ בראש, ווי אויך פיל אַנדערע פריינד און פאַרערער, וועלכע זיינען געווען בייהילפיק ביים אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע בוך. כ'וויל אויך דאַנקען פריינד אַלעק סילווער פאַר זיין איבערגעגעבנקייט און אויפמערקזאַמקייט ביים צוזאַמענשטעלן דאָס בוך, און אַ דאַנק צו אַלען אַדלער, אייגנטימער פון „אַדלער גראַפיקס", פאַר זיין קאָאָפּעראַציע.

אַ.ק.

ביכער פון זעלבן מחבר

„יזכור בוך, קאָפּרעשט" -- ישראל, 1980

„יזכור בוך, טעלענעשט" -- ישראל, 1982

"МАТЬ И MAZEXA" TORONTO 1990

„צווישן צוויי וועלט מלחמות" - טאָראָנטאָ, 1991

"JEWISH LIFE IN BESSARABIA" - Oakville, Ont. 1993

„מאָראַל, מוט און גלויבן" -- טאָראָנטאָ, 1993

אינהאַלט

פּאַרוואָרט (יידיש)........ vii
About this Book........ ix
בערל ביכער........ 1
פון פּאָדאָליע קיין קישענעוו........ 7
בערל אָרדנט זיך איין........ 11
יאַנקל דער איינבינדער........ 17
אַן אוצר אין דער בלאָטע........ 22
יאַנקעש בערמאַן דער דאַמען שניידער........ 28
שימעלעס סורפּריז........ 40
קיסאַ טרעפט זיך מיט איר מוטער........ 47
זינאַ ווערט קראַנק........ 58
זינאַ שטאַרבט אַוועק........ 61
קיסאַ האָט חרטה........ 65
קיסאַ ווערט אַ ידישקע........ 69
הרב הגאון יהודה לייב צירעלסאָן........ 78
קיסאַ קריגט דעם גיור........ 81
שמעון טוישט זיין אַרבעט........ 92
פסח ביים סדר........ 100
קיסאַ פאָרט אויף הכשרה........ 104
שמעונס ערשטע שליחות........ 108
קיסאַ איז דערפאָלגרייך........ 123
קיסאַ האָט חתונה........ 130
די עליה קיין ארץ-ישראל........ 134
אַנטיסעמיטיזם אין בעסאַראַביע........ 136
בעסאַראַביע (פּאָעמע)........ 138
קאָפּרעשט........ 140
מיין היים-שטעטל
(אויסצוג פון אַ גרעסערער פּאָעמע)........ 146
זכרונות פון הילף און דערמוטיקונג
אין די אַלטע ידישע שטעטלעך........ 148
מיין זיידע דוד (פּאָעמע)........ 154
צוויי ברידער זוכן פרייהייט און גלייכהייט........ 156
אין ציגן-לאַנד (פּאָעמע)........ 163
דער בעל שם-טוב און טעלענעשטער וויין........ 165
פסח אין שטעטל (פּאָעמע)........ 169
איסאַק באַבעל, זיין לעבן און שאַפן........ 173
יאָסקע דער שוסטער........ 178
די געשיכטע פון אַ פּריוואַטן לערער........ 184
לייבל פאָרט קיין יאַס........ 198
אַן אַנטיסעמיטישער פאַל........ 209
לייבל זוכט און געפינט אַרבעט........ 212
ווידער צרות פון קאָמוניזם........ 231
לייבל פאָרט קיין בעלץ........ 233
לייבל דינט אין מיליטער........ 239
פון מחבר........ 241
ביכער פון זעלבן מחבר........ 241